STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04541

BAL-SHEM-TOV MOTIVN UN ANDERE DERTSEYLUNGEN

A. Weitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א ב ר ה ם ו וי ץ

בעל-שם-טוב מאָטיוון
און
אַנדערע דערציילונגען

Ouvrage publié avec l'aide
de la Commission du Livre
du F.S.J.U.

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון דער בוך־קאָמיסיע
ביים פאַראייניקטן סאָציאַלן פאָנד אין פּאַריז.

אַ טיפע דאַנקבאַרקייט דעם פאָרזיצער
פון שרייבער־פאַראיין לעאָן לענעמאַן:
פאַר זיין אינטערווענץ, אַז דער דאָזיקער
באַנד דערציילונגען זאָל קענען דערשיינען.

ABRAHAM WAJC

Bal-Schem-Tov motivn
(Bal-Schem-Tov et son disciple)

© Copyright by A. Wajc
33, rue des Chaufourniers
75019 Paris

Printed in France

Imprimerie IM.PO., 65, rue du Fg-St-Denis, 75010 Paris

אברהם ווייץ

בעל־שם־טוב מאטיוון
און
אנדערע דערציילונגען

פאַרלאַג „זלמן שניאור"
פּאַריז, תשל"ז
1977

ביישטייערונגען:

חנהלע ווײַנבערג
משה זילבערג
מישעל ראָזענבלום
אברהם טרויבע
סאָמועל גראַבוס
יאַנקל קוויאַטעק
ישראל בעלכאַטאָווסקי
אַבראַשאַ סלוכאָווסקי
יששכר פינק
מענדל גליקסמאַן
י. פינער־בורשטין
ישראל שוואַרץ
מרדכי קאַגאַן
פאַמ. פרידמאַן
פאַמ. גאַרפיין
יעקב קאַץ
י. ח. קלינגער (לאָנדאָן)
שלום בריצמאַן
ברוך גורוויטש
פ. שאַמעס

גרויס אָנערקענונג דעם חשובן קולטור־
עסקן חיים קערבער פאַר זיין באַמיאונג
און פינאַנסיעלער בייהילף, אַז דאָס דאָזיקע
ווערק זאָל דערזען די ליִכטיקע שיין.

פּאָרטרעט — פון מאָלער ב ע ן

אילוסטראַציעס — פון מיניאַטוריסט ד ו ד ט ו ש י נ ס ק י

אַ וואָרט פריער

די דערציילונג „דעם קעניגס ווייס פערד", איז געבויט אויף דער האַלב־לעגענדאַרער, האַלב־רעאַליסטישער פאָלקס־מעשה, וואָס געהערט נאָך אַלץ צו דער תורה שבעל־פה, ד. ה. איך האָב זי אַרויסגענומען דירעקט פון פאָלקס־מויל אַ רויע, אַן אומגעשליפענע, אַ פּאָרמלאָזע, און במילא אָן קאָנסטרוקציע.

איך וועל דאָ גאָרנישט מחדש זיין, אויב איך וועל זאָגן, אַז אונדזער פאָלקלאָר, דער תּלמודישער ווי דער חסידיש־רבני־שער, די אגדות, וואָס ח. נ. ביאַליק מיט ראַווניצקין האָבן גע־זאַמלט און אַרויסגעגעבן אין יידיש, ווי בכלל די גאַנצע פאָלק־לאָראַטור, וואָס באַשטייט פון גלייכווערטער, חסידישע וואָרט־שפילערייען, פאַנטאַסטישע ניסים־ונפלאות מעשיות, ניגונים, טענץ און הומאָר, באַנאַנד מיט די נחמן בראַצלאַווערס צויבערפולע מוסר־השכלדיקע שאַפונגען — געהערט צו די סאַמע רייכסטע „גאָלד־מינעס" וואָס זיינען נאָך עד היום נישט אויסגענוצט געוואָרן פון אונדזערע וואָרט־קינסטלער.

אוודאי קען מען דאָ אָנווייזן, אַז אין אַלע צייטן האָבן מיר געהאַט „טויכערס", וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו די סאַמע טיפסטע גרונטן פון אונדזער פאָלקלאָר און זיינען אַרויפגעקומען מיט עכטע פערל.

ס'וועט זיין גענוג צו דערמאָנען א. מ. דיק, אַ. וואָלפזאָן — צוויי פון די עלטערע פאָלקסטימלעכע שרייבער — אונדזער קלאַ־סיקער י. ל. פּרץ, אברהם גאָלדפאַדען, ש. אַנ־סקי, שלום אַש, ה. לייוויק, ש. פרוג, י. י. טרונק, דוד פּינסקי, איציק מאַנגער און צענדליקער אַנדערע.

מ׳דאַרף דאָ אויך נישט פאַרגעסן די אַנאָנימע און באַקאַנטע פּאָעטן פון יידישן פאָלקס־ליד און די קאָמפּאָזיטאָרן וואָס האָבן צו די פּרימיטיווע פאָלקס־לידער געשאַפן מוזיק, אָבער נאָך די אַלע דערמאָנטע און אַרויסגעלאָזטע דערגרייכונגען, האָבן מיר אויפן פעלד פון יידישן פאָלקלאָר איבערגעלאָזט און פאַרלאָזט גרויסע אייגענע אוצרות און זיינען אַוועק אויף פרעמדע פעלדער זוכן וועלט־טעמאַטיק.

פאַוואָס אייגנטלעך מאַכט אַ פאָלקס־מאָטיוו אַזאַ געוואַל־דיקן רושם אויפן לייענער אָדער צוהערער? ווייל בעת דער קונסט־אָפּנעמער דערהערט אַ פאָלקס־שאַפונג, אַ לעגענדע אָדער פאָלקס־ליד, דערפילט ער אַז ער איז אַ שותף צו דער דאָזיקער שאַפונג. וואָרים די רודימענטן, דער בראשית־בראָדיקער רוי־שטאָף שטאַמט דאָך פון פאָלק גופא. ס׳איז דאָך איבעריק אָנצווייזן, אַז פרצן, למשל האָט דאָס פאָלק שוין געהאַט צוגעגרייט אַ גרויסן אוצר פון פאָלקלאָר, וואָס האָט אין זיך איינגעשלאָסן סיי די בענק־שאַפטן און חלומות פונעם פראָסטן חי־וקים, פון שוסטער, שניי־דער, קצב־יונג און דינסט־מיידל, סיי די אַבערגלויבענישן פון דער רעליגיעז־מיסטישער רבנישער וועלט מיט אירע זמירות־ניגונים און בעל־שמישע ריקודימלעך.

מ׳דאַרף אָבער דאָ למען־האמת אונטערשטרייכן, הגם דאָס איז מער ווי פאַרשטענדלעך, אַז די ציגל פון פאָלקלאָר וואָס דאָס פאָלק האָט צוגעטראָגן צום בנין פון אונדזער מאָדערנער וועלט־קונסט, זיינען נישט געווען און האָבן נישט געקענט זיין קיין פאַרטיקע מאַטעריאַלן, קיין אויסגעשליפענע שטיינער, גרייטע איינצופאַסן ווי רינגען אין דער „גאָלדענער קייט״ פון אַ מאָדער־נער ליטעראַטור.

טייל קולטור־מענטשן אפילו מיינען, אַז באַאַרבעטן אַ פאָלק־לאָר איז פיל לייכטער ווי אָנצושרייבן אַן אייגן צוגעטראַכט ווערק. לאָמיר הערן וואָס יעקב פיכמאַן האָט וועגן דעם געזאַגט:

„דווקא פאָלקס־קונסט פאָדערט קולטור, זייער אַ סך קול־טור. מעגלעך, אַז דווקא דער פאָלקלאָר פאָדערט די גרעסטע מייסטערשאַפט. נאָר די פלאַכע מיינען, אַז פאָלקס־קונסט איז גרינג, נאָר ווען מיר אַליין הייבן זיך אויף, הייבן מיר מיט זיך מיט די פאָלקס־שאַפונג, נאָר דעמאָלט באַמערקן מיר זי, ד. ה.: ווייסן מיר, וואָס צו באַמערקן אין איר, ווי אַזוי זיך לאָזן

באַפּרוכפּערן". — (יעקב פּיכמאַן, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַר־שע, 14 פעברואַר 1930).

די דערציילונג „דעם קעניגס ווייס פערד" איז נישט מיין ערשטע און האָפנטלעך נישט מיין לעצטע — פאָלקלאָריסטישע דערציילונג.

אָבער איך בין נישט זיכער, צי כ'האָב פאַר דער פּרימיטיווער פאָלקס־מעשה, וואָס האָט זיך אגב נאָך נישט באַוויזן אין קיין שום זאַמלונג — געפונען די געהעריקע וואָרט־מוזיק. דערביי האָב איך אויך בזכרון דאָס באַרימטע וואָרט פון לאַמאַרטין:

„דאָס געטלעכע וואָס איז אין אונדז פאַראַן געפינט קיינמאָל נישט קיין אויסדרוק, ווייל שפּראַכן זיינען נישט מער ווי מיטלען".

אָבער ביז גאָר טרייסטנדיק איז וואָס נאָך אַלע מקוננים און יאושיסטן, האָבן מיר נאָך פאָרט פאַר וועמען אָנצושרייבן אַ פאָלקס־דערציילונג, וואָרים ווי זאָגט אונדזער איציק מאַנגער צום בראַצלאַוועס זיבטן בעטלער:

זיבעטער בעטלער, דו דרימלסט, דו שווייגסט,
און די וואָלקנס ווערן שווערער —
מיר וואַרטן, דערצייל, טאָמער ווערט צו שפּעט,
ווער וועלן זיין די הערער?

דער מחבר.

פאלקלאריסטיק

דעם בעל-שם-טוב׳ס תלמיד און דער בישאָף

א

באַלד נאָך דער פּטירה פון בעל-שם האָט זיך זיין תלמיד, רבי יעקב, געראַנגלט מיט אַ געדאַנק, וואָס האָט אים אויף אַ רגע נישט צורו געלאָזט. די מחשבה איז אים ממש ווי אַ שאָטן פאַרלאָפן דעם וועג.

„געדענקסטו, וואָס דער רבי ר׳ ישראל האָט דיר פאַר דער פּטירה אָנגעזאָגט?"

— „אוודאי געדענק איך — האָט רבי יעקב געענטפערט זיין מחשבה — אָבער איך קאָן עס עפּעס נישט באַנעמען מיטן שכל. אַרומשלעפּן זיך איבער דער וועלט און דערציילן מעשיות? און גראָד איך פון אַלע „ששים גיבורים", פון אַלע זעכציק תלמידים. מילא, אַז מען קומט צו יידן בעטן אויסלייז־געלט פאַר די אָרעמע אַרענדאַרן, וואָס די פּריצים האָבן געפאַנגען פאַר חובות, זיי פאַרמאַכט אין פינצטערע קעלערן און פאַסעווען טאָג־טעגלעך זייערע לייבער ביז בלוט, אַזאַ שליחות איז ביי מיר טאַקע גרויס און הייליק! אָבער מיין רבינס זאָג, אַז פון מעשיות וועל איך גאָר ציען חיונה... האָט דען מיין רבי נישט געוווסט, אַז נאָר די תפילה, וואָס איך זינג אויס בחדוות־הלב, דערהויבט מיך און מאַכט מיך גליקלעך, בינדט מיך ווי מיט אַ גאַרטל צו צום בורא־עולם. דערריי־בער איז מיין רבינס צוואה פאַר מיר ממש אַ רעטעניש. אָבער מסתמא דאַרף איך דאָך מיט מיינע מעשיות עפּעס מתקן זיין".

און טאַקע נאָך פאַר די שלושים, בעת רבי יעקב איז געזעסן אין זיין חדר מיוחד פאַרזונקען אין טרויער און געלערנט משניות לכבוד זיין רבינס נשמה, האָט ער אַמאָל אין אַ שפּעטלעכער אָוונט־שעה אַריינגערופן זיין ווייב.

— רייזל, רייזל!

— אַ גלעזל טיי, יעקב?

— וויפל מאָל האָב איך שוין געזאָגט, אַז אין די שלושים וויל איך נישט קיין הנאה האָבן פון זיסע זאַכן. לאָמע נאָר אַריינקומען.

די טיר האָט זיך פאַוואָלינקע געעפנט. רייזל איז אַריין מיט צוריק־געהאַלטענע טריט, גלייך ווי זי וואָלט באַטרעטן די שוועל פון אַ מקום־קדוש. איר פנים האָט דערמאָנט אין אַ צעקנייטשט־צעקנוידערט שטיק פאַרמעט. אירע פרומע, תפילהדיקע אויגן האָבן זיך פאַרקוקט אויפן חלב׳ן ליכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשאָטנט אויף דער צעקרישלטער, גע־קאַלכטער וואַנט, געשטרייפט מיט פאַליצקעס אַלטע ספרים. זי האָט מיט חידוש געקוקט אויף איר מאַן, באַמערקט ווי זיין פלייצע איז פו־נעם נאָכאַנאַנדיקן בוקן זיך פאַרן יידישן אות געוואָרן מער אויסגעקרומט, און זיינע געלע באַקן־פעלדער — גריבלדיקער.

— רייזל — האָט רבי יעקב מיט די פינגער זיך געקעמט זיין זילבער־ווייסע טאַבאַק־געפלעקטע באָרד — לאָמע מיר אויסוואַשן אַ פאָר העמדער, אויסזוכן דעם בעסטן זאַק. באַלד נאָך די שלושים לאָז איך זיך אין דער וועלט אַריין.

— וואָס רעדסטו, יעקב?! דו פאַרלאָזט אונדז? — האָט זיך אין רייזלס האַלדז אָוועקגעשטעלט אַ טרער — ווייַ איז מיר! ווו וועל׳ך זיך אַהינטאָן מיט פיר דערוואַקסענע מיידן, פיר חופות צו שטעלן אין איין טאָג. ביזטו דאָ, יעקב קרוין, ברענגסטו תמיד עפּעס אַהיים. כ׳באַקום אין דיין זכות אַמאָל אַ הלוואה פון ר׳ איטשקע שענקער. חייקל קרעמער גיט מיר אויך אויף באָרג אויס דרך־ארץ וואָס דו ביסט ביים בעל־שם געוועז... אָבער אַז דו וועסט נישט זיין אין שטאָט?

— דער בורא עולם, רייזל מיין ווייב, וואָס שפּייזט אפילו אַ ווע־רעמל וואָס קריכט אַרום אין אַ פעלדזן־שטיין, וועט דיך מיט די קינדער חלילה נישט פאַרלאָזן. איך גיי טאַקע אַוועק, אָבער איך נעם אייך אַלע מיט אין האַרצן. איך מוז דאָך אַוועקגיין, דער רבי האָט דאָך מיר אויפן טויטן-בעט אָנגעזאָגט צו וואַנדערן איבער דער וועלט, דערציילן מעשיות, הערסטו, דערפון זאָל איך גאָר האָבן פרנסה־בריווח.

— ס׳וואָלט שוין צייט געווען, טאַטע זיסער אין הימל! — האָט רייזל מיט אַ פאַרקלעמט קול געזאָגט — די נויט איז גרויס. דער ליימע־נער אויוון דערינען קאָפּשעט; מ׳דאַרף אין די גרעסטע פרעסט האַלטן אויפגעפּראַלט טירן־פענצטער. ס׳האַרץ שניידט מיך ווי מיט מעסערס, ווען ס׳קומט אַ יום־טוב... מילא, אין די טעפּ וועט מיר קיינער נישט אַריינקוקן. אָבער מ׳דאַרף דאָך קינדער אַרויסשיקן אין גאַס אַריין...

דערוואַקסענע מיידן. רחל, זאָל מיר לעבן און געזונט זיין, איז שוין נישט קיין קינד. דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט... יאָ, נחומקע...

— נחומקע? — האָט רבי יעקב אויפגעציטערט — אפשר וואָלט מע זיך צוגעזעצט, רייזל. מ׳דערציילט דאָך עפּעס פּלאי פּלאָימדיקע זאַכן. פּשאַ־פּשאַ־פּשאַ! נחומקע דער עלוי, וואָס דער בעל־שם האָט זיך אָנומלט ווינטער געהאַט אויסגעטאָן דעם שאַליק און פאַרוואָרפן אויף נחומקעס נאַקעטן האַלדז? ווייסטו, גאַנץ מעדזשיבאָזש איז דאָך דעמאָלט געגאַנגען אויף רעדלעך. די סאַמע גרעסטע גבירים מעסטן זיך אָן דעם בחור פּאַר אַן איידעם. זאָל ער גאָר פאַלן אויף מיין אָרעם הויז? מסתמא אצבע אלוקים, גאָטס פינגער.

— כ׳ווייס נאָר — האָט זיך רייזל אַראָפּגעזעצט — אַז אונדזער רחל בראָט בגנבה קאַרטאָפּעלעך, טראָגט זיי אַוועק אין אַ טעפּל אַש, אַז זיי זאָלן צו אים אָנקומען וואַרעמערהייט. ביים בית־המדרש־פענצטערל, ווו ער זיצט און לערנט, זאָל זיין אויסגעהאַקט אַ שויב.

— הער נאָר די חכמים פון הינטערן אויוון אַפּער מיט מיין טאָכטער בראָש. ווייסט ער דאָך מסתמא נישט ווער, וואָס, ווען... אַ ליימענער טאָפּ האָט דאָך אויך אַן אויער און הערט נישט.

— ער ווייסט יאָ, יעקב. ער האָט איר ערשט יענע וואָך, ווען ס׳איז געווען אַ זאַוויערוכע, געזאָגט: אַ שיינעם דאַנק, רחל בת רייזל! איך זע דיין שאָטן אויפן שניי. לויף גיך אַ היים, דו קענסט דיך נאָך חלילה דערקילן.

— גיי פריי זיך — האָט ר׳ יעקב אָנגעקוקט זיין ווייב — ס׳וואָרט נעבעך אויף אים יענער נדן. כ׳בין דאָך אַ דלפן אין זיבן פאַלעס. אָבער אויב גאָטס רצון איז דערביי. דער שידוך וועט מיר צוגעבן כוחות צו וואַנדערן. דוד המלך האָט מיר צוגעזאָגט אין תהילים: ה׳ ישמר צאתך ובואך.

— וואָס איז דאָס טייטש, יעקב?

— גאָט וועט היטן דיין אַרויסגיין אין וועג אַריין און דיין צוריק־קומען.

— הלוואי, רבונו של עולם! — האָט רייזל אויסגערופן מיט אַ תפילהדיקן ניגון — און וועגן הוצאות טראַכסטו גאָרנישט מיין מאַן?

— כ׳האָב טאַקע נישט, אָבער מ׳דאַרפט נישט. איך וועל זיך קודם־כל אַוועקלאָזן צו די בערג־יידן. אמת, זיי זיינען נעבעך גרויסע עם־הארצים, ליגן אין די דאָרפישע וויין־קעלערס, שיכורן רחמנא לצלן נישט

ווייניקער ווי די קאַרפּאַטן־פּויערים, אָבער בעת איך וועל צו זיי קומען מיט אַ מעשה נורא, ובפרט פון בעל־שם־טוב הקדוש, וועלן זיי בלי שום ספק אַוועקשטעלן אין אַ זייט דעם בעסטן ווייַן און זיך קוויקן מיט מייַן וואָרט. ביי זיי וועל׳ך דאַך לפּחות פאַרדינען אויף הוצאות אין אַ שכנותדיקער שטאָט אַריין. און אַזוי, רייזל מייַן ווייב, וועל איך גיין מיט מייַן זעקל און פעקל איבער דער וועלט. גאָט וועט זיין מייַן היטער און באַשיצער ביי דער רעכטער האַנט.

רייזל האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט.

— ס׳האַרץ טריפט מיר. כ׳וואָלט זיך גערן צעוויינט. ווער ווייסט ווי לאַנג מיר וועלן זיין צעשיידט. מסתמא וועט עס דאָך זיין צום גוטן. דער בעל־שם האָט דאָך דיך געהייסן. איך גיי שוין אַריין נאָכזען די וועש און דיר אויסזוכן אַן אומגעלעכערטן זאַק. דו וועסט דיר דאַרפן פאַרלאַטעווען די שטיוול. אַ ליימיקע געגנט. כ׳וועל ציילן די טעג ווי די שטערן אין הימל. אפשר דערוואַרט אונדז נאָך אַ פּאָר גוטע, זאַטע יאָרן.

— אַ גוטע נאַכט יעקב! — האָט זיך רייזל זיפצנדיק אַרויסגעשלייכט.

רבי יעקב האָט מיט אַ טיפן רחמנות־געפיל זיך איינגעהערט אין זיין ווייבס אָפּגייענדיקע טריט.

ב

אָפּגעוואַנדערט אַ חודש צייט, איז רבי יעקב איינמאָל אין אַ ווינ־טער־אָוונט אָנגעקומען אין אַ פרעמד שטעטל אַריין.

דאָס שטעטל איז געווען האַלבלעך פאַרזונקען אין שניי. די דעכלעך פון די נידעריקע הייזקעס — באַדעקט מיט קאַנטיקע ווייסע שינדלען; ביי די ראַנדן — אייז־צאַפּנס ווי קרישטאָלענע קאַנדעלאַברעס אַרום אויסגעלאָשענע שויבן. איבער טייל דעכער האָבן זיך געשנירלט דינע רויכלעך.

רבי יעקב שפּאַנט אַריין אין אַ פּוסט געסל. די שניי־גרייפּעלעך, אויף די שמאָלינקע אומברוקירטע טראָטואַרן, פינקלען און בלישטשען, גלייך ווי אַ בת־מלכה וואָלט דאָ אָקאָרשט פאַרבייגעגאַנגען און צעשאָטן אירע פּערל. צוויי טויבן זיינען די איינציקע נפשות וואָס שוועבן דאָ אַ ווײַלינקע אַרום, לאָזן אין דער שטילקייט איבער אַן אָפּהילכענדיקן געקראַקע און פאַרשווונדן.

ער בלאָנקעט אַריין אין אַ צווייט געסל און קוקט זיך אַרום. אויף אַ פֿאַרפֿרוירענער שויב, ווי איבערגעצויגן מיט מילכגלאָז, שפּיגלט זיך אָפּ אַ חנוכּה־לייכטער מיט אַ צוויי דריי בלישטשיקלעך. ערגעץ־ווו כיקעט אַ וואַנט־זייגער אויס די שעה. אַ שליטנדל פֿאָרט פֿאַרביי. אויפֿן פֿערדס האַלדז קלינגען גלעקלעך.

רבי יעקב האָט אויפֿגעהויבן זיינע פֿאַרבענקטע אויגן צום הימל, דערזען דעם סערפּ פֿון דעם נייעם מולד־טבֿת וואָס איז אים פֿאַרגעקומען אַזוי היימישלעך־נאָענט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך איצט געפֿונען אין זיין אייגן שטעטל ווו ער קען אַזוי גוט יעדן שטיין און יעדנס געביין, אַז אָט־אָט עפֿנט ער אַ טיר און גייט אַריין צו ווייב און קינדער.

ער האָט דערהערט אַ געסקריפּע פֿון אַ פּאָר שווערע שטיוול. פֿאַר אים איז געשטאַנען אַ נאַכט־וועכטער אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גראָבע שטריק, באַהאַנגען מיט אַ קניפּל גרויסע שליסלען. דער נאַכט־וועכטער האָט געפֿירט אַ הונט אויף אַ פֿאַרזשאַווערטער קייט. דער הונט האָט זיך אַ ריס געטאָן און גענומען האַווקען.

דער נאַכט־וועכטער האָט בייזלעך אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס זוכסטו בעטלער?

— דאָס בית־המדרש.

אין בית־המדרש האָט שוין רבי יעקב געטראָפֿן אַ כּנופֿיא מדינה־גייערס מיט זעקלעך און פּעקלעך. די אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע אורחים האָבן אַרומגערינגלט די צוויי ליימענע אויוונס. אין בית־המדרש איז כּמעט געווען פֿינצטער. דער הענגל־לייכטער האָט דערמאָנט אין אַ שטיק הימל מיט אויסגעלאָשענע שטערן. בלויזביים עמוד האָט זיך געטאָפּיעט אַ שטיק חלבֿ־ליכט, וואָס האָט געוואָרפֿן אַ קאַרגלעכן אָפּשיין אויפֿן אָרון־קודש, פֿאַרצויגן מיט אַ שוואַרץ־סאַמעטענעם פּרוכת, באַשלאָגן מיט פֿאַרביקע כּרובֿים און גאָלדענע אותיות. אויף די געקעסטלטע בית־המדרש־פֿענצטער האָבן זיך, ווי אויף אַ זילבער־גלאָז, געצייכנט כּלערליי פֿראָסט־בלומען.

רבי יעקב האָט אין דער פֿינצטער אַפֿילו דערבליקט די ספֿרים אין די דריי־פֿאַכיקע פּאָליצעס, אויפֿגעשטאַפּלטע ביז צום סופֿיט. ער איז געבליבן שטיין מיטן זעקל אויפֿן אַקסל און זיך איינגעהאָרכט אין דער מחלוקת וואָס האָט דאָ געהאַט אויסגעבראָכן צווישן די בעטלערס.

אַ קול האָט אַרויסגערעדט פֿון דער פֿינצטערניש:

— די קעפּ וועל איך אייך שפּאַלטן, פּושעים, אַפּיקורסים! האַלץ

פון אַן אַלטן בית־עולם וועט איר ברענגען? אַזאַ חלול המתים! דערוואַ־רעמען דעם אויוון מיט האָלץ פון אַ גדר, וואָס צוימט אָפּ דעם עולם־האמת פון עולם־השקר. דאָס וועל איך נישט דערלאָזן.

— ר׳ צבועק! — האָט אַ צווייט קול געענטפערט — מיר ברעכן דען איין דעם פּלויט? ער ליגט דאָך שוין אַזוי יאָרן־לאַנג איינגעוואַ־ליעט. די מצבות האָבן זיך דאָך שוין מכמה יאָרן אַראָפּגעזעצט. כאַפּט די כאָלערע די געמינע מיטן ראש־הקהל באַנאַנד! אויב זיי מאַכן נישט צו רעכט דעם פּלויט, שענדן דעם כבוד פון די טויטע, מעגן מיר נעמען האָלץ צו דערוואַרעמען די אברים פון די לעבעדיקע.

אַ קאַליקע מיט אַ קוליע אונטערן אָרעם האָט זיך אַ שיב געטאָן פון איין אויוון צום צווייטן.

— געוואַלד, גזלנים! דער אויוון איז דאָך נאָך לעבלעך. מ׳קען אים דאָך נאָך דערראַטעווען. מ׳דאַרף זיך דאָך אויסטריקענען די אָניצעס. וואָס ווילט עץ איך זאָל אונטערהייצן מיט מיין קוליע און אָרומהאָפּסלען אויף איין פוס? קומץ! ווער ס׳וועט מיר שטערן צו נעמען האָלץ וועל׳ך צודעקן מיט אַ ברעט. כ׳זאָל אַזוי גיך פּטור ווערן דאָס בעטל־ברויט.

ס׳האָט זיך אָבער קיינער נישט גערירט. און אפילו דער קאַליקע גופא, איז געבליבן שטיין אַ צוריקגעצויגענער. ס׳איז אים אָפּנים באַ־פאַלן אַ פּחד. ס׳איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן.

— איי, יידן, יידן! — האָט רבי יעקב געזאָגט מיט אַ זיפץ — מה דאָך אַז איינער איז מבייש אַ לעבעדיקן חבר ברבים, האָט ער שוין נישט קיין חלק לעולם הבא, מכל שכן — מתים. ס׳איז מיר פון אייערע רייד קעלטער געוואָרן ווי פון דער פראָסט.

— ווער איז ווידער דאָס אָנשיקעניש? אַ נייער מוסר־זאָגער — האָט אַ הייזעריק קול אויסגעשריגן.

— זאָל ער גיין אין הקדש אַריין! דאָרט באַקומט מען פאַר מוסר אַ נאָסן וויעכיטש אין קאָפּ אַריין — האָט דער קאַליקע גענומען שטאָמ־פערן מיט דער קוליע און זיך אַ הוידל געטאָן איבער דער גאַנצער לענג פון בית־המדרש.

— יידן, לאָמע נישט פאַרשעמען קיין מענטש וואָס מ׳האָט אפילו זיין פנים נישט געזען — האָט דער מגיד אויסגערופן — מ׳קען דען וויסן ווער ס׳האָט זיך צו אונדז באַוויזן אין דער פינצטערניש? לאָמע זיך בעסער אויסזעצן אויף די בענק און זיך וואַרעמען איינער אין צווייטנס פלייצע. לאָמע פאַרציען אַ ניגון, דערציילן אַ משל, אַן אגדה פון מדרש,

אָדער פון עין־יעקב, וועט מען זיך שוין במילא דערוואָרעמען און דער־קוויקן די אויסגעפּרווירענע ביינער. דו, געקומענער אין דער פינצטער, קענסט דיך אויך אַוועקזעצן. אפשר וואָלטסטו גאָר אונדז מיט עפּעס מכבד געווען?

— אַ יישר־כוח אייך פאַרן כבוד! — האָט רבי יעקב געזאָגט און זיך אַראָפּגעזעצט — איר האָט דאָך אָקאָרשט מיך באַוואָרפן מיט זלזו־לים, דאַרפט איר מיך מיט עפּעס מהנה זיין.

— גערעכט, גערעכט!

— נו, וועל איך אייך עפּעס דערציילן וויפל כוח עס שטעקט אין אַ ווערטל אויף אַ פּסוק פון תהילים — האָט מען דאָ דערקענט דעם מגיד לויטן ניגון — פאַראַיאָרן ווינטער, רבותי, פאַר חנוכה איז עס געווען, בין איך אָנגעקומען אין אַ שטעטל אַריין אין ביאַלעפּאָלע איז דאָס געווען, און גלייך באַמערקט, אַז דאָ קאָכט זיך עפּעס: אַ גראַטשקע, אַ רעש, אַ מהומה, אַ געפּילדער ווי אויף אַ יאַריד. ס'קומען אָן קאָטשן מיט יום־טובדיק־געקליידעטע יידן, ווייבער, מיידן, בחורים. אין הויז באָדט זיך דאָ ממש אין ליכט. אַ קאַפּעליע כלי־זמרים גרעמפּלט די געסט אָפּ אַ וויוואַט. אַ זינגער, אַ שלינגער, אַ בדחן מיט אַ קאַמעץ־בערדל, אַ גראָבע מעשענע קייט אויף אַ ביער־בויך, אַ רבל אין אַ שטריימל מיט אַ פּאָר פּיאות ווי רויטע הבדלות, און נאָך און נאָך. וואָדען! זיי וועלן זיך זשאַלעווען.

— בקיצור — אַ רייכע חתונה אין שטעטל. הייב איך מיר אַזוי די אויגן צום הימל און גיב מיר אַ זאָג אויף מיין שטייגער: רבונו של עולם, איך דאַנק דיר וואָס דו האָסט אין מיר אַריינגעגעבן אַ מחשבה דאָ אַהערצוּוואַנדערן פאַר דער חתונה־סעודה. גאָטעניו, איך בין איצט נישט די מחותנים'ס אורח, נאָר דיין אורח. אויב דער יצר־הרע זאָל מיך אפילו אָנרעדן אָנצועסן און אָנצוזויפן זיך אויף אַ פּאָר חדשים אַרויס, וועל'ך אין דיר אלהנו נאָש אויך נישט פאַרגעסן. כ'וועל מאַכן אַ ברכה איבער יעדן מאכל און איבער יעדער פּרי. וואָדען.

— וואָס זאָל איך אייך, רבותי, לאַנג ברייען, דעם ספּאָדעק דרייען, איך האָב זיך אַריינגעשטופּט אויף דער חתונה ווי אַ מחותן פון מחותנים־לאַנד. אָבער די קעלנערס האָבן מיך גלייך דערווישט לויט דער באַרוועע פון מיינע מלבושים, און האָבן מיך אַזוי לאַנג איבערגעשטעלט פון איין אָרט אויפן צווייטן ביז כ'בין אויסגעקומען אין קוילן־קאַמערל. וואָזשע מיינט איר אַז איך בין דאָרט געבליבן? כ'האָב זיך גלייך צוריקגערוקט

און אַריינגעגליטשט ווי אַ לעבעדיקער פיש אין אַ פאַס וואַסער. הונגעריק ווי אַ וואָלף אין וואַלד. ס'מויל האָט מיר געוואַסערט פון די געשמאַקע ריחות וואָס האָבן זיך פון דער קיך אַרויסגעהערט. אָבער כ'האָב זיך גע-טרייסט, בעת מ'וועט נאָר אָנהייבן טישן, וועט מיר שוין קומען צוצערינען און צוצעשווימען. זיי וועלן זיך נאָך ביי מיר מוזן בעטן ווי ביי אַ בן־יחיד, וואָדען. ס'זיינען דען פאַראַן נאָך אורחים?

— אָבער ווי ביטער אַנטוישט בין איך נעבעך געוואָרן, ווען כ'האָב נאָך אַ לאַנג וואַרטעניש דערזען, אַז די געסט וואַרפן זיך ממש אַרום מיטן טייערן שעפּטאַל־צימעס, און אין מיר האָט מען פאַרגעסן ווי אין אַ טויטן. פאַר האַרץ־ווייטיק און עגמת־נפש האָב איך אויסגעשפּיגן און געוואָלט אַוועקגיין, וואָדען. אָבער דאָ כאַפּן מיך צוויי סאַרווערס אָן ביי די אַקסלען און נעמען מיך בודק זיין פון קאָפּ ביז פיס, זיי נישטערן אפילו אַדורך מיין זאַק מיטן נעבעכדיקן „שאר ירקות", ס'איז הערט איר, רבותי, פאַרשוווּנדן געוואָרן אַ קידוש־בעכער פון דרשה־געשאַנק. היות ווי זיי האָבן ביי מיר גיכער געפונען אַ פייג און האַרץ־שטאַרק צו אַ תענית האָב איך זיך אַ פאַרביטערטער צוגעריסן צום אויבן אָן, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַריין און אויסגערופן:

— רבותי, ס'איז פאַראַן אַ פסוק אין תהילים: נשכחתי כמת מלב הייתי ככלי אבד. וואָס הייסט דאָס עפּעס יידן, גבירים־אדירים, מחותנים פון גאָטס טיש, כ'בין פאַרגעסן געוואָרן ווי אַ מת, כ'בין געווען ווי אַ פאַרלוירענע כלי? ווער פון אייך געפינט אויף דעם פסוק אַ פשט?

ס'איז הערט איר געוואָרן אַזוי שטיל, גלייך ווי כ'וואָלט ביי זיי געבעטן אַ גמילות־חסד.

— אויב אַזוי, איר ווייסט נישט, וועל'ך אייך דעם פסוק אויסטייטשן:

— נשכחתי כמת, ווען מ'האָט דאָ אויסגעטיילט די טייערע מאכלים און געטראַנקען, די קאַרפּן־קעפּ, די גילדענע יויך, די אינדיקעס און כלעריליי איינגעמאַכצן פאַרבראָקט מיט אתרוגים, בין איך געוואָרן פאַר־געסן ווי אַ טויטער. הייתי, ווען בין איך יאָ דאָ געווען, ככלי אבד, ווען דער דרשה־געשאַנק־בעכער איז פאַרלוירן געגאַנגען, האָט איר זיך דער־מאָנט אין מיר.

ס'איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. און ערשט דעמאָלט האָט מען מיך פאַרבעטן צום טיש, די ווייבער האָבן אָנגעהויבן צו טראָגן פון כל־טוב, אַז היינט בין איך נאָך זאַט און שיכור, וואָדען. אָבער איך מיין דאָ נישט בלויז די אכילה, אָן אייזל שטייט דאָך אויך ביי דער קאָריטע,

נאָר דאָס דערוועקן אין די זולל־וסובאניקעס אַ קאַפּיטשקע מענטשלע־קייט. זאָלן זיי אונדז, אורחים, נישט האַלטן פֿאַר קיין פֿערד און פֿאַשען מיט אַ „הא" אין סידורל.

— פֿיין, פֿיין, גאָלדענע דיבורים! — האָבן זיך די אורחים אַרום די ליימענע אויוונס פֿאַסמאַקעוועט.

פּלוצלונג האָט אַ שיין קלינגענדיק קול אויסגערופֿן:

— יידן, ווער פֿון אייך ס׳קען דערציילן שיינע מעשיות, ובפֿרט פֿון באַרימטע גאונים, זאָל מיך פֿאָלגן און זיך אויף מיין אחריות אַוועק־לאָזן קיין איטאַליע. אין גענוא, הערט איר רבותי, וווינט אַ מאַגנאַט, ר׳ אשר אייגער. ער איז מסתמא דער רייכסטער ייד אין גאַנץ איטאַליע. ער גופֿא זיצט אין אַ ספּעציעל אויפֿגעבויט בית־המדרשל, לויטן נוסח פֿון דער רש״י־שול אין טרויאַ און איז טאַקע מקיים דעם פּסוק: כי אם בתורת ה׳ חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה, ער זיצט טאַקע טאָג און נאַכט. די פֿאַבריקן זיינע, ווערן געפֿירט פֿון פֿרעמדע מענטשן, יידן און איטאַ־ליענער. פֿאַר אַ שיינע מעשה מיט אַ מוסר־השכל פֿאַרשטייט זיך, צאָלט ער אַ רענדל, אַמאָל צוויי און מער אויך. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. די מתנות וואָס ער שענקט נאָך דערצו דעם מעשה־דערציילער, זיינען לגמרי נישט צום אָפּשאַצן. אַ חוץ מזה — כיבוד אין אַ פּאַלאַץ מיטן פּנים צום ים־התכן.

צווישן די אורחים איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם.

איינער:

— ווען האָט זיך דיר דאָס געחלומט קנאָבל-פּרעסער?

אַ צווייטער:

— איך ווייס אַז פֿאַר אַ מעשה גיט מען אַ פֿעט טשאָלנט, מ׳פֿאַר־דאַרבט זיך און מ׳שטאַרבט מיט אַ פֿולן בויך.

אַ דריטער:

— אדרבא, אויב ער האָט פֿאַר אַ מעשה באַקומען רענדלעך, זאָל ער אונדז צאָלן די אמתע כוסה לכבוד חנוכה! מ׳וועט דיך נישט אָפּלאָזן, אויב דו זאָגסט אָפּ וועט מען דיר מאַכן אַ משכנתא וועסטו שוין וויסן, אַז מיט האָניק קאָן מען כאַפּן מער פֿליגן ווי מיט עסיק... ווו איז ער דאָרט דער מר־בר־רב־אשי? ווו איז ער?

ס׳האָט זיך אָבער קיינער נישט אָפּגערופֿן.

דער מגיד האָט זיך אויפגעשטעלט און איז מיט דער האַנט אַדורך איבער אַלעמענס פּנימער און געפרעגט:

— ווער האָט דאָ דערציילט וועגן די רענדלעך?

— מסתמא דו, וואָס שוויגסטו? — האָט איין אורח געשטויסן דעם צווייטן.

— איך גאָר, מסתמא ער. איך האָב דען אַזאַ יונג שיין קול?

— זאָל זיך אָנרופן דאָס קול! — האָט דער קאַליקע אַ שטאָמפּער געטאָן מיט זיין קוליע — זאָל מען וויסן ווער עס שיקט אונדז קיין איטאַ־ליע. מ׳דאַרפט דאָך ביז אַהינצו אוודאי גיין אַ צוויי יאָר.

— רעדט אַלע מיטאַמאָל, וועל איך שוין דערקענען דאָס קול — האָט דער מגיד נישט אָפּגעלאָזט.

רבי יעקב איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן אָן אַנטשוויגענער, אַ פּאָר־געצויגענע פּנימער אַרומגערינגלט דעם רבינס בעט. דעם בעל־שם׳ס אַ היפּשע צאָל פון בעל־שם׳ס זעכציק תלמידים, האָט מיט בלייכע אויס־געצויגענע פּנימער אַרומגערינגלט דעם רבינס בעט. דעם בעל שם׳ס ווייסע באָרד אין זילבערנע לאָקן, האָבן אַרויסגעבלענדט פון דער האַלב־טונקלקייט. אין זיינע צאַנקענדיקע אויגן איז שוין דאָס ליכט פון עולם השקר געווען פאַרלאָשן, אָבער עפּעס אַ ניי, פאַרבאָרגן ליכט האָט פון זיי אַרויסגעשיינט. זיין רבינס לעצטע ווערטער האָבן רבי יעקבן איצט געזשומעט אין די אויערן און אָפּגעשלאָגן אין האַרצן.

— מיין געטרייער תלמיד יעקב יוסף הכהן. דו וועסט אַרומגיין איבער דער וועלט... דערציילן מעשיות...

רבי יעקב האָט זיך מיט אַ ציטער אויפגעכאַפּט פון אָרט. ער איז מיט לאַנגזאַמע טריט צוגעגאַנגען צום כיור זיך וואַשן די הענט. ער האָט מיט גרויס כוונה געלייענט קריאת־שמע, אויסגעצויגן זיך אויף אַ באַנק ביי אַ קאַלטער וואַנט. און ליגנדיק אַזוי מיטן זעקל צוקאָפּנס האָט ער בלחש אַ זאָג געטאָן:

— די אורחים הינטער די אויוונס ווייסן נעבעך נישט, אַז דאָס קול האָט זיי נישט געמיינט, נאָר מיך...

אין דער רגע האָט רבי יעקב געהערט ווי דער מגיד האָט אַ זאָג געטאָן:

— נישט אַנדערש ווי עס האָט זיך דאָ ווער פאַרשטעקט אין אַ ווינקל פון פינצטערן בית־המדרש.

און די אורחים האָבן זיך אָוועקגעלאָזט זוכן דאָס קול...

ג

בעת רבי יעקב איז אין אַ זומער־פרימאָרגן אָנגעקומען קיין גענוא, האָט פאַר אים נישט בלויז אויפגעטויכט אַ ווילד־פרעמדע שטאָט, נאָר ממש — אַ נייע וועלט, וואָס האָט אים איבערראַשט און איבערגעשראָקן.

ער האָט מיטאַמאָל דערזען געביידעס אין כלערליי סטילן, פּאַסאַ־דעס מיט סקולפּטורן און באַרליעפן, מאָנומענטן פון גריכיש־רוימישע געטער און געטינס, קולטיווירטע פּאַרקן און געפלעגטע אַלייען ווי גאָלד־לענטעס צווישן בלומען־קראַנצן, קאָפּע־הייזער מיט רחבותדיקע טעראַ־סעס באַצירטע מיט אָלעאַנדערס, האָטעלן אויף בערג און טאָלן, קאַטע־דראַלעס מיט אייגנאַרטיקע אַרכיטעקטורן און גאָטישע טורעמלעך, פאַב־ריק־קוימענס, דעם בלויען גאָלף ביים ברעג ים באַזוימט מיט אַ זילבער־שוים, ווו זעגל־שיפן און לאָדקעלעך ווי נאָכהענגענדיקע מעדאַליאָניקעס, און אַנדערע זאַכן וואָס ער האָט גאַרנישט געקאָנט אַרומנעמען מיטן בליק, נאָר בלויז פונדערווייטנס הערן זייער גערויש.

דאָס אַלצדינג האָט רבי יעקבן אויף אַזוי ווייט צעטומלט און באַ־טויבט, אַז ער האָט גענומען שפּאַנען אַהין און צוריק אָפּגעשטעלט זיך אַ ניבהל־ונישתוממדיקער, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין אַ וויסטן וואַלד, וואָס זעט פאַר זיך אומצאָליקע סטעזשקעס, אָבער ער ווייסט נישט וועל־כעס שטעגל אויסצוקלייבן.

מיטאַמאָל האָבן די קירכן־גלאָקן אָנגעהויבן קלינגען, בים־באָם־צן, שטיל־שטיל, הויך און העכער.

אַ פאַרשידנאַרטיקע מאַסע האָט גענומען שטראָמען, צעכוואַליעט, צעפלאָסן און צעגאָסן ווי אַ ברייטער געשלענגלטער פאַרבנרייכער ים־פּאַס, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין די טראָטואַרן־ברעגעס פון בולוואַרן, גאַסן און געסלעך.

פון דער שטראָמיקער מאַסע האָבן זיך אויסגעטיילט גלחים מיט שווערע צעבאָמבלטע צלמים אויף דיקע בייכער, נאָנעס אין ווייסע קאָפּ־טורקעס, פריילעכע מאַטראָזן, פאָרט־טרעגער, פישערס מיט שופן אויף די פנימער און קוישן אויף די אַקסלען, פאַבריק־אַרבעטער, סוחרים און

מעקלערס פון נאָענטע און ווייטע מדינות, הענדלער מיט ליימענע פיגורן פון דער „הייליקער מוטער", קונסט־מאָלער וואָס האָבן דעם צעשטו־רעמטן ים־התכן געטראָגן אין הילצערנע ראַמען, פּאַרט־זונות מיט בלימ־לעך אין די האָר, אַ בלינדער מוזיקאַנט וואָס שפּילט אויף אַ פידל גייענ־דיק, און אַ טשאַטע טויבן פליט מיט אַ געוואָרקע איבער זיין קאָפּ, אַ כאַפּטע קינדער לויפט פאָרויס און ווייזט אים דעם וועג.

שטייט אַזוי אונדזער רבי יעקב אַ פאַרלוירענער, האָרכט זיך איין אין דעם משונהדיקן לשון, קוקט זיך איין ווי עס פאָרן פאַרביי עפּעס אַזעלכע מאָדנע דיליזשאַנסן, פיאַקערס, אָפענע און פאַרמאַכטע קאַרעטעס. צום ערשטן מאָל אין זיין בידנעם לעבן, זעט ער ווי אפילו די פערד זיי־נען דאָ אויסגעצירט אין ווייס־געשטיקטע קופקעס און קאָלירטע פעדערן. עס שטויסן זיך אין אים אָן יונגע פאַרביישוועבנדיקע בלומען־פאַרקוי־פערס וואָס רופן עפּעס אויס צו די פאַרבייגייענדיקע מענער. דאָ און דאָרט — בעטלערס און בעטלערינס מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

אין דאָזיקן טומל און האַרמידער שטייט רבי יעקב ווי אַ שטומער און זוכט במחשבה כאָטש איין איינציק וואָרט. און באַלד קומט אים עפּעס אויפן רעיון און ער רופט אויס:

— סינאַגאָגע! סינאַגאָגע!

תחילת האָט רבי יעקבן קיינער נישט דערהערט. אָבער נאָך אַ ווייל האָט זיך פאַר אים אָוועקגעשטעלט אַ יינגל מיט אַ פּאָר קוילן־שוואַרצע אויגן. דאָס יינגל האָט רבי יעקבן באַטראַכט מיט גרויס חידוש, גלייך ווי ער וואָלט דערזען אַ מענטש פון אַן אַנדערער וועלט.

— סינאַגאָגע! — האָט רבי יעקב איבערגעחזרט.

דאָס יינגל האָט אַ צעשמייכלטער אויסגעשטרעקט אַ האַנט און האָט רבי יעקבן גענומען פירן.

שפּאַנענדיק אַזוי אַן אומבאַהאָלפענער איבער פרעמדע גאַסן, האָט רבי יעקב געערן געוואָלט וויסן צי זיין וועג־ווייזער איז אַ יידיש יינגל. ער האָט איבערן וועג גייענדיק געצייכנט אַ מגן־דוד; דאָס יינגל האָט אים צוריקגעצייכנט — אַ קרייץ.

נאָך אַ היפּשן מהלך זענען זיי לסוף צוגעקומען צו דער שטאָטי־שער סינאַגאָגע. בעת רבי יעקב האָט דערזען די עשרת־הדיברות אויס־געקריצט אויף אַ מאַרמאָר־טאָוול האָט זיין האַרץ פאַר פרייד אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיין וועג־ווייזער דערלאַנגט אַ מטבע. דאָס יינגל האָט

געדאַנקט, אַריינגעקלאַפּט מיטן הילצערנעם האַמער אינעם סינאַגאָגע־טויער און ווי אַ פייל אויסן בויגן — אַהיימגעפלויגן.

ס׳האָט זיך באַוויזן אַן עלעגאַנט־געקליידעטער שמש מיט אַ שוואַרץ צוגעפוצט בערדל. דער שמש האָט רבי יעקבן באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס און האָט קאַלטלעך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— איך זוך דאָ ביי אייך אין שטאָט אַ ייד ר׳ אשר אייגער.

— המ... — האָט דער שמש אַ צוק געטאָן מיט זיינע שוואַרצע ברעמען — נישט קיין אַנדערן ווי ר׳ אשר אייגער? זייט מיר מוחל, פרעמדער, אין דעם הולך, אַזוי קרוע־בלועדיק ווילט איר זיך וויזן פאַרן סאַמע גרעסטן מאַגנאַט וואָס האָט פאַבריקן אין שטאָט און שיפן אויפן ים?

— וועל׳ך מיר אָנטאָן דעם נייעם נאַקעט און דעם אַלטן באָרוועס — האָט רבי יעקב געלאַכט — איך קום דאָך פון אַ ווייטער מדינה צופוס. קודם דאַרפט איר זיך איינקויפן אַ מצווה און מיך אַהינפירן. אויב ר׳ אשר וועט מיך נישט וועלן אויפנעמען, מילא, וועט ער נישט זיין קיין יוסי בן יוחנן וואָס האָט געזאָגט: זאָל דיין הויז זיין ברייטלעך אָפן און זאָלן באַדיי דיינע הויז־לייט זיין אביונים.

— נו, גוט, ר׳אורח, איך וועל אַרויסשיקן דעם אונטער־שמש, וועט ער אייך אַהינפירן. איך קאָן אין די פרימאָרגן־שעה׳ן נישט אַוועקגיין. דעם אמת געזאָגט פּוסטעוועט טאַקע די סינאַגאָגע, אָבער ס׳קאָנען דאָך אַמאָל אומגעריכטערהייט קומען מתפללים. אַ ייד האָט דאָך אַמאָל יאָר־צייט. ס׳הייבט זיך אָן מיט אַ קדיש פאַר אַ טויטער נשמה; און ס׳ענדיקט זיך מיט אַ קידוש, לעקעך און בראָנפן פאַר דער לעבעדיקער נשמה. אַ לחיים, אַ פדיון, דאָס אַלץ גייט דאָך נישט צופוס.

— אוודאי, אוודאי, — האָט רבי יעקב אונטערגעשמייכלט — זאָל זיין דער אונטער־שמש. ער איז ביי מיר אַן אדם חשוב, אַ מושלם, תורה, סחורה און געפוצטע שטיוול.

— איר קענט אים דען?

— ניין, אָבער כ׳פאַרשטיי, אַז אַ שטאַפּל נידעריקער פירט אַרויף העכער. אַ יישר־כוח אייך, אויבער־שמש, האָט נישט קיין פאַריבל וואָס כ׳בין געקומען אָן לעקעך און בראָנפן, אָן פדיונים. זאָל זיין שלום... על ישראל!

— מנשה, מנשה! — האָט דער אויבער־שמש גערופן און איז מיט אייליקע טריט פאַרשוואונדן.

ס׳האָט זיך באַוויזן דער אונטער-שמש, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ פּאָר פֿאַרחלומטע שוואַרצע אויגן. אַ אהבת־ישראל־שמייכעלע האָט זיך אַרויסגעשניטן פֿון זיינע קאַרשן־ליפּן. דער שוואַרצער הוט זיינער איז געווען היפּשלעך צעבויגן, אָבער מ׳האָט גלייך דערפֿילט, אַז דער קאָפּ איז אַ גלייכער.

— שלום־עליכם, אַ ייד פֿון די קאַרפּאַטן! — האָט דער אונטער־שמש גוטמוטיק אויסגעזונגען — איך דערקען תיכף יענע יידן מיט די פֿלאַכע שוואַרצע קאַפּעלאַטשן און משונהדיקע סורדוטן, מיטן זעקל אויפֿן אַקסל און וואַנדער־שטאָק אין האַנט. כ׳האָב זיי געטראָפֿן אין דייטש־לאַנד, אין רעגענסבורג, אין דער שטאָט פֿון יהודה החסיד, אין וואָרמס, ראָטענבורג און ווו דען נישט? וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס? איך שטויס זיך אָן, אַז איר האָט עפּעס אַ מעשה־נורא פֿאַר ר׳ אשר אייגער. איך פֿיר אייך גערן אין זיין בית־המדרשל אַריין. זייט אַזוי גוט און קומט מיט מיר.

רבי יעקבס האַרץ איז דערפֿרייט געוואָרן. ער האָט אין גאַנג באַ־טראַכט דעם יונגערמאַנטשיק מיטן פּעך־שוואַרצן בערדעלע, רונד־אַרום אַ בלייך פּנים. רבי יעקב האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— כ׳בעט דיך, מנשה, ווי אַזוי פֿירט זיך דאָ אויף ר׳ אשר אייגער?

— פֿיין, גאָר פֿיין. אָבער די בעלי־פּילפּול, אפֿילו די סאַמע נאָענט־סטע צו זיין טיש האַלטן, אַז ער מוז עפּעס האָבן אויפֿן געוויסן.

— וואָ־עס?

— ווייל יעדע זאַך אין לעבן האָט דאָך אַ מאָס. אָבער אויב איינער ווערט פֿרום איבער דער מאָס, פֿאַסט תעניתים, פּראַוועט התבודדות, זיצט און לערנט אין טלית, האָט ער מסתמא עפּעס אויף זיך אַ געוואַלטיקן חטא... זיין אויפֿפֿירונג וואַרפֿט אויף אים אַ חשד, אַז ער איז נישט קיין צדיק וואָס איז שטופּנווייז דערגאַנגען צו העכערע מדרגות, נאָר — אַ בעל־תשובה. איר ווייסט דאָך, אַז מיר אין איטאַליע האָבן געהאַט גאונים: ר׳ שבתי דאנאלא, דעם תנאי רב אליהו, ר׳ נתן בר יחיאל פֿון רוים, ר׳ הלל בן שמואל פֿון וועראָנאַ, ר׳ זכריה אבן־חן און נאָך אַנדערע, אָבער כ׳האָב אין קיין ספֿר נישט אָנגעטראָפֿן אַז זייער התנהגות זאָל זיין ענלעך צו ר׳ אשר אייגערס.

ביי די ווערטער איז פֿונעם גאַסן־פֿאַרקער אַרויסגעשווומען אַ קליין אייזעלע, געשפּאַנט אין אַ קאַלירנרייך בריטשקעלע.

רבי יעקב האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— אָן אייזל איז מסתמא אין אייערע מקומות, אויף דער מאָלדאַ־ווישער ערד, אַ זעלטנהייט — האָט מנשה געזאָגט לאַכנדיק.

— דערפאַר, מנשה, זיינען ביי אונדז פאַראַן אייזלען אויף צוויי פיס. וואָס דען זיינען די בעלי־גאַוות, די רודף־כבודניקעס? און ווען זיי שטייען ביי די קאַרעטעס און דערקענען נישט זייער באַלעבאָס, זיינען זיי דאָך לכל הדעות נידעריקער ווי אייזלען. דער רבי מיינער האָט געלערנט: אַז אפילו אַ תלמיד־חכם, אויב ער איז אַ בעל־גאווה, איז כאָטש ער זיצט גאַנצע טעג און לערנט, רעכנט מען זיך גאָרנישט דערמיט אין הימל. ביי אונדז, הערסטו, האָט מען אַנטדעקט אַ משה פאַסטעך, אַ פּאַלנעם עם־הארץ, אָבער ווען ער הייסט דעם רבונו של עולם זיך פון אלף בית אַליין אויסקלייבן די אותיות און זיך צוזאַמענשטעלן אַ תפילה, ווערט אין הימל אַ שטורעם.

— ס׳איז מיר אַ שאָד וואָס מיר דערנענטערן זיך צו ר׳ אשר אייגערס בית־המדרשל. איר דערציילט דאָך עפּעס וווּנדערלעכע זאַכן. מיר האָבן דאָ נישט געהערט פון אַ משה פאַסטעך.

— וועלכן שפּעטערדיקע דורות הערן. זיי זיכער, מנשה, אַז אַלץ וועט פאַרשריבן ווערן.

— ווי אַזוי זאָל איך אייך פאָרשטעלן פאַר ר׳ אשר אייגער?

— גאַנץ פשוט, יעקב פון מעדזשיבאָזש.

— מעדזשיבאָזש? — האָט מנשה אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן — האָט איר דאָך מסתמא געקענט דעם בעל־שם.

— איך קען אים איצט אויך.

— ער איז דאָך ז׳ סיון נפטר געוואָרן.

— יאָ, ז׳ סיון האָט זיין גוף אונדז פאַרלאָזט, אָבער די נשמה זיינע לעבט דאָך ווייטער אין פאָלק און וועט נאָך, ב״ה, לאַנגע דורות לעבן און ווירקן. וואָס האָט דען דער בעל־שם געוואָלט? אמונה און אהבה. דער אהבת־ישראל איז ביי אים געשטאַנען אויף דער זעלבער הויכער מדרגה ווי דער אהבת־השם. אָבער דאָס אַלץ — נישט דורך תעניתים ווי עס פּראַוועט אייער ר׳ אשר, נאָר פאַרקערט, בתוך שמחה, דינען, לויבן און באַזינגען גאָט מיט פרייד אין האַרצן און בעיקר — בכוונה.

— כ׳בעט אייך, וואָס דערציילט מען וועגן בעל־שם׳ס פּטירה?

— מ׳דערציילט, אַז אין דער זעלביקער רגע פון יציאת־נשמה, זיינעןביידע וואַנט־זייגערס אין בעל־שם׳ס חדר, געבליבן שטיין.

מנשה האָט אַ ציטער געטאָן.

— אויף וואָס קאָן אַזאַ געשעעניש מרמז זיין?

— דאָס האָט מסתמא געוואָלט זאָגן, אַז די צייט וועט אויפן בעל-שם קיין שליטה נישט האָבן. ער וועט אויף אייביק בלייבן אַ פרישער אומדערשעפּטער קוואַל.

— אָט איז ר׳ אשר׳ס בית־המדרשל. וואַרט דאָ אַ ווײַלינקע צו, רבי יעקב, אויב ר׳ אשר וועט אייך נישט וועלן אויפנעמען, זאָלט איר זיך חלילה נישט מצער זיין. איך וועל אייך נישט איבערלאָזן אין אַ פרעמדער שטאָט אַליין — האָט מנשה געעפנט די בית־המדרש־טיר.

רבי יעקב איז אין פּאָליש געבליבן שטיין צווישן ליכט און שאָטן. אַ בוימל־לעמפּל ווי אַ נר־תמיד האָט געברענט אין אַן אויסגעהוילט שטיק וואַנט. ס׳האָט זיך געזען אַ נייער בלאַנקענדיקער כיור מיט אַ זילבערנעם וואַסער־טראָפּן אינעם פינקלדיקן מעשענעם קראַן. רבי יעקב האָט זיך געוואַשן די הענט און מיט התלהבות אַ זאָג געטאָן:

מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל —

ס׳האָבן זיך געהערט אייליקע טריט, און איידער רבי יעקב האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן, איז פאַר אים געשטאַנען אַ הויכער, דאַרער מאַן פון אַ יאָר זעכציק. זיין אַסקעטיש געל פּנים מיט אַרויסשטאַרצנדיקע שאַרפע קינען, האָט אַרומגענומען אַ ווילד־צעוואַקסענע באַרד, אויסגעלייגט אויף די שוואַרצע אַלפּאַגענע מלבושים, ווי אַ פּערלמוטערנער פעכער. אַ קליין זיידן קאַפּעלע מיט אַ געפּרעגזלטן טראַלד אין סאַמע מיטן, איז דעם מאַן געלעגן אויפן הויכן, טיף-געקאַרבטן שטערן. זיינע איבערגעשראָקענע אויגן זיינען האַלבלעך געווען איינגערעמט אין אַ פּאָר צעפּלאָשעטע געדיכט־גרויע ברעמען, צעטריפטע ווי חלב אַרום צוויי צאַנקנדיקע פלעמלעך. רבי יעקב האָט צופעליק באַמערקט ר׳ אשר׳ס שוואַרצע שטיבלעטן און אַ פּאָר ווייסע זאָקן, ווי ביי אַ יום־כיפּור־ייִד.

ר׳ אשר האָט גאַנץ לאַנג באַטראַכט דעם אורח מיטן זעקל אויפן לינקן אַקסל. באַלד האָט ער עפּעס מאָדנע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און מיט אַ ציטערדיק קול אויסגערופן:

— שלום עליכם, רבי יעקב פון מעדזשיבאָזש. ברוך־הבא, ברוך־הבא! איך בין צופרידן וואָס איר האָט זיך צו מיין שוועל דערשלאָגן אין אַ פּרייטיק אין דער פרי. איר וועט זיין מיין גאַסט צום שבת־טיש. איך וועל אייך באַלד אַהיימפירן אין מיין פּאַלאַץ אַריין. מסתמא קען דאָך

אַזאַ ייִד ווי איר דערציילן אַ מעשה־נורא, נו, וועט איר מהנה־זיין די איינזאַמע לומדים וואָס רינגלען יעדן פרייטיק צו־נאַכטס אַרום מיין טיש.

— אַ יישר־כוח אייך, ר׳ אשר! אוודאי קען איך עפּעס דערציילן וועגן מיין גרויסן רבין, ר׳ ישראל ז״ל.

— בעל־שם? — האָט ר׳ אשר אָנגעקוקט רבי יעקבן.

— יאָ, ר׳ אשר, בעל־שם־טוב הקדוש.

— געלויבט צו גאָט! — האָבן ר׳ אשרס אויגן אויפגעלויכטן — איר וועט זיך אַ ווײַלינקע אָפּרוען אין מיין בית־המדרשל.

ביי די ווערטער האָט ער געעפנט זיין בייטל און עפּעס דערלאַנגט דעם אונטער־שמש.

מנשה איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. זיינע צעבלינצלטע אויגן האָבן געזאָגט: פאַר ברענגען אַן אורח צוויי גאָלד שטיקלעך? טאָ ווער ווייסט ווער דער רבי יעקב איז?...

ער האָט צוויי מאָל געדאַנקט, און מיט גרויס דרך־ארץ זיך הינ־טערווײַלעכץ צוריקגעצויגן.

ד

דער שבת־טיש ביי ר׳ אשר אייגער איז געווען געדעקט מיט אַזאַ רחבות און שפע, אַז בעת רבי יעקב, איבערגעטאָן אין נייע מלבושים, האָט באַטרעטן די שוועל פון עס־צימער, האָט זיך זיין טראַט אָפּגעהאַקט, ער איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער.

די בליץ־לאָמפּ איבערן טיש, באַזוימט מיט קרישטאָלענע פּריז־מעס, די ליכט אין די זילבער־גראַווירטע לייכטערס, די באַגילדעטע קרוינלייכטערס אַרום די ווענט, די גאָלדבעכערס ביים קידוש־וויין, די קונסט־העפטערייען אויף די חלה־דעקלעך, דאָס טישטעך מיט גאָלד־געפליגלטע מלאכי־שבת און מלאכי־השלום, אויסגעשטיקטע פסוקים פון שיר־השירים, האָט אים געוואַלדיק איבערראַשט און גלייכצייטיק איבער־געשראָקן.

און אפילו שוין זיצנדיק אויבנאָן ביי ר׳ אשרס רעכטער האַנט, האָבן רבי יעקבס אויגן נאָך אַלץ אַרומגעבלאָנדזשעט. דאָ האָבן זיי דערבליקט אַ זעלטן שיין בשמים־ביקסל, פאַרמירט ווי אַ פיר שטאָקיק טורעמל; דאָרט — אַ שופר ווי אויסגעהאַקט פון העלפאַנטביין, דאָ — אַ מנורה מיט אַ בית־המיקדש־גראַווירור; דאָרט — אַן אתרוג־פושקע באַזעצט מיט

קאָלירנרייכע שטיינער, דאָ — אַ גאַבעלין מיט אויסגעוועבטע סצענעס פון „מגילות־אסתר"; דאָרט — אַ טעפּיך מיט אויסגעשטריקטע סצענעס פון „מכירת־יוסף".

רבי יעקב איז צווישן די נגידים־אדירים געזעסן אַ פאַרלוירענער. דער שוואַרצער אַטלאַס, די ווייס־געפּרעסטע קראַגנס, די הויכע זיידענע יאַרמולקעס ווי פורימדיקע שטיציקעס אויף מאַגנאַטישע קעפּ — דאָס אַלצדינג באַנאַנד האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט ווי אַ מחיצה. ס׳האָט זיך אים ממש אויסגעוויזן, אַז ער זיצט אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל, דערזעט דעם שבת־טיש און די געסט — פונדערווייטנס.

פון האַלב־אָפענע שכנותדיקע צימערן, האָבן זיך דערטראָגן אַנגע־נעם־קלינגענדיקע פּרויען־שטימעס. אַ געשאַרך פון זיידן־שטאָפן: בראָ־קאַט, דאַמאַסק און סאַמעט־סאַטין, האָט דאָ אַרומגעפלאַטערט פון איין צימער צום צווייטן. שנורן פּערל און בריליאַנטענע אויעררינגלעך, טייל מאָדעלירטע ווי קליינטשיקע אַנגעצונדענע הענגל־לייכטערס, האָבן אויף אַן אויגנבליק אַ בלישטשע געטאָן און פאַרשוווּנדן.

נאָך ר׳ אשרס מקדש־השבת־זיין, האָט מען רבי יעקבן מכבד געווען מיט קידוש. זיין ניגון האָט געקלונגען פרעמדלעך. זיין האַרץ האָט זיך דאָ עפּעס נישט דערוואַרעמט און דערפרייט ווי אין זיין אָרעמער היים. די אַרומזיצנדיקע נגידים האָבן זיך פונדעסטוועגן גערן איינגעהערט אין זיין האַלב־פאַרקלעמט קול, וואָס האָט געהאַט אַ מתיקותדיקן נאָכ־קלאַנג.

תחילת האָבן די טיש־זיצערס כמעט געשוויגן, גלייך ווי רבי יעקב וואָלט דאָ געווען אַ שטערונג, אָבער נאָך די גוטע ווייגען און גע־שמאַקע מאכלים, האָבן זיך געלאָזט הערן ניגונים איבער ניגונים.

בעת די ניגונים האָבן פאַרקלונגען דעם עס־צימער, האָט זיך ר׳ אשר אויפגעכאַפּט פון טיש, גענומען שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ, און פּאַטשענדיק אין די הענט צום טאַקט האָט ער מלא שמחהדיק מיטגעזונגען.

ווען די ניגונים האָבן זיך אויסגעלאָזט האָט אַ מיטליאָריקער טיש־זיצער, ביי וועמען די שוואַרצע וואָנסעס האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיטן בערדל, אָנגעהויבן אַרויסווייזן זיין בקיאות אין דער העברעאישער רע־ליגיעזער ליטעראַטור. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך ביי ר׳ שבתי דאָנאָלאָ׳ס פּירוש אויפן „ספר יצירה". ער האָט געבראַכט אַ ציטאַט פון ר׳ שבתי׳ס „חכמוני". גערעדט האָט דער למדן מיט פאַרמאַכטע אויגן, גלעטנדיק זיך דאָס בערדל. ער האָט צו זיין דרוש גענומען אַרויסרוקן אַזעלכע נעמען: יוסף בן גוריון, יאָזעפוס פלאַוויוס, יוסף בן מתיתיהו און דעם

מדרש „תני צבי אליהו״, אָבער אויף אַ ווונק פון ר׳ אשר אייגער איז ער אינמיטן שטיינגעבליבן.

— רבותי, — האָט ר׳ אשר אויסגערופן — מיר האָבן היינט אַ גאַסט וואָס וועט אונדז מהנה זיין מיט אַ מעשה וועגן בעל־שם ז״ל.

— אפשר וואָלט געווען גלייכער, ר׳ אשר, אַז מע זאָל פריער אָפּ־בענטשן? — האָט רבי יעקב געפרעגט.

— אוודאי, אוודאי. איך בין אייך טאַקע מכבד מיט בענטשן.

אָפּגעבענטשט, זיינען אַלע אַרומיקע געבליבן זיצן אַנטשוויגענע. די אויגן אָנגעשטעלט אויף רבי יעקבן. די זייטיקע טירן האָבן זיך אַ קאָ־פּיטשקע ברייטער געעפנט. אין די טיר־שפּאַלטן האָבן זיך באַוויזן באַ־צירטע פרויען־אויערן.

— רבותי, — האָט זיך רבי יעקב גענומען רייבן דעם שטערן — כ׳וועל אייך דערציילן איינע פון די ווונדערלעכסטע מעשיות וועגן מיין הייליקן רבי.

עס איז געוואָרן נאָך שטילער.

פּלוצלונג האָט זיך אַ האַרפע אין אַ מייסטער־האַנט ערגעץ־ווו צעשפּילט. די צויבער־טענער האָבן אַריינגעדרונגען דורך די ברייט־צעעפנטע ווענעציאַנישע פענצטער.

— ווער שפּילט דאָס? — האָט רבי יעקב אויפגעצאַפּלט.

— שרעקט אייך נישט, רבי יעקב. איך ווין בשכנות מיטן אָרגל־שפּילער פון דער קירכע. יעדן אָוונט כמעט מאַכט ער איבונגען אויף אַ האַרפע. ס׳איז קלויסטערישע מוזיק.

— קלויסטערישע מוזיק? — האָט רבי יעקב געוואָרפן אַ בליק אויף ר׳ אשרן און האָט נישט באַנומען פאַרוואָס דער מענטש איז פּלוצ־לונג אַזוי בלייך געוואָרן — יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט דערציילן? — האָט רבי יעקב אַריינגענומען דעם שטערן אין דער לינקער האַנט־פלאַך אַריין און איז אַזוי, אין דער פּאָזע געבליבן זיצן — וואָס קומט מיט מיר פאָר? זאָל מיר אַלץ זיין אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ?

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט...

— ווי איז מיר! — האָט רבי יעקב אויסגערופן — נישט אַנדערש ווי דער שטן האָט זיך אַריינגעלייגט אינעם שופר. כ׳האָב דאָך טאַקע, בהן שלי, אַלץ פאַרגעסן. זייט מיר מוחל, אדון אייגער, און זאָלן מיר אייערע חשובע געסט אויך מוחל זיין.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ געפּליסטעטער צווישן די טיש־זיצערס. עס האָט זיך ממש באַקומען, אַז רבי יעקב איז חלילה נישט מער אויסן גע־ווען ווי צו ווערן אויפגענומען פונעם מאַגנאַט, בכדי פון אים אַרויסצו־שלעפּן אַ היפּשע אפּותיקי.

אַ פאַרשעמטער האָט זיך רבי יעקב אויפגעשטעלט פון טיש. ער האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געזאָגט: „גוט שבת, רבותי״, און איז אַוועק אין זיין חדר־מיוחד. ער האָט געפילט ווי ר׳ אשר גייט אים נאָך.

— זייט אייך נישט מצער, רבי יעקב! שבת טאָר מען דאָך נישט טרויערן. איך וועל אייך פאַר מיינע געסט פאַרענטפערן. איר מוזט זיין מיד פון וועג. רוט אייך גוט אויס. אפשר וועט איר זיך נאָך עפּעס דער־מאָנען? זייט מיר מוחל, איך מוז צוריקגיין צום טיש.

רבי יעקב איז אַריין אין זיין גאַסט־צימער.

אַ גרויסע נאַפט־לאָמפּ מיט אַ גרין־בלוי מילכגלאָז איז געשטאַנען אינדערמיט פון אַ שיין־געדעקטן טיש. צוויי ליכט אין זילבערנע לייכטער האָבן זיך סודותדיק־שטיל געפלעמלט. די גאַרדינען איבערן אָפענעם פענצטער האָבן זיך אָנגעבלאָזן, אַמאָל אַ פעכער געטאָן אויף רעכטס, אַמאָל אויף לינקס. ער האָט דערבליקט דאָס באַלקאָנדל, און איז מיט אומדרייסטע טריט אַרויסגעגאַנגען זיך אָביסל אָפּקילן.

פון גאָרטן האָבן זיך דערטראָגן שאַרפע, שמעקעוודיקע ריחות. די פּרוכטן־ביימער האָבן אים געגומען גלעטן. דער בלעטער־געררויש האָט אָפּגעשלאָגן אין זיין געהער, ווי עפּעס אַ געהיימע האַנט וואָלט געמישט אַן אַלט פאַרמעט־ספר אין וועלכן עס זיינען פאַרבאָרגן סודות־היצירה. פאַר זיינע אויגן איז געלעגן אויסגעשפּרייט דער אומענדלעכער ברייט און ווייט צעפלאָסענער ים־התכן. יעדעס כוואַליעלע האָט געצאַפּלט פאַר זיך ווי אַ באַזונדער באַשעפעניש מיט אַן אייגנאַרטיקער קאָליר. אָבער דער ים איז געווען באַהאַפטן ווי אַ סאַמעט־בלוי געוועב פון זיל־בערנע שטראַמען, וואָס האָבן שטיל אויסגעשפּילט אַ לויב צו זייער געטלעכן באַשאַפער. רבי יעקב האָט זיך מיט אהבת־השם איינגעקוקט ווי אינעם געשליף פון וואַסער שיינען און פינקלען אומצאָליקע זילבערנע שטערנדלעך. און די לבנה דאָרט אינעם ים־טיפקייט, צעשפּיגלט איר גלאַנץ אויף גאַנץ ווייטע שטחים.

און כאַפּט ער אַ בליק אויפן הימל, דאַכט זיך אים, אַז ער דערזעט אַלץ נאָך דעם זעלבן ים מיט לבנה און שטערן, דער אויבן און אונטן איז איין געטלעך געוועב, הימל און ים מישן זיך צונויף אין דער ווייכער

סאַמעטענער נאַכט, אַז מ׳ווייסט ממש נישט, צי דאָס שווימענדיק־שוועבנ־דיקע בלוי־ווייס פליגעלע איז אַ וואָלקנדל אין הימל אָדער אַ כוואַליע אין ים.

און רבי יעקב האָט זיך געטראַכט:

„אַך טי רבונו של עולם, אליהינו נאַש! ווי וווּנדערבאַר איז דיין וועלט! מיין רבי ז״ל האָט מיך דאָ מסתמא אַהערגעשיקט, אַז איך זאָל דערזען ווי אומענדלעך גרויס, שיין און כישופדיק עס איז דיין ווערק. מיין האַרץ איז ווי דער ים איצט פול מיט דיין וווּנדער. איך הער איצט פון דער נאַכט־שטילקייט אַרויס די שערי־שמים׳דיקע מוזיק, וואָס שוועבט צווישן הימל און ערד, אָבער זאָג מיר גאָטעניו, פאַר וועלכע חטאים האָב איך פאַרגעסן דעם בעל־שם׳ס וווּנדער־מעשה? אפשר האָב איך אין וועג מתפלל געווען מיט וויניקער כוונה ווי אין דער היים? אפשר האָב איך וויניקער געטראַכט פון ווייב און קינדער? מרא דעלמא כולא. דו ווייסט דאָך, אַז מיין בענקשאַפט איז גרויס. דו ווייסט דאָך מיינע ריינע מחשבות. דו קוקסט דאָך אויף מיר איצט מיט פייערדיקע אויגן פון דיינע שטערן, ווייסטו דאָך, אַז מיט דער מעשה וועגן מיין רבי, ר׳ ישראל, בין איך נאָר אויסן געווען גרויס צו מאַכן דיין נאָמען, און אפשר מתקן־זיין אַ קאַליע־געוואָרענע נשמה. טאָ פאַרוואָס־זשע האָט דער שטן מיר צוגענומען דעם זכרון?״.

ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַרום און אַרום איז נאָך שטילער געוואָרן. אַ מלכותדיקע שבת־רו ליגט דאָ אויסגעשפרייט אויף הימל און ערד. אין יעדן ווייסן וואָלקנדל האָט ער געזען אַרומשוועבן די מלאכי־השלום. ער איז געבליבן צווישן הימל און ערד ווי פאַרכישופט פון גאָטס שיינקייט, רחבות, שטילקייט און גבורה.

ה

זונטיק אין דער פרי, בעת ר׳ אשר האָט צוגעפירט זיין אורח צו דער קאַרעטע און אָנגעזאָגט זיין קוטשער, אַז ער זאָל דעם גאַסט בכבוד־גדול אָפפירן אַזוי ווייט ווי ער וועט נאָר וועלן, האָט רבי יעקב אַ דער־פרייטער אויסגעשריגן:

— ר׳ אשר, ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט אין דער מעשה וואָס כ׳האָב איך געוואָלט דערציילן.

— געלויבט השם יתברך! — האָט ר׳ אשר אויסגערופן אַ דער־פרייטער, און האָט רבי יעקבן צוריק אַריינגעפירט אין זיין גאַסט־סאַלאָן.

אַ פאַרצאַפּלטער איז ר׳ אשר אַריינגעפאַלן אין אַ פאָטעל, געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל, קוקנדיק מיט אַ געוואַלדיקער נייגעריקייט אויף רבי יעקבן.

רבי יעקב האָט שווער אָפּגעזיפצט.

דער בעש״ט איז אַמאָל אַ גאַנצן שבת געזעסן אַ טרויעריקער און נידערגעשלאָגענער — האָט רבי יעקב אָנגעהויבן דערציילן — ער האָט ממש זיין קאָפּ נישט אויפגעהויבן. מיר תלמידים, וואָס האָבן תמיד אַרומגערינגלט זיין טיש, נאָכגעגאַנגען זיין טראָט אין שטאָט, אין וואַלד, האָבן זיך זייער געחידושט, נישט באַנומען אונדזער רבינס טרויער.

מוצאי־שבת, נאָך הבדלה, האָט דער בעש״ט באַלד געהייסן שפּאַנען די פערד און האָט מיך מיט נאָך צוויי תלמידים געהייסן מיטפאָרן. מיר האָבן, פאַרשטענדלעך, מורא געהאַט צו פרעגן וווהין מיר פאָרן. די נאַכט האָט אונדז געשראָקן, אָבער דאָס געשטאַלט פון בעל־שם, האָט אונדז געשטאַרקט.

ביים ערשטן שפּראָץ אויף טאָג, זיינען מיר, געדענק איך, אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט אַריין. די פערד האָבן זיך אַליין אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז מיט פאַרמאַכטע טויערן און טירן־פענצטער. דער בעל־שם האָט געהייסן אָנקלאַפּן אין אַ לאָדן. איך קלאַפּ אָן. אויף דער שוועל באַווייזט זיך אַ זקנה, און ווי נאָר זי האָט אונדז דערזען, האָט זי פאַר־בראָכן די הענט און מיט וויינענדיקער שטימע אויסגעשריגן:

— וואָס טוט איר דאָ, איר זייט דאָך פאַרלוירענע... ס׳איז דאָך היינט דער קריסטלעכער פּסח. געפינען זיי אַ ייד אין דער גאַס, ווערט ער צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך; געפינען זיי נישט וואַרפן זיי גורל. און אויף וועלכן ייד, רחמנא ליצלן, דער גורל פאַלט נעבעך, ווערט ער אַרויסגענומען פון שטוב און אַ געבונדענער צוגעשלעפּט צו דער קירכע. און דאָרט... זיי גיבן אפילו דעם מת נישט אַרויס, אַז מ׳זאָל אים נישט קענען ברענגען צו קבר־ישראל. יידן, דערבאַרעמט אייך, און אַנטלויפט אין וואַלד אַריין! ערשט נאָכן ביטערן טאָג, וועט איר מעגן צוריקקומען.

דער בעש״ט האָט אָבער געהייסן אַראָפּנעמען אונדזערע זאַכן פון וואָגן און אַריינטראָגן אין דער שטוב אַריין.

אַריינקומענדיק אין דער שטוב, האָט ער ברייטלעך געעפנט אַ פענצ־טער און אַרויסגעקוקט.

דאָס גאַנצע הויזגעזינט, דער אַלטינקערס איידעם, טעכטער און אייניקלעך, וואָס זיינען געלעגן באַהאַלטן אין אַ קעלער, האָבן איבער־ראַשטע און צום טויט איבערגעשראָקענע אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון זייערע באַהעלטענישן און האָבן נישט אָנגעהויבן צו באַנעמען וואָס דאָ קומט אַזוינס פאָר...

אָבער די אַלטינקע האָט געוואַלדעוועט:

— גזלן, מערדער, איר ווילט אונדז אַלע אומברענגען! ווי וואַגט איר עפּעס אין אַ פרעמדער שטוב צו עפענען אַ פענצטער אין אַזאַ שוואַרצן טאָג?

— זייט רואיק, מיין ליבע פרוי. עס וועט אייך חלילה גאָרנישט געשען — האָט דער בעל־שם שטיל געזאָגט, נישט אָוועקנעמענדיק די אויגן פון דער רוישיקער גאַס.

מיר תּלמידים האָבן זיך אויך צוגעשטעלט צום פענצטער און גע־זעען אין מיטן מאַרק — אַ גרויסע בימה פון דרייסיק טרעפּ די הייך. די טרעפּ זיינען געווען באַדעקט מיט דיוואַנען, די בימה — מיט פּיל־פאַרביקע טישטעכער און מיט ווייסע העפטערייען. גרויסע ליכט האָבן געברענט אין גאָלדענע לייכטערס. ס׳זיינען דאָרט געשטאַנען אַ כּנופיא גלחים אין ווייסע גאָלד־געשטרייפטע העמדלעך. די גאָלדענע צלמים האָבן זיך שאַרף איינגעשניטן אין אונדזערע אויגן. אַרום די גלחים — צוויי שורות קליינע כאָר־ייִנגלעך אין ווייסע העמדלעך אויף שאַרלאַך־רויטע קאַפּטורעס. די גייסטלעכע האָבן געוואַרט אויפן בישאָף.

מ׳האָט אַזוי געוואַרט אַ שעה־צוויי.

פּלוצלונג האָבן די קירכן־גלאָקן אָנגעהויבן קלינגען און פאַרגלו־שען דעם שטאָט־גערויש.

אַ ריזיקע מחנה פון פּויערים, פּויערטעס, שקצים און שיקסעס, שטאָטישע מענער, ווייבער און קינדער, האָט פון ערגעץ־ווו געצויגן צום קירכע־פּלאַץ. הונדערטער און הונדערטער ליכט האָבן געברענט אין זייערע הענט. איבער די קעפּ פון המון, האָבן זיך אַרויסגעהויבן בילדער און גיפּסענע פיגורן פון דער „הייליקער מוטער״ פון איר געקרייציקטן זון. אַ געפלאַטער פון פאַרביקע קאָפּ־טיכלעך, גרינע און גראַנאַטענע סורדוטן, בלאָנדע און פלאַקסענע טשופּרינעס, פליכן און ווייסע האָר, קאָלירט באַנד און פעלד־בלומען אין געפלאָכטענע מיידלשע צעפּ, אַ גע־ברום פון קולות, אַ געהירזש פון פערד, אַ גלין־גלאָנגע פון גלעקלעך, אַ געטופּע פון שווערע שטיוול און לייכטע שיך — אַלצדינג איז פאַר־

שלונגען און פאַרטויבט געוואָרן אינעם געבראַזגע פון די גרויסע, שווערע קירכן־גלאָקן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערטראָגן אַ געפּליסטער, גלייך ווי אַ טייך וואָלט זיך צעבושעוועט:

— דער בישאָף גייט, דער בישאָף!

דער פינצטערער המון איז געפאַלן צו דר׳ערד.

אין דער רגע האָט דער בעל־שם צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— יעקב, באַפריי דיך פון פחד, גיי תיכף אַרויס און הייס דעם בישאָף צו מיר קומען.

איך גופא בין אויך געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער. אָבער די שטוב־מענטשן זיינען ממש ווילד געוואָרן פאַר טויטשרעק און גענומען לויפן אַהין און אַהער. אַ וויינענדיק פרויען־קול האָט זיך דערהערט:

— גאָט דערבאַרעמדיקער! ווי לאַנג איז דען ערשט ווי כמעלניצ־קיס קאָזאַקן האָבן אונדז געקוילעט מאַסנווייז, געשענדעט אונדזערע טעכ־טער, באַרויבט אונדזער האָב און גוטס, זיינען אייך נאָך ווייניק די אַלע קרבנות, גייט איר איצט, אין אַזאַ שוידערלעכן טאָג אַרויסשיקן אַ ייד און ער זאָל גאָר, נישט מער און נישט ווייניקער, רופן דעם בישאָף?

— אַ משוגענער, ער וועט אומברענגען ס׳ביסל יידן אין שטאָט, וועט ער אומברענגען.

— גייט אַרויס פון שטוב, טראָגט אייך אָפּ פונדאַנען! — האָבן פאַרצווייפלטע קולות גערופן.

אָבער דער בעל־שם האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט צו מיר נאָכאַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— יעקב, גיי ווו איך שיק דיך!

בין איך אַרויסגעגאַנגען ווי כ׳וואָלט ממש געטרעטן אויף גליענדיקע קוילן. הגם כ׳האָב כסדר געטראַכט פון בעל־שם, און זיין געשטאַלט האָט אפילו אויף אַ רגע פון מיר נישט אָפּגעטרעטן, האָט מיך פונדעסטוועגן באַהערשט אַ טויט־שרעק. אָט האָבן זיך פאַר מיינע אויגן פאַרבייגעטראָגן פאַסמעס פייער; אָט איז מיר פאַר די אויגן געוואָרן שטאָק־פינצטער; אַז כ׳האָב באמת נישט געזען וווהין כ׳גיי.

בעת כ׳האָב זיך דערנעענטערט צום קריסטלעכן המון־עם, האָב איך געפילט ווי זייערע פיינטלעכע בליקן שפּיזן אַדורך מיין לייב. נאָך יעדן טראָט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין די הענט פון די בערג־איינוווינער

בלאַנקען מעסערס, אָבער ווען כ׳האָב זיך גוט איינגעקוקט, האָב איך בעשיינפּערלעך געזען ווי זיי רוקן זיך גאָר אָפּ, מאַכן פאַר מיר פריי דעם וועג צו דער בימה.

דער בישאָף האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אויסגעהערט מיין בקשה און מיר געענטפערט:

— זאָג דעם בעל־שם אַז כ׳קען איצט נישט אַוועקגיין, כ׳דאַרף האַלטן מיין דרשה. כ׳וועל אים קומען זען אין אַ שעה אַרום.

כ׳בין צוריקגעקומען ווי מיט אונטערגעהאַקטע קניען. כ׳האָב בפּועל־ממש געפילט ווי ס׳האַרץ שפּרינגט מיר אויסן לייב אַרויס. אָבער ווען כ׳בין אַ פאַרסאַפּעטער צוריקגעקומען, האָב איך דערזען ווי אַלע שטוב־מענטשן שטייען אַרום דעם בעל־שם און בעטן אים איבער:

— הייליקער צדיק, זייט מוחל אונדזערע גראָבע רייד. אויב אייער שמש איז צוריקגעקומען, זיינען מיר זיך שוין משער ווער עס רוט אונ־טער אונדזער שטרויענעם דאַך.

— גאָט אין הימל, וואָס פאַראַ זכיה, וואָס פאַראַ זכיה!

אויסהערנדיק מיין תשובה האָט דער רבי מיינער גענומען טופּען מיטן שטעקן און שטרענג באַפוילן:

— יעקב, גיי נאָכאַמאָל אַהין צום בישאָף און זאָג אים, אַז ער זאָל תיכף־ומיד פאַרלאָזן די בימה. שוין באותו־רגע זאָל ער צו מיר קומען.

דאָס צווייטע מאָל, בעת איך האָב זיך דערנענטערט צום המון, האָב איך אויפגעשווידערט מיט אַלע רמ״ח אברים. צוויי יונגע כלאָפּעס אין שוואַרצע פּרעק, האָבן ביי אַ שטריק געשלעפּט אַ גרייז־גרויען זקן. דער אַלטער ייד האָט געפּרייכצט ווי עס וואָלט אים פאַר גרויס אימה אויס־געפּעלט לופט צום אָטעמען. דער המון איז וואָס־אַמאָל אַלץ ווילדער און ווילדער געוואָרן. די בהלה האָט געקאָנט איבערשרייען אַ צעשטורעמטן ים.

— דער גורל־קרבן, דער גורל־קרבן! אַ טויט! פאַרברענען! הענ־גען! זאָלן אים פערד צערייסן! — האָט די מאַסע געברילט. זייערע רויע, בייז־בלוטיקע קולות, האָבן אָפּגעשלאָגן אין מיינע געהירן, אַקוראַט ווי מ׳וואָלט מיך באַוואָרפן מיט גליענדיקע שטיינער. איצט, בעת איך דער־מאָן זיך יענע געשעעניש, איז מיר אוממעגלעך צו פאַרשטיין מיט וואָס פאַראַ כוח איך האָב זיך דעמאָלט דערשלאָגן צו דער בימה.

רבי יעקב האָט אויף אַ ווייל אָפּגערוט, און באַלד ווידער גענומען דערציילן:

צוקומענדיק צום בישאָף האָב איך קוים־קוים אויסגערופן:

— דער בעל־שם האָט מיך נאָכאַמאָל געשיקט אייך זאָגן, אַז איר זאָלט אַלץ איבערלאָזן און תיכף צו אים קומען:

— איך געדענק, אַז דער בישאָף האָט אַ ציטער געטאָן, אויפגעהויבן אַ זילבערן הענטל פון צערעמאָניע־טיש און באַפוילן:

— באַפרייט דעם זקן!

ס'איז געוואָרן שטיל, מ'האָט דעם אַלטיטשקן אויפגעבונדן, אָבער ער איז פון די שטריק אַרויסגעפאַלן אַ טויטער.

— ברוך דיין אמת! — האָב איך שטיל געפליסטערט.

— איך האָב אָנגעהויבן צוריקשפּאַנען. און בעת איך האָב געזען, אַז דער בישאָף גייט מיר נאָך, די מאָסע שטייט ווי פאַרשטיינערט, קוקט אונדז נאָך מיט אָפענע מיילער און אויסגעלופּעטע אויגן, האָב איך ממש געפילט, אַז אָט־אָט זינק איך אין דר'ערד פאַר פרייד און שרעק.

דער בעל־שם האָט דעם בישאָף אויפגענומען מער שטרענג ווי פריינדלעך. די שטוב־מענטשן, דערזעענדיק דעם בישאָף אין דער צע־רעמאָניע־מאַנטיע מיטן צלם־שטעקן אין האַנט, זיינען ממש פאַרציטערט געוואָרן און האָבן זיך פאַר אימת המוות גענומען אַריינרוקן אין די ווענט. דער בעל־שם מיטן בישאָף ימח שמו, האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ חדר־מיוחד. מיר תלמידים האָבן זייער וויכוח נישט געהערט. כ'געדענק נאָר, אַז דער שמועס מיטן צלם־קאָפּ, האָט געדויערט איבער אַ שעה.

דערנאָך איז דער בעל־שם דער ערשטער אַרויסגעקומען. ער האָט געהייסן גיך שפּאַנען די פערד און מיר זיינען תיכף אַוועקגעפאָרן. וואָס עס איז געוואָרן פון בישאָף ווייס איך נישט. און אפילו אין וועלכער שטאָט דאָס איז געשען, געדענק איך אויך נישט — האָט רבי יעקב אָפּגעהאַקט.

ר' אשר איז אין זיין פאָטעל געבליבן זיצן אַן אויסגעבלייכטער, אַ פאַרשטומטער. ער האָט מיט אַ פּאָר צעבלינצלטע אויגן געקוקט אויף רבי יעקבן. זיינע ליפּן האָבן געציטערט ווי ער וואָלט ממש געשטאַנען אַ נאַקעטער אויף אַ קריע אייז.

נאָך אַ ווייל האָט ר' אשר שווער אָפּגעזיפצט און אויסגערופן:

— געלויבט השי"ת וואָס איך האָב זוכה געווען פון אייער מויל צו הערן די מעשה.

— כ'פאַרשטיי אייך נישט... — האָט אים רבי יעקב אָנגעקוקט.

— איר וועט מיך באַלד פאַרשטיין. איך וועל פאַרענדיקן די מעשה

וואָס איר האָט נישט פאַרענדיקט. מאָלט אייך אויס, רבי יעקב, אַז ווי־נאָר איך האָב אייך דערבליקט אין פּאָליש פון מיין בית־המדרש, האָב איך אין אייך גלייך דערקענט... דעם שליח פון בעל־שם, וואָס איז דעמאָלט...

— רבי יעקב איז אויסגעשפּרונגען.

— איר ?!...

— איך! — — האָט זיך ר׳ אשר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ אַריין ווי צו על חטא.

— איך קען דאָס נישט באַנעמען... דער מוח פּלאַצט מיר... ס׳איז דאָך אוממעגלעך... — האָט רבי יעקב אַ שפּרייז געטאָן איבערן צימער, גלייך ווי ער וואָלט ממש געוואָלט אַרויסלויפן דורך דער וואַנט.

— באַרואיקט אייך, רבי יעקב, איך בעט אייך!

דער בעל־שם איז דאָך נפטר געוואָרן, טאָ לאָזט מיך זיך פאַר אייך מתוודה זיין. זעצט אייך צוריק אַוועק און האָרכט אויס די מעשה ביז צום סוף.

רבי יעקב האָט זיך מיט שווערע טריט צוגעשלייכט צום פּאָטעל און זיך פּאַוואָלינקע אַראָפּגעזעצט.

ר׳ אשר איז אַ היפּשע ווייל געבליבן זיצן אַ פאַרשטומטער.

— מען איז אַמאָל יונג געווען, רבי יעקב! — האָט דער מאַגנאַט געזאָגט און אַרויסגעזיפצט — מיין פאָטער, ר׳ אליעזר אייגער, דער גרויסער למדן און חרף, איז אומגעקומען על קידוש השם... כמעלניצקיס קאָזאַקן האָבן אים צוגעבונדן צו אַ וויידל פון אַ פערד און האָבן אים אַזוי לאַנג געשלעפּט איבער די גאַסן, ביז זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען מיט אחד אויף די ליפּן... מיין גאַנץ הויזגעזינד איז אומגעקומען אין די גרויסע שחיטות... מיין ערשטע ליבע, אַ דיין׳ס אַ טאָכטער איז דאָס געווען, האָבן די קאָזאַקן צו ערשט פאַרגוואַלטיקט און דערנאָך פאַרברענט... איך זע זי נאָך איצט אַ לעבעדיקע...

ר׳ אשר האָט פאַרמאַכט די אויגן, ער איז אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן, און באַלד ווידער גענומען רעדן:

— איך בין געווען באַהאַלטן ביי אַ גוט־באַזיצער. איך האָב דע־מאָלט שיין געזונגען און געשפּילט פידל. מ׳האָט מיך דאָרט אין הויף ליב געהאַט. אָבער ווען די געוואַלדן פון די יידישע קרבנות האָבן אַדורכ־געשפּאָלטן די ווענט פון מיין לאַנדווירטס געביידע, האָט ער צו מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— נו, איצט גלויבסטו נאָך־אַלץ, אַז איר האָט אַ גאָט אין הימל, וואָס איז פול מיט רחמים?

— ניין, איך גלויב נישט מער... — האָב איך אים געענטפערט.

— און איר האָט רחמנא לצלן טאַקע נישט געגלויבט? — האָט רבי יעקב איבערגעפרעגט.

— ניין, איך האָב אָנגעהויבן צווייפלען. כ׳האָב זיך פריער געהאַט באַ־קענט, בנסתר פאַרשטייט זיך, מיט נאַטור־וויסנשאַפט, מיט פילאָזאָפישע שיטות, וואָס האָבן אָפּגעלייקנט אונדזער תורה בכלל, ובפרט דעם צו־גאַנג פון אונדזערע רעליגיעזע פילאָזאָפן. און דאָ שטיי איך מיטאַמאָל פאַר אַזאַ נסיון. אומשולדיקע קהילות ווערן אויסגעקוילעט פאַר זייער גלויבן, אַז גאָט איז אונדזער באַשיצער, אונדזער אל רחום וחנון. גאַנצע קהילות, פרויען און קינדער שרייען צו גאָט און אין קול ואין עונה...

דער צווייפל האָט מיך געצומען נורקעווען ווי אַ וואָרעם... דערנאָך, ווען דער בלוטיקער מבול האָט זיך געהאַט איינגעשטילט, איז די אָפּ־געראַטעוועטע יוגנט אַרומגעגאַנגען אַ פאַריתומטע, אַ צעריסענע און צעפליקטע און האָט מיט גרויס בענקשאַפט אויסגעקוקט אַ גואל, אַ משיח.

— אַ גואל, אַ משיח — האָט רבי יעקב פאַרביטערט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און ווי נאָר עס איז אַנטשטאַנען די שבתי־צבי־באַוועגונג, אונטערגעשטיצט פון אַ גאַנצער ריי גאוני־הדור, האָט זיך די יוגנט און אפילו לומדים פון טיפן עלטער, אַ ריס געטאָן צום נייעם משיח, ווי דורשטיקע אין אַ מדבר — צו אַ פרישן קוואַל — האָט ר׳ אשר אַ זיפץ געטאָן.

— איך גופא בין אויך מיט גרויס התלהבות אַריין מיטביידע פיס אין דער דאָזיקער תנועה. איך האָב, ווי פיל אַנדערע, געמיינט, אַז מיין נשמה האָט אין די הוליאַנקעס און אָרגיעס, וואָס מיר האָבן טאָג און נאַכט געפּראַוועט, געפונען איר תיקון. מיר האָבן זיך אַלע איינגערעדט, אַז נאָר שיכרות, קען אונדז אויסלייזן פון אַלע צרות און פיין. די ווילדע סצענעס פון אונדזערע אָרגיעס, וועלן מיר תמיד שטיין פאַר די אויגן.

— איר ווייסט דאָך, אַז אונדזער משיח פון סמירנא האָט געלערנט, אַז מ׳מוז קודם כל אַדורכגיין די ניין און פערציק טויערן פון טומאה, ווייל דאָס שלעכטס איז דאָך דער מקור פון גוטן.

דער צווייטער משיח, יעקב פראַנק, האָט ווידער געדרשנט, אַז מיר דאַרפן זיך אַראָפּלאָזן ביז צום לעצטן אָפּגרונט. און מיר האָבן זיך טאַקע

אַראָפּגעלאָזט. אָבער סוף־כל־סוף האָט אונדז שבתי־צבי אין סולטאַנס תפיסה פאַרראַטן, אונדז אויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט.

בקיצור, בעת שבתי־צבי איז איבערגעגאַנגען צום איסלאַם, זיינען אַ טייל פון אונדז, און איך בתוכם, אַוועק צו דער קריסטלעכער אמונה. מיין תלמודיש וויסן, מיין תנ״ך־קענטעניש און מיין שיינע קלינגענדיקע שטים, האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די גייסטלעכע, און אַזוי אַרום בין איך שטופּנווייז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ בישאָף.

אָבער מיין אומגעקומענער פאָטער על קידוש-השם, האָט אין קבר נישט גערוט. ער איז דעם בעל־שם כסדר צו חלום געקומען און אים געבעטן רחמים, אַז ער זאָל מיך אַרויסשלעפּן פון דער שווידערלעכער עבודה־זרה. נאָך מיין פאָטערס געבעט איז דער בעל־שם נאַכט ביי נאַכט, מיר געקומען צו חלום.

איך האָב אים צוגעזאָגט און אפילו געשוווירן, אַז כעלות־השחר, ביים שיין פון מאָרגנשטערן כאַפּ איך זיך אויף, וואַרף פון מיר אַראָפּ דעם צלם, באַגראָב מיינע בישאָף־מלבושים און קער זיך צוריק צום יידנטום.

אָבער צומאָרגנס האָט מיך די קלויסטערישע אַטמאָספערע ווידער געפאַנגען און איך בין אַלץ פאַרבליבן אויף מיין אַמט.

יענעם פּסח, וועגן וועלכן איר, רבי יעקב, האָט מיר אָקאָרשט דער־ציילט, האָב איך זיך שוין כמעט געהאַט איבערגעטאָן פאַר אַ פויער און געוואָלט אַנטלויפן אין די בערג, אָבער די תשוקה צו כבוד און מאַכט איז געוואַלדיק גרויס... ווען נישט די דאָזיקע ליידנשאַפט וואָלט דער מענטש געקענט אויסמיידן אַ סך חטאים און פאַרברעכנס. איך האָב זיך אין די פרימאָרגן־שעה׳ן פון אייער פּסח־מעשה געראַנגלט ממש מיטן שטן, און מער נישט געוואָלט אַרויסגיין צו דער צערעמאָניע, אָבער ווי איר, רבי יעקב, האָט געזען מיט אייערע אייגענע אויגן, האָט מיך דער שטן ווידער געהאַט באַזיגט. ערשט, בעת דער בעל־שם האָט אייך צום צווייטן מאָל נאָך מיר געשיקט, האָב איך זיך איינגעבראָכן און בין אַייך נאָכגעגאַנגען.

— ס׳איז איצט נישט וויכטיק דער וויכוח צווישן מיר און דעם בעל־שם. איך וויל זיך אגב, גאָרנישט דערמאָנען אין זיינע פייערדיקע רייד, וואָס בריען ביז היינט מיין לייב... אייער רבי האָט אויף מיר צעריסן די צע־רעמאָניע-קליידער, און האָט מיין פאַרמעגן געהייסן איינטיילן אין דריי חלקים: איין חלק זאָל איך צעטיילן נויט־באַדערפטיקע יידן, איין חלק זאָל איך אַוועקגעבן דעם קעניג, אַז מען זאָל מיך אַרויסלאָזן פון דער מדינה און מיך מער נישט זוכן, און אַ חלק זאָל איך איבערלאָזן פאַר

מיר, וואָס זאָל סטייען אויף תשובה־צוועקן און אויף עפּעס אַ מסחר. און פון יענער רגע אָן, זינט דער בעל־שם האָט פון מיר אַראָפּגעריסן די צערעמאָניע־קליידער, האָב איך נישט אויפגעהערט צו לעבן ווי אַ בעל־תשובה.

— אייער רבי האָט מיר פאַרן געזעגענען זיך געזאָגט, אַז מיינע חטאים וועלן פריער נישט פאַרגעבן ווערן, ביז איינער פון זיינע תלמידים וועט מיר קומען דערציילן די מעשה פון יענעם פסח־טאָג...

בעת איר, רבי יעקב, האָט ביי מיין שבת־טיש געהאַט פאַרגעסן די מעשה, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין נשמה איז אַלץ נאָך נישט ריין. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט תפילה געטאָן. כ'האָב דאָך נישט געקאָנט פאַסטן שבת. איצט, אַז איר האָט זיך דערמאָנט די מעשה, וויל איך גלויבן, אַז מ'האָט מיר אין הימל מוחל געווען מיין פאַרברעכן. לאָמיר רבי יעקב, טרינקען לחיים ווי ביי אַ ניי־געבוירן נפש... אַ נייע נשמה...

רבי יעקב איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך. זיינע אויגן האָבן ערגעץ־ווו ווייט אַוועקגעקוקט...

— איר הערט מיך, רבי יעקב? — האָט אים ר' אשר לייכט באַ־רירט ביים אַקסל.

רבי יעקב האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט.

— נו, מיין שליחות איז אויסגעפירט. איך בעט אייך, לאָזט מיך אַוועקגיין צו פוס.

— וואָס טוט זיך מיט אייך, רבי יעקב! אויב מ'האָט אין הימל אָנגענומען מיין תשובה, ווילט איר זיך איצט אָקעגנשטעלן דער פמליא של מעלה און אייער הייליקן רבי. לאָזט מיך ווייטער אָנגיין מיט מיין תשובה. איך וועל הייסן אין דער קאַרעטע איינשפּאַנען פיר פערד. מיין קוטשער וועט אייך אָפּפירן ביז צו אייער אָרעמער כאַטע מיטן שטרויענעם דאַך. אָבער אין דער קאַרעטע וועט זיך געפינען אַזאַ עשירות, אַז דאָס וועט אייך שוין קלעקן אויף קינדס־קינדער אַרויס.

רבי יעקב האָט זיך פאַרטראַכט.

— ניין, ר' אשר, איך וויל פון אייך גאָרנישט. ס'וועט זיך מיר דאַכטן, אַז אייער גאָלד איז איבערגעשמאָלצן פון צלמים, וואָס זיינען אין אַלע פינצטערע תקופות געווען דאָס אינקוויזיציע־מעסער אויף אונדזער האַלדז... און צו וואָס בכלל עשירות? מיין רבי האָט געטראָגן אַ פּראָסטן טוזליק, געשלאָפן אויף גאָלע ברעטער, וואָס האָבן אַרום זיך פאַרשפּרייט

דעם ריח פון וואַלד און די שירה פון פייגל. מיין רבי האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיט אַ פסוק פון תהילים: אל תבואני רגל גאווה... איך וועל מיט מיין זעקל ווייטער גיין איבער דער וועלט און דערציילן די ווונדער פון בעל־שם, איך האָב מסתמא נאָך נשמות מתקן צו זיין. איך דערלויב איך מיך צו באַגלייטן צו פוס ביז צום קרייץ־וועג — האָט רבי יעקב אַ נעם געטאָן דאָס זעקל אויפן אַקסל און איז מיט גרויסע שפּרייז אַרויס פונעם מאַגנאַטס גאַסט־סאַלאָן.

דער בעל־תשובה איז רבי יעקבן נאָכגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער.

בעת זיי זיינען אַרויסגעקומען אויפן קרייץ־וועג איז אָנגעפאָרן אַ פּראַסט פורל, די געזעסן באַדעקטע מיט זעק.

רבי יעקב האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן, דער בעל־עגלה האָט זיך אָפּגעשטעלט.

און איידער ר׳ אשר האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן, איז דאָס פורל אָפּגעפאָרן, איינהילנדיק אַלץ אַרום אין אַ וואָלקן שטויב.

דעם קעניגס ווייס פערד

א

דער מדינה־גייער איז געווען אַ הויכער אויסגעדאַרטער זקן מיט אַ זילבערנער, שפּיציקער באָרד ביז צום גאַרטל. אַרומשלעפּנדיק זיך לרוב אויף דער פרייער לופט, איז זיין קנאָכיק פּנים געווען באַגאָסן מיט אַ ראָזעווען אָפּשיין פון זון־אויפגאַנג און שקיעה; זיינע אויגן — העל־בלויע און לויכטנדיקע.

די פאַרבלאַטיקטע טאָרבע אָנגעהאָנגען אויף אַ סענקעוואַטן שטעקן, אָנגעשפּאַרט אויפן רעכטן אַקסל, איז דער מדינה־גייער, אַ פאַרשטויבטער, אַ דערשוויצטער פון דער גרויסער חמימה, צוגעקומען צום איינגאַנג פון אַ קרוין־שטאָט.

אַ פאַרחידושטער האָט ער באַמערקט, אַז דער שטאָט־איינגאַנג איז פאַרשטעלט מיט אַ שלאַגבוים און באַוואַכט פון מיליטער. די אַרומיקע גאַסן — שוואַרץ פון מענטשן אין יום־טובדיקע מלבושים. די דעכער — געדיכט באַלייגט מיט נייגעריקע, אפילו אויף די קוימענס זיצן מענטשן און וואַרטן אויף עפּעס. אַ מיליטערישער אָרקעסטער און אַ געזשום פון מיליציאַנערישע פייפלעך, פאַרשאַלן און פאַרטויבן די לופט.

בעת איינער פון די מיליטער־לייט האָט דערזען דעם וואַנדערער, האָט ער אים אַ שטויס געטאָן און אויסגעשריגן:

— ווו גייסטו, שמוציקער בעטלער?! צי זעסטו נישט, אַז די שטאָט איז שוין געשלאָסן? אין דיינע טראַנטעס ווילסטו בייוווינען אַ קעניגלעכן פּאַראַד? כאַ־כאַ־כאַ!

דער מדינה־גייער האָט מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק אָנגעקוקט דעם לאַכנדיקן וואַכמייסטער און בנשימה־אחת אַ זאָג־געטאָן:

— לויף גיך אַוועק אין קעניגלעכן הויף און זיי דעם קעניג מודיע,

אַז ס׳איז געקומען אַ ייד, וואָס האָט אים איבערצוגעבן אַ וויכטיקן סוד. זיין לעבן שטייט אין סכנה...

די מיליטער־לייט ביים שלאַגבוים האָבן אַרויסגעשאָסן אַזאַ קראַ־כענדיק געלעכטער, אַז זיי האָבן זיך אַזש גענומען וואַקלען אויף די פיס.

— כאַ־כאַ־כאַ!

און איין וואַכמייסטער האָט מיט אַ פינגער ביי דער שלייף אָנגעוויזן, אַז דער ייד איז נעבעך אַ משוגענער.

אָבער דער מדינה־גייער איז נישט אָפּגעשטאַנען. ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט זיינע ווערטער, וואָס האָבן איצט ממש געקלונגען ווי אַ באַפעל.

בינו־לבינו איז צוגעקומען אַן אָפיציר, אויסהערנדיק אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט ער גלייך אַוועקגעשיקט אַ שטאַפעט צום קעניג.

און כהרף־עין איז העגדעם־פּענדעם אָנגעפאָרן אַ קעניגלעכע קאַ־רעטע, וואָס האָט דעם מדינה־גייער אַריינגעכאַפּט ווי אַן אוצר און איז מיט אים פאַרפאָרן אינעם קעניגלעכן הויף אַריין. מען האָט דעם בעט־לער אין גרויס איילעניש אויסגעבאָדן, איבערגעטאָן און געשטעלט פאַרן קעניג.

דער קעניג איז געזעסן אויפן טראָן אין זיינע פּורפּורנע קליידער, די קרוין — באַצירט מיט פריש־שמעקעוודיקע בלומען־קראַנצן, גרייט צום פּאַראַד.

בעת דער מדינה־גייער איז אַריינגעפירט געוואָרן, האָט דער קע־ניג צו זיין רעכט אויג צוגעלייגט אַ גאָלד־גערעמטן מאָנאָקל און האָט דעם ייד גוט באַטראַכט.

— ווי הייסטו?

— משה אהרן איפּשיץ.

— זייער פיין... וואָס פאַראַ סוד האָסטו מיר צו אַנטפּלעקן?

— איך בין געקומען דעם קעניג וואָרענען, אַז ער זאָל צום פּאַראַד נישט נוצן דאָס ווייסע פערד... איך ווייס וויל, אַז דאָס פערד איז גע־האָדעוועט געוואָרן אינעם קעניגלעכן הויף און קיינער האָט נאָך דערויף נישט געריטן, אָבער דער, וואָס וועט זיך דער ערשטער אַרויפזעצן אויפן פערד, וועט תיכף געהרגעט ווערן...

דער קעניג האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

— ייד, היט דיין קאָפּ! באַלד ווטסטו ביי מיר... דו ביסט געקומען חוזק מאַכן פון קעניג?

דער מדינה־גייער איז געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

— אויב דער קעניג צווייפלט אין מיינע רייד, וואָלט איך געבעטן, אַז מ׳זאָל פון תפיסה גלייך אַרויסנעמען אַ שווערן פאַרברעכער, דערביי זאָל ער נאָך זיין אַ געניטער רייטער אויך, און אים אַרויפזעצן אויפן פערד, דעמאָלט וועט זיך דער קעניג איבערצייגן, אַז איך האָב אים געראַטעוועט פון טויט. אויב דער פאַרברעכער וועט לעבן בלייבן, פאַרדין איך צו ווערן איינגעזעצט אויף זיין אָרט און אָפּצוקומען זיין שטראָף.

דערהערנדיק אַזעלכע פעסטע, אַנטשלאָסענע דיבורים, האָט דער קעניג תיכף־ומיד באַפוילן אויסצופּרוּוון דאָס פערד לויטן מדינה־גייערס עצה.

די ידיעה האָט זיך ברגע־אחת צעטראָגן איבערן פּאַלאַץ.

אַלע באַלקאָנען פון קעניגלעכן שלאָס זיינען באַלאַגערט געוואָרן ווי לאָזשעס ערב אַ זעלטענעם ספּעקטאַקל. ס׳האָבן זיך דאָ אויסגעזעצט: דער קעניג מיט זיין סוויטע, די פאַרבנרייך־געקליידעטע הויף־דאַמען מיט פעכערס און לאָרנעטעס אין די הענט, די מיניסטאָרן מיט זייערע פרויען, הויף־פּאָעטן, זינגער, מוזיקער און געסט פון פרעמדע מלוכות.

די פאָנטאַנען זיינען געעפנט געוואָרן. די בראָנדזענע און מאַר־מאָרענע לייבן, די דריי העלפאַנט-ביינערנע „גורל-געטינס״, די קראָקאָ־דילן און פאַזאַנען, וואָס האָבן באַצירט דעם קעניגלעכן פּאַרק אַרום דער שפּיגלדיקער אָזערע, האָבן געעפנט די מיילער, און בויגנאַרטיקע וואַ־סער־סטענגעס האָבן מיט אַ געפּלושקעריי אָנגעהויבן אַרויף און אַראָפּ־שטראָמען, נאָכמאַכנדיק דאָס נאַטירלעכע געשריי פון אַ קאַסקאַדע. די פאָנטאַנען האָבן געוואָרפן וואַסער־פּערל אויף די בלומען־קראַנצן, אויף דעם גרין־סאַמעטענעם גראָז־טעפּיך, ביז אַרויף צו די הויכגעוויקסיקע ביימער פון כלערליי משפחות.

דער שטאַל־דינער, אין אַ שוואַרצער ליווריע, האָט אַרויסגעפירט דאָס ווייסע פערד, וואָס האָט מיט זיין גראַציעזן גאַנג און מלכותדיק געשפּאַן אַרויסגערופן ביי די צושויער אַ געוואַלדיקע אַנטציקונג.

באַלד האָט מען פון תפיסה געבראַכט אַ ווילד־באַוואַקסענעם פאַר־ברעכער. בעת מ׳האָט אים צוגעפירט צום הויכן, שיינעם פערד, איז ער

געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. דער תפיסה־וועכטער האָט אים מיט אַ ריטל אַ שמיץ געטאָן און באַפוילן:

— זעץ דיך אויף און רייט אַרום דעם פּאַרק:

דער פאַרברעכער האָט אָנגעגריפן דעם זאָטל. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן און איז גלייך מיט די פיס אַריין אין די שפּאַרנעס. אָבער ווי נאָר ער האָט באַרירט די לייצעס, האָט דאָס פערד אַרויסגעלאָזט אַ לאַנג־געצויגן געהירזשעריי, ס'האָט זיך צירק־אַרטיק אַ הויב געטאָן אויף צוויי פיס און קאַראַהאָדיש זיך גענומען דרייען רונד אַרום. דער פאַר־ברעכער האָט זיך צוגעבויגן צום פערדס האַלדז; שטראָם איינגעצויגן דעם צוים־געביס אַרום דער פערדישער מאָרדע. אָן אויגנבליק האָט זיך דאָס פערד אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פיר, אָבער באַלד — נאָך וויל־דער אויפגעשפּרונגען, ווידער אַרויסגעלאָזט אַ געהירזשע, נאָכאַמאָל זיך גענומען דרייען אויף די הינטערשטע צוויי פיס, און געבנדיק אַ מעכטיקן טאַרע מיטן קאָפּ, איז דער פאַרברעכער אַרויסגעפלויגן פונעם זאָטל, צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו אַ שפּיציק־געקאַרבטן שטאָם פון אַ בוים און געבליבן ליגן מיט אַ צעשמעטערטן שאַרבן. די הויף־דאַמען האָבן שפּעטער דערציילט, אַז דורך זייערע לאָרנעטעס האָבן זיי דערזען ווי אויפן פאַרברעכערס פאַרבלוטיקטן מוח, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ לע־בעדיק קאָפּ־פלאַטערל...

דער מדינה־גייער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט, ביים ליידיקן טראָן. ס'האָט אים קיינער נישט געהייסן זעצן. ער האָט געהערט דעם דרויסנדיקן גערויש, דעם גערייזל פון די פאַנטאַנען און דאָס געשאַרעווע פון מענטשן־קולות.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט שווערע טריט אויף ווייכע טעפּיכער. דער קעניג איז אַריינגעקומען אַן איבערגעשראָקענער, אַן אויסגעבלייכ־טער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן טראָן, אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין.

ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי קאַמערדינער מיט גרויסע פּעכערס אין די הענט. זיי האָבן מיט ריטמישע באַוועגונגען גענומען פעכערן דעם קעניגס מיט אַנגסט באַשלאָגענעם פּנים.

— אַ בעכער קאַלטן וויין!

און בעת מ'האָט דעם קעניג דערלאַנגט דעם בעכער, האָט ער די דינער באַפוילן אַרויסצוגיין.

אויסגעטרונקען דעם ווייַן, האָט ער דעם מדינה־גייער לאַנג אָנ־געקוקט...

— יאָ, דו דאַרפסט נישט אַריינגיין אין דער תּפיסה אויפן פאַר־ברעכערס אָרט. ער איז געהרגעט געוואָרן, ווי דו האָסט פאַרגעזען.

דאָ האָט דער קעניג באַרירט אַ בייטעלע, וואָס האָט אים נאָכגע־באַמבלט ביי דער לינקער זייט פון פּאַסעק, אַרויסגעקראַצט אַ מטבע און זי דערלאַנגט דעם מדינה־גייער.

— נאַדיר פאַר דיין טרחה! דו ביסט פריי. קענסט גיין וווהין דיין האַרץ גלוסט.

דער מדינה־גייער האָט מיט דאַנק צוגענומען די מטבע און איז אַוועק.

ב

ס'זיינען אָפּגעפלאָסן אַ היפּש ביסל חדשים.

איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט, בעת דער קעניג האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, האָט פאַר אים אויפגעטויכט דאָס גע־שטאַלט פון מדינה־גייער.

דער קעניג האָט זיך במחשבה גענומען פאַרוואַרפן: „פאַרוואָס האָב איך דעם ייד אַזוי בחיפּזונדיק אַוועקגעשיקט? ער איז דאָך נאָך אַלעמען, מער חכם ווי אַלע מיינע מיניסטאָרן. דער ייד וואָלט זיכער נאָך געקאָנט ברענגען פיל נוצן דעם קעניגלעכן הויף און דער גאַנצער מדינה. דאָס צוויילן זיך צום פּאַראַד האָט גורם געווען אַז איך זאָל מיין רעטער אַזוי גיך אָפּפּאַרטיקן — אָבער...”

צומאָרגנס, כעלות השחר, האָט דער קעניג באַפוילן, אַז מ'זאָל אויף אַלע עפנטלעכע פּלעצער, שולן און בתּי־מדרשים פון דער מדינה אויסהענגען מודעות: „דער ייד משה אהרן אייפּשיץ ווערט געבעטן זיך צו מעלדן אין קעניגלעכן הויף. ווער עס וועט אויסגעפינען דעם ייד, וועט באַלוינט ווערן. דער בירגערמייסטער פון דער שטאָט, ווו דער ייד וועט זיך אָפּגעפינען, ווערט אויפגעפאָדערט אים אָפּצושיקן אויף דער שענסטער קאָטש, געשפּאַנט מיט פיר פערד נאָ שפּיץ”.

איינמאָל אין אַ ווינטער־פרימאָרגן, בעת דער מדינה־גייער איז זיך געלעגן אויף אַ האַרטער באַנק ביי אַ ליימענעם אויוון אין אַן אַלטן בית־המדרש, האָט ער פּלוצלונג דערהערט ווי די יידן פון ערשטן מנין

האָבן ביי דער טיר שטייענדיק אויסגערופן זיין נאָמען. ער איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען און דערזען די מודעה מיטן קעניגלעכן שטעמפּל. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די טאָרבע מיטן שטעקן און איז אַוועק צום ביר־גערמייסטער. און איידער מ׳האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן, איז ער שוין געזעסן אין אַ גרויסאַרטיקער קאָטש, וואָס האָט אים בכבוד גדול אַוועק־געפירט צום קעניג.

אָנקומענדיק אין קעניגלעכן הויף, האָט דער מדינה־גייער געבעטן, אַז מ׳זאָל אים קודם דערלויבן אָפּצודאַווענען שחרית.

דאָס מאָל האָט אים דער קעניג אויפגענומען מיט אַ גאַסטפריינד־לעכן שמייכל: — זיץ, זיץ, יידישער חכם!

דער מדינה־גייער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ קעניגלעכן פאָ־טעל קעגנאיבער דער טראָן־שטול, און האָט מיט נייגעריקייט אָנגעקוקט דעם קעניג.

— כ׳האָב מיך מישב געווען, אַז איך האָב די׳ך דעמאָלט צו איילִיק אַוועקגעשיקט פון מיין פּאַלאַץ, וואָרים אויב דו האָסט געקענט פאָרזען, אַז דאָס ווייסע פערד... מוזטו דאָך זיין אַ געטלעכער מענטש.

דער מדינה־גייער האָט זיך אַ הויב געטאָן און צוריק אַראָפּגעזעצט.

— איך אַ געטלעכער מענטש? יידן האָבן נישט קיין מענטשן־געטער... מיר האָבן איין איינציקן גאָט אין הימל. דאָס וואָרט „אחד״, גאָט איז איין־איינציק, איז ביי אונדז זייער הייליק. מיט דעם וואָרט הויכט אַ פרומער ייד אויס די נשמה...

און נאָך אַן אָפּזיפץ:

— געווען אַ טישלער אין נצרת, האָבן אים די אומות־העולם גע־מאַכט פאַר אַ מענטשן־גאָט... און זיין מאַמע, אַ פשוטע אָרעמע יידענע — פאַר אַ „הייליקע מוטער״. דאַרף איך דען זאָגן דעם קעניג, אַז אין נאָמען פון דעם מענטשן־גאָט, וואָס זאָל כלומרשט האָבן געפּרעדיקט: „זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך גופא״, האָט מען שוין במשך פון דורות אויסגעקוילעט מיליאָנען אומשולדיקע נפשות.

— ניין, אדוני המלך, איך בין בכן נישט קיין געטלעכער מענטש, נאָר אַן אורח אויף דער שוועל פון לעבן. איך האָב ליב די נאַטור אַזוי ווי דוד המלך אין זיין תהילים. פאַרוואָגלט צווישן הימל און ערד, בין איך זיך ממש מחיה־נפש, ווען כ׳שפּאַן צווישן וויסטע פעלדער. כ׳האָב ליב זייער גערויש און אויך נישט ווייניקער — זייער סודותדיק שווייגן.

איך טרינק ווי גוטן ווין דאָס זיסע טשיריקען מכל המינים פייגעלעך, אָבער ווי נאָר איך דערזע אין וואַלד אַ כאַטע, ווער איך טרויעריק. איך ווייס, אַז דאָרט וווינען זינדיקע מענטשן. איך בלאָנקע זיך ווייטער און דערבליק אַ טייכל, וואָס ליגט ווי אַ שפּיגל צווישן לאָנקעס. איך זעץ מיך אַוועק ביים ברעג אָפּרוען. איך באַטראַכט דעם הימל, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין טייכל. און יעדער פויגל, וואָס פליט פאַרביי, רירט מיט זיינע פליגל אָן דעם געשליפענעם גלאַנץ פון וואַסער. די ווייַנענדיקע ווערבעס ביים ברעג האָבן אויך ליגן זייערע שאָטנס אין טייך. אפילו דער שכנות־דיקער פאַלאַץ שטייט אין וואַסער מיטן קאָפּ אַראָפּ...

— און ס׳טראַכט זיך מיר, אַז דאָס גאַנצע פאַרמעגנס פון טייך, שוין אַריינגערעכנט דעם הימל, איז נישט מער ווי אַ משל... דער מענטש איז אויך נישט מער ווי אַ „משל כחרס הנשבר״, ווי אַ צעבראָכן שער־בעלע... ער גייט פאַרביי אונדזער ערד, איבערלאָזנדיק ווי אין אַ זאַמ־דיקן באָדן, אַ פוסטראָט צום קבר... אַ פעלד־גריל סקריטשעט, ווי זי וואָלט באַגלייט מיינע מחשבות. זיצנדיק אַזוי פאַרטראַכט שוועבט אַמאָל פאַרביי אַ פלאַטערל פון דעם מין זיידוועבערס. איך בעט מיך, אַז דאָס פלאַטערל זאָל מיר אויסוועבן אַ ניי מלבוש אויף שבת, אָבער דער זייד־וועבער איז שוין ווייט פון מיר און פון מיינע מחשבות.

פּלוצלונג, אין מיטן באַזינגען גאָטס וווּנדערשיינע וועלט, פאַלט מיר אַ שטיין אין קאָפּ אַריין... איך קוק זיך אַרום, הער איך אַ געלעכטער פון אַ פאַסטעך, וואָס זיצט אויף אַ בערגל. מיין בליק פאַלט אויף זיין צלם... צופוסנס דעם פאַסטעך — אַ סטאַדע ווייס־געלאָקטע שאָף. קוקנ־דיק אויף די ווייס־געקרויזלטע וואָל, ווייזט זיך מיר אויס, אַז די וואָלקנס האָבן אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און זיי מישן זיך אויס מיטן גרינעם גראָז. דער פאַסטעך נעמט עפּעס שפּילן אויף זיין פּלייט. ס׳ווערט מיר דעמאָלט אַזוי גוט אויף דער נשמה, כ׳ווער אַזוי פויגלדיק־פליגלדיק, כאַטש נעם דעם זאַק אויפן אַקסל און פלי אַוועק צום מלכות־שמים. זאָל מיר דער קעניג מוחל זיין וואָס כ׳רעד נישט צום ענין.

— מוחל זיין? — דיינע רייד געפעלן מיר שענער ווי די מאַדרי־גאַלן פון מיין הויף־פּאָעט. איך האָב אויך ליב די נאַטור. אָבער כ׳וואָלט דיך דער עיקר געוואָלט פרעגן, צי דו קאָנסט מיר נישט אַנטפּלעקן נאָך עפּעס אַ סוד?

דער מדינה־גייער האָט זיך אויפסניי איינגעקוקט אינעם קעניגס מגושמדיק פּנים, אין זיינע האַרטע, טיפע שטריכן, ווי אויפגעאַקערטע גרודעס ערד, באַטראַכט זיין פעסט געבויטן גוף, זיין בויך, ווי אַ פאַר־

רונדיקט פעסל, אין קאַלירטע געוואַנדן. און נאָך אַ קורצן ישוב הדעת אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, כ'האָב נאָך אַ סוד... אָבער כ'האָב מורא...

— פאַר מיר מורא? — האָט דער קעניג אַ שמייכל געטאָן — דו זעסט דאָך, אַז כ'האַלט זיך מיט דיר אונטער ווי מיט מיינס גלייכן. אויב דו האָסט אָבער פאָרט מורא פאַר מיין גרויסער מאַכט, שרייב איך דיר גלייך אָן אויף אַ פּאַרמעט, אַז דו ביסט אומבאַשטראָפבאַר.

אומר־ועושה, געזאָגט און געטאָן. דער קעניג איז טאַקע תיכף צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש, גענומען די גענדזענע פּען אין דער האַנט אַריין, אָנגעשריבן אונטערגעחתמעט און אַרויפגעלייגט דעם קעניגלעכן זיגל, דערלאַנגט דעם פּאַרמעט דעם מדינה־גייער און זיך צוריקגעזעצט אויפן טראָן.

דער מדינה־גייער האָט איבערגעלייענט, צעוויקלט דעם פּאַרמעט און איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן מיט אָן אָפן מויל.

— דער קעניג — האָט ער אויסגעצויגן זיינע ווערטער — איז... אַ זון... פון אַ... פּויער...

— וואָ־אָ־ס?! — האָט דער קעניג אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן, גלייך ווי דער ייד וואָלט אים פּאַררוקט אַ שטילעט אין סאַמע האַרץ אַריין — איך, אַ זון פון אַ פּויער? כאַ־כאַ־כאַ! ווייסט דען נישט, אַז פון דור־דורות שטאַם איך אָפּ פון אַ קעניגלעכער דינאַסטיע? ווילסט אַריינקוקן אין מיין גאָלדן בוך, אין מיין ספר־היחוסין?

— נישט נויטיק, קעניג. די דאָזיקע וועלט איז דאָך אַן עולם־השקר. ס'קען זיך אַמאָל אין אייער ספר־היחוסין געפינען אַ געפעלשט קאַפּיטל. דאַכט זיך, אַז דער קעניג האָט נאָך אַ מוטער.

— יאָ.

— נו, האָט דאָך דער קעניג ביי וועמען צו דערגיין דעם לעצטן אמת...

דער קעניג איז אַ צאָרנדיקער אַראָפּ פון טראָן. ער האָט משונה־ווילד גענומען שפּאַנען איבערן סאַלאָן. דער טעפּיך האָט דאָס מאָל נישט איינגעזאַפּט זיינע טריט. יעדער טראָט זיינער האָט געשריגן: „איך קאָן נישט שלום מאַכן מיט אַזאַ שרעקלעכן געדאַנק"...

ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויפן טראָן, צוגעוואָרפן אַ בליק דעם מדינה־גייער, אַרויסגעלאָזט אַ בייזן געברום און אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין.

ס׳האָבן זיך באַוויזן צוויי קאָמערדינער.

— פירט דעם מאַן אַריין אין מיין ערן־סאַלאָן! — האָט דער קעניג באַפוילן — זייט אים מכבד מיט די שענסטע פרוכטן פון מיין ווייַנגאָרטן און מיט די בעסטע וויינען פון מיין ווייַנקעלער. אונדזערע מאכלים וועט ער נישט עסן. אַלע זיינע באַפעלן זאָלן ווערן פּינקטלעך אויסגעפירט. נאָכמיטאָג זאָל מיין קאַרעטע און צוועלף מאַן פון מיין סוויטע זיין גרייט צום אָפּפאָר אין מיין מוטערס שלאָס אַריין.

דער מדינה־גייער איז נאָכגעגאַנגען די צוויי דינער, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד פּאַר אים געעפנט טירן, געעפנט טירן. ס׳האָט זיך דעם ייד אויסגעוויזן, אַז די טירן וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט ענדיקן.

לסוף האָט מען אים אַריינגעפירט אין ערן־סאַלאָן. די אָרנאַמענטיק און קאָלירנרייכע וויטראַזשן האָבן דעם מדינה־גייער אַזאַ שטאַרקן בלענד געטאָן אין די אויגן, אַז ער האָט ממש אויפגעהערט צו זען ווו ער געפינט זיך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן פּנים צום מזרח און אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַפעל:

— ברענגט מיר מיין טאָרבע און מיין שטעקן!!!

און בעת מ׳האָט אים דערלאַנגט די טאָרבע, האָט ער אַרויסגענומען אַ פאַרגעלבטן תהילים און אַ פּליסטער געטאָן:

ה׳ הצילה נפשי משפת שקר מלשון רמיה.

ג

די גרייז־גרויע קעניגין־מוטער איז זיך רואיק און שלווהדיק געזעסן אויף דער וועראַנדע, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע שאָטנדיקן ווינקל פון איר מלכותדיקן גאָרטן. די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פאַרשיכורטע ריחות פון פרוכטן, גערלאַנדעס, ווייַנטרויבן, וואָס האָבן זיך געשלענגלט און געקעסטלט אויף די וועראַנדע־ווענט. ס׳האָט זיך געהערט אַ געצוויטשעריי פון פייגל. אַ געזשומע פון גרויסע פּילפאַרביקע פליגן האָט אַריינגעשפּילט, פּונקט ווי ס׳וואָלט דאָ ווער נאָכאַנאַנד געצופּט די סטרונעס פון אַ האַרפע.

די זון האָט זיך שוין צוביסלעך גענומען זעצן.

די קעניגין־מוטער האָט פאַרטיפט געלייענט אַ דיק בוך פון פאַרמעט־בלעטער. זי האָט איבערגעריסן דאָס לייענען און געוואָרפן אַ בליק אויף דער סאַזשעלקע. זי האָט געזען ווי דאָס אַנילין־בלויע וואַ־

סער איז געוואָרן פורפור־רויט. זי האָט זיך אַ ווייל איינגעקוקט אין די שוואַנען. טייל האָבן זיך גענורעוועט, געפּליושקעט אין וואַסער; אַנדערע זייַנען ריטמיש געשווומען מיט גדלותדיק־אויסגעצויגענע העלדזער, גע־שפּרענקלטע מיט פינקלדיקע וואַסער־פּערל. זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און באַטראַכט דעם מערב־הימל. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז מ׳האָט דאָרט אויבן אויסגעלייגט די שענסטע טעפּיכער פון הימלישן מוזיי.

זיצנדיק אַזוי פאַרגאַפט, איז זי פּלוצלונג באַהערשט געוואָרן פון יאוש. עס האָט זיך איר געטראַכט:

„באַלד וועלן די ווונדערשיינע פאַרבן פון מערב־האָריזאָנט אָפּ־שטאַרבן. די נאַכט וועט זיי פאַרשלונגען. אַזוי איז געשען נעכטן, אַזוי געשעט איצט, און אַזוי וועט געשען מאָרגן. מיין מלכותדיק לעבן וועט אויך אין אַ געוויסער רגע אָפּשטאַרבן, ס׳וועלן קומען יורשים און צו־נעמען מיין שלאָס מיטן גאָרטן, אַזוי ווי איך האָב דאָס צוגענומען ביי מיין מוטער״.

די קעניגין־מוטער איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, אָבער זי האָט געפילט, אַז דער טרויער, וואָס האָט אין איר נשמה אַריינגעדרונגען, זעצט זיך שווער אָפּ אויף איר נשמה.

מיטאַמאָל האָט זי דערהערט טריט. דער טורעם־וועכטער איז דער־שינען. ער האָט מיט אַ פאַרסאָפּעטן אָטעם געמאָלדן:

— קייסערינע, דער קעניג מיט זיין סוויטע קומט אָן.

— דער קעניג? — האָט זי אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן פול מיט חידוש — ס׳איז נישט מעגלעך. דו מוזט האָבן אַ טעות. ס׳מוז אוודאי זיין יעגערס צוריק פון יאַגד. כ׳האָב אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געהערט סווישטשען פיילן און דאָס בילן פון יאַגד־הינט.

— איך דערקען אָבער גוט די קעניגלעכע קאָרעטע און די רייטער.

— טאָ וואָס זיץ איך נאָך? — איז די קעניגין־מוטער אויפגעשפּרונגען און געהייסן אַלאַרמירן די הויף־דינער און שיפחות — איך מוז זיך דאָך צוגרייטן צו דער אויפנאַמע.

און ווי נאָר די אַלטינקע איז אַריין אין איר גאַרדעראָבע, האָבן זיך דערהערט טרומייטן־שאַלן און דאָס פּאַראַדנע טויער האָט זיך ברייט געעפנט.

ווען די אַלטינקע איז אַריינגעקומען אין איר ערן־סאַלאָן, האָט שוין דער קעניג אויף איר געוואַרט. ער האָט זיך נערוועז אויפגעריסן

פון פאָטעל און איז אַנטקעגנגעגאַנגען זיין מוטער. ער האָט זי ווי תמיד אַרומגעהאַלדזט און אויסגעקושט.

— וואָס איז געשען, מיין זון? — האָט זיך די קעניגין־מוטער אַראָפּגעזעצט אַן איבערגעשראָקענע — וואָס באַדייט דיין אומגעריכטער וויזיט? פאַרוואָס האָסטו מיר נישט ווי תמיד געשיקט אַ פּאָסט־טויב אָנזאָגן? ס׳האַרץ ציטערט...

דער קעניג האָט זיך שווערלעך אַראָפּגעזעצט. ער האָט לאַנג באַטראַכט זיין מוטערס אויסגעבלייכט פּנים און אירע אומרואיקע באַוועגונגען.

— כ׳וואָלט דער קעניגין־מוטער געוואָלט עפּעס פרעגן...

— פרעג, מיין זון!

— כ׳וואָלט געוואָלט וויסן... ווער... ס׳איז געווען... מיין אמתער פאָטער...

די זקנה האָט זיך אַ רוק געטאָן הינטערווייַלעכץ.

— וואָ־אָס?! — האָט די קעניגין־מוטערס האַלדז אַ קריי געטאָן ווי אַ געשאָכטן עוף — נישט אַנדערש, ווי אַ בייזער חלום... אפשר האָט דיר אַ שטערן־זעער, אָדער אַ כישוף־מאַכער עפּעס איינגערעדט?... ווי קומט צו דיר פּלוצלונג אַזאַ פראַגע?... ווילסט נאָכאַמאָל אַריינקוקן אין דער צוואה, וואָס דיין פאָטער, דער גרויס־הערשער, האָט אָנגעשריבן אַ שעה פאַרן טויט?

— יאָ, כ׳וואָלט געוואָלט איבערקוקן די צוואה.

די זקנה האָט זיך קוים־קוים אויפגעשטעלט. זי האָט מיט געהאַמעוועטע טריט פאַרלאָזט דעם ערן־סאַלאָן, דער קעניג איז איר נאָכגעגאַנגען.

זיי זיינען אַריין אין אַן אַרכיוו-סאַלאָן, די אַלטינקע האָט מיט ציטערדיקע הענט אַרויסגענומען פון אַ קעסטעלע אַ שליסל, און אַנידערגעקניט פאַר אַ גרויסן קופערט, אַרומגעפּאַסקעוועט מיט באַשלאָקן פון ווייס גאָלד.

די קעניגין־מוטער האָט אויפגעשלאָסן דעם קופערט און מיט אַ בעטנדיקע שטימע געזאָגט:

— האַלט גוט צו די דעק, מיין זון! זי איז זייער שווער — זי האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אינעם חלל פון קופערט.

אָבער אין דער בייזער רגע האָט זיך דער שטן אַריינגעמישט

אין קעניגס מחשבה, און צוהאַלטנדיק די שווערע דעק, האָט ער דראָענ־דיק אויסגערופן:

— דעם אמת, מוטער! אויב נישט, לאָז איך אַראָפּ די דעק אויף דיין קאָפּ...

אַ קוויטש האָט אַדורכגעשניטן די לופט. די קעניגין־מוטער איז אַ פאַרחלשטע אַוועקגעפאַלן אויפן טעפּיך.

דער אַליאַרם־גלאָק האָט געשטעלט אויף די פיס משרתים פון שלאָס. ס'איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מהומה. דערנאָך איז אין אַלע סאַלאָנען געוואָרן בית־עולמדיק שטיל.

בעת דער לייב־דאָקטאָר האָט געמאָלדן דעם קעניג, אַז מען מעג שוין מיט זיין מוטער אויסרעדן אַ וואָרט, איז דער קרוין־טרעגער נאָך אַלץ געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער און אַן איבערגעשראָקענער.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער מוטערס פּנים, וואָס האָט אים דערמאָנט אין אַן אויסגעגראָבענעם מת מיט אַ פּאָר גרויסע אָפענע אויגן... אַ טיף רחמנות־געפיל האָט אַדורכגענומען דעם קעניג. זיינע אייגענע אויסגעשטרעקטע הענט צום מוטער־מאָרד, האָבן אים איצט גענומען ווערגן ביים האַלדז... ער האָט דער מוטער נישט געהאַט קיין מוט צו פרעגן, צי ס'איז איר בעסער...

די זקנה האָט געקוקט אויף איר זון מיט אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן... אין איר מוח האָט נאָך געזשומעט דאָס מערדער־קול:

„אויב נישט, לאָז איך אַראָפּ די דעק איבער דיין קאָפּ... אויב נישט, לאָז איך אַראָפּ... די דעק איבער דיין קאָפּ..."

בעת דער קעניג האָט זיך אומגעדולדיק גענומען באַוועגן, האָט אים די מוטער שטיל געזאָגט:

— דו ביסט אַ זון פון אַ פּויער.

אין דער רגע האָט דער קעניג דערפילט ווי דער שווערער קופּערט־דעק איז אים האַסטיק אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און קלעמט איין זיין קאָפּ...

— אַ זון פון אַ פּויער? — האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטימע איבערגעפרעגט.

— יאָ, אַ זון פון אַ פּויער.

— ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען, מוטער?

— גאַנץ פּשוט — האָט די אַלטינקע געזאָגט מיט פאַרמאַכטע

אויגן — ס׳זיינען ביי מיר געבוירן געוואָרן בלויז פּרינצעסינס. כ׳האָב נישט געוואָלט, אַז די קרוין זאָל אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט, כ׳האָב געוואָלט אַ זון. ווען עס וואָלט מיר געקומען אויפן זינען, אַז אַ זון קאָן אויך זיין אַ מוטער־מערדער, וואָלסטו אויף דער וועלט נישט געקומען. זי האָט אָפּגעזיפצט און ווייטער גערעדט:

— איינמאָל אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט... געווען איז עס שניט־צייט, בעת די פעלדער זיינען באַדעקט מיט גאַרבן, אונטערגעקאָסעטע זאַנגען, אויפגעשטעלטע צו טריקענען. די סטאָדאָלעס און שפּייכלערס שטייען אָפענע און וואַרטן. איך בין צוריקגעפאָרן פון אַ שפּאַציר. פּלוצ־לונג הער איך זינגען אַ ליד מיט אַ געזונטער באַסאָווער שטימע. איך הייס אָפּשטעלן די קאַרעטע. איך דערזע אַ שיינעם יונגן פויער מיט אַ בלאַנקענדיקער קאָסע אין דער האַנט. ער שטייט מיט אַן אַנטבלויזטער בראָנדזענער ברוסט. אויפן קאָפּ — אַ הוט פון געפלאָכטענע צווייגן. אויף זיין האַלב נאַקעטן גוף האָט זיך געהאַט אָפּגעזעצט אַ פּייער פון זון־אונטערגאַנג. ער איז דיין אמתער פאָטער.

די קעניגין־מוטער איז שטיל געוואָרן.

דער קעניג איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן פאַרזונקען אין אַ מחשבה... מיטאַמאָל האָט ער זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איך וויל דיך נישט מער באַאומרואיקן... אָבער איידער איך פאַרלאָז דאָס שלאָס, וואָלט איך געבעטן... מיר מוחל זיין... כ׳ווייס נישט וואָס מיט מיר האָט זיך געטאָן... אַ טייוול האָט מיך באַהערשט...

— דיר מוחל זיין, מיין זון? פאַר וועמען האָסטו דען מורא?... דו טראָגסט דאָך די קרוין און האָסט במילא די גרעסטע מאַכט. און ווער ס׳האָט די מאַכט, איז דאָך תמיד גערעכט... ווער וועט דען וואַגן דיך צו משפּטן... כ׳בעט דיך, רעד צו מיר מער נישט קיין וואָרט! דו האָסט מיר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ... איך בין טויט... און טויטערהייט בין איך דיר געקומען זאָגן דעם אמת.

— קעגנאיבער מיין געוויסן האָב איך קיין שום מאַכט נישט, מוטער! איך פיל מיך באַזיגט פון אמת. איך בעט נאָך אַמאָל מחילה, איך וועל מער נישט האָבן קיין רו.

— פאַרלאָז מיין שלאָס! האַלדז מיך נישט מער און קוש מיך נישט! מיין האַרץ איז פול מיט האַס צו דיר... אָבער ס׳קאָן זיין ערגער... ס׳קאָן זיך אפילו אין מיר דערוועקן אַ נקמה־געפיל...

דער קעניג האָט אויפגעציטערט...

— מוטער, עפן כאָטש דיינע אויגן און קוק מיך אָן פאַרן אַוועק־גיין...

— ניין, איך וועל דיך מער קיינמאָל נישט זען.

דאָ האָט די קעניגין־מוטער געהערט איר זונס אָפּגייענדיקע טריט, און לייכטער אָפּגעאָטעמט.

ד

בעת דער קעניג איז צוריקגעקומען אין זיין פּאַלאַץ אַריין, האָט ער דעם דינער, וואָס האָט אים אויסגעטאָן דעם שטויב־מאַנטל, אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט דער ייד?

— דער ייד, אייער מאַיעסטעט, זיצט איבער אַ ביכל און פּליסטערט מיט די ליפּן.

— האָט ער עפּעס געגעסן?

— יאָ, אייער מאַיעסטעט! אַ פּאַרדאַרט שטיקל ברויט, אַ האַלבע ציבעלע, אַ ציינדל קנאָבל און צוגעטרונקען קאַלט וואַסער.

— מער גאָרנישט?

— ניין, אייער מאַיעסטעט.

דער קעניג האָט זיך פאַרטראַכט.

— גוט. מאָרגן פרי, ווען דער ייד וועט האָבן אָפּגעזאָגט זיינע תפילות, זאָלסטו אים אָנמעלדן און צו מיר אַריינפירן.

— צום באַפעל, אייער מאַיעסטעט!

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, איז דער קעניג צומאָרגנס געזעסן אויף זיין כסא־המלכות, אַ מידער, אַ פאַרטראַכטער... דעם שטערן זיינעם האָט ער אָנגעלענט אויףביידע הענט, און זיך געפרעגט, צי ס'איז אים איצט נישט אַמאָל ערגער ווי פריער... ער האָט אין דמיון געזען אַ געהיימע האַנט, וואָס האַלט די וואָגשאָל. אויף איין טאַץ — זיין קרוין; אויף דער צווייטער — אַ זאַנג. אָט שטרעקט זיך זיין האַנט צו דער קרוין; אָט צו דער זאַנג. אַ פיינלעכע שטימונג האָט אים באַהערשט... די קרוין איז אים פּלוצלונג צו שווער געוואָרן... ער האָט די קרוין אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ פון אַ בראָנדזענער סטאַטוע.

בעת מ׳האָט אָנגעמאָלדן דעם מדינה־גייער, איז דעם קעניג אַדורך אַ ציטער איבערן לייב.

— כ׳וואָלט געוואָלט וויסן ווער דו ביסט? — האָט דער קעניג צעטומלט געפרעגט און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן פּאָטעל — אָדער דו געהערסט צו דער געטלעכער ממשלה, אָדער צום שטן? דו ביסט איצט נישט מער פּאַר מיר קיין פּשוטער מענטש... זאָג מיר ווי אַזוי דו האָסט זיך געקאָנט דערגראָבן צו אַזאַ פאַמיליע־סוד! און מיט וועמענס כוח? גאָט שטן, כישוף?

— מיט מיין אייגענעם כוח — האָט דער מדינה־גייער זיך אַראָפּ־געזעצט — בעסער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז נישט מיט כוח, נאָר מיט שכל. כ׳וויס נישט פון וואָס דער קעניג ווערט אַזוי נתפּעל און נעמט אַזש צו הילף גאָט. כ׳האָב געהערט וועגן ווייסן פערד, אויף וועלכן קיי־נער האָט נאָך נישט געריטן, האָב איך זיך במילא אָנגעשטויסן, אַז ס׳איז ווילד ווי אַ טייוול.

— ריכטיק — האָט דער קעניג געזאָגט — אָבער ווי אַזוי האָסטו געקאָנט דערגיין צו מיין פאַרבאָרגענעם אָפּשטאַם? אפשר איז דאָס ביי דיר אויך אַ פּשוטער ענין?

— יאָ, קעניג, ס׳איז טאַקע זייער פּשוט. איך וועל מיר דערלויבן צו זאָגן דעם לעצטן אמת. היות ווי דער קעניג האָט מיר פאַרן אָפּראַ־טעווען זיין קאָפּ, דערלאַנגט אַ נישטיקע מטבע, וואָס מען שענקט גע־וויינלעך אַ בעטלער אין גאַס, האָב איך פאַרשטאַנען, ווידעראַמאָל על פּי שכל־הישר, אַז דער קעניג מוז אָפּשטאַמען...

דער קעניג האָט זיך איינגעקאָרטשעט, גלייך ווי דער ייד וואָלט אים ממש מיט אַ דין ריטל אַ שמיץ געטאָן איבערן שאַרבן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעזעצט, אויפגעכאַפּט זיך, אַ שפּאַן געטאָן און זיך ווידער אַראָפּגעזעצט. ער איז אַ ווילע געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך און שטום...

באַלד האָט ער זיך אַליין איינגעגאָסן אַ בעכער קאַלטן וויין און אים אויסגעטרונקען ביז צום לעצטן טראָפּן.

— אַזוי ווי יעקב פון דער ביבל האָט זיך געראַנגלט מיט אַ מלאך און איז אים בייגעקומען, אַזוי ראַנגל איך זיך מיט אַ געדאַנק און קאָן אים נישט באַזיגן — האָט דער קעניג פאַרבראָכן די הענט — כ׳וויל דאָ קיינעם פון מיינע הויף־לייט נישט אַרויסרופן, ווייל כ׳האַלט דיך פאַרן גרעסטן חכם אין לאַנד. איך קאָן מיר נישט קיין עצה געבן מיטן שווערן

געדאַנק, צי דער אַנטפּלעקטער סוד פון מיין אָפּשטאַם איז פאַר מיר אַ טובה, אָדער אַ רעה?...

— אַ טובה, אדוני המלך.

— פאַרוואָס?

— ווייל ס׳איז נישט פאַראַן קיין טייערערע זאַך אויף דער וועלט, ווי דער אמת.

— כ׳קאָן אָבער דעם אמת נישט אַראָפּשלינגען... — האָט דער קעניג געכאָרכלט מיטן האַלדז, ווי זיינע ווערטער וואָלטן אים געוואָרגן — בעת איך האָב זיך היינט אין דער פרי באַטראַכט אין שפּיגל, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מיין אייגענער שאָטן לאַכט פון מיר: „האָסט טאַקע געמיינט, אַז דו ביסט אַ מלך בן מלך?... כאַ־כאַ־כאַ!...״ כ׳בין עפּעס נישט מער אין מיין אייגענער הויט. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳שפּיל אַ חוזק מיט זיך גופא... דערביי האָב איך נאָך מורא פאַר מיין אייגענער צונג. איך קאָן זיך אַמאָל אַנשיכורן און דערציילן מיינע מלוכה־מענער און הויף־דאַמען ווער איך בין... איך קאָן מער נישט צוריקגעפינען מיין רו... אַ נאַגענדיקער, פייגלעכער טרויער האָט זיך אין מיר באַזעצט... כ׳קאָן אים נישט פאַרטרייבן...

ביי די ווערטער, האָט דער קעניג אַ פּויק געטאָן מיטן סצעפּטער און אויסגערופן:

— די האַרפּע־שפּילערינס!

ס׳האָבן זיך באַוויזן ניין יונגע מיידלעך, לויט דער צאָל פון די ניין מוזעס, זייערע נאַקעטע בראָנדזענע קערפּערס, פון וועלכע ס׳האָט געשלאָגן אַ שאַרפער בשמים־ריח, זיינען געווען געהילט אין דינע צעפלאַטערטע טיולן. בעת זיי זיינען דערשינען מיט זייערע האַרפעס אין די הענט און זיך אויסגעזעצט אויפן טעפּיך, האָבן זייערע טיולן געבילדעט אַ רעגן־בויגן פון ניין שפּילעוודיקע פאַרבן. זייערע לאַנגע גאָלדענע האָר האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די אינסטרומענטן, אַז בעת זיי האָבן אָנגעהויבן שפּילן, האָט זיך געדאַכט, אַז די האַרפּע־סטרונעס, וואָס גיבן פון זיך אַרויס אַזעלכע פאַרכישופטע טענער זיינען באמת געמאַכט פון די מיידלשע גאָלדענע האָר.

דער קעניג האָט זיך אַ ווײַלע איינגעהערט. ס׳האָט זיך אפילו אויף זיינע ליפּן באַוויזן אַ שמייכל, דערבליקנדיק די געטאָקטע ברוסטן ביי די יונגע האַרפּע־שפּילערינס, אָבער באַלד האָט זיך זיין פנים ווידער פאַרכמורעט און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— גע־נוג!

די ניין מוזעס האָבן ווי מלאכימלעך אַרויסגעשוועבט. דער קעניג איז ווידער געבליבן אויג אויף אויג מיטן מדינה־גייער.

— ניין — האָט דער קעניג געזאָגט — נישט דער ווין און נישט די שיינע האַרפּע־שפּילעריגס, קאָנען מיין האַרץ דערפרייען... ס׳וועט מיר מסתמא קיין שום אַנדערע זאַך נישט העלפן, ווי דאָס דערשטיקן דעם אמת. יאָ, גרויסער חכם, אויב דו ווילסט גוט באַלוינט ווערן, זאָלסטו מיר צוליב טאָן און זיך מודה זיין, אַז דו האָסט אויף מיר געמאַכט אַ בילבול. זוך עפּעס אויס אַ תירוץ! ס׳מעג זיין נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, אָבי... דער סוד בלייבט טאַקע פאַר אַלע אַנדערע פאַרשלאָסן; אָבער איך אַליין וויל אים אויך נישט וויסן.

— איז דער קעניג גרייט צו מאַכן זיין מוטער פאַר אַ ליגנערין? די קעניגין־מוטער האָט דאָך מודה־געווען.

ס׳האָט פון איר אַרויסגערעדט די שרעק פאַר מאַכט.

— און צוליב וועלכער סיבה זאָל איך מיין אמת פאַרוואַנדלען אין אַ שקר? — האָט דער מדינה־גייער געפרעגט.

— צוליב דער באַלוינונג. ווי לאַנג ווערסטו זיך אַזוי אַרומשלעפּן אויף דער מדינה?

— ביז צום סוף פון מיינע טעג.

— וואָרפסטו, הייסט עס אָפּ מיין באַלוינונג?

— יאָ, אדוני המלך. איך פאַרלאַנג גאַרנישט.

— יידישער חכם — האָט דער קעניג שטרענג געזאָגט — איך פרעג דיך צום צום לעצטן מאָל, צי בין איך אַ מלך בן מלך?

— ניין.

דאָ האָט דער קעניג ווידער אַ פּויק געטאָן מיטן סצעפּטער.

— די פּאַפּוגאַי!

אַ פּילפּאַרביקע אויסגעשולטע פּאַפּוגאַי אין אַ גאָלדן שטייגל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן קעניגס טיש. אַ מאָדנע געפּיף האָט אַ שפּיל געטאָן איבערן סאַלאָן.

— דו ביסט אַ מלך בן מלך! — האָט די פּאַפּוגאַי נאָכגעפּאָנפּעט.

— כאַ־כאַ־כאָ! — האָט זיך דער קעניג צעלאַכט — דו ערסט

ווי די פּאַפּוגאַי זאָגט מיר אַלץ נאָך, פּונקט ווי מיינע מיניסטאָרן, וואָס האָבן מורא פאַר זייערע קעפּ... נאָכאַמאָל פּאַפּו!

— דו ביסט אַ מלך בן מלך — האָט די פּאַפּוגאַי איבערגעחזרט.

— דו טראַכסט מסתמא, אַז איך מאַך זיך נאַריש — האָט דער קעניג געזאָגט צום מדינה־גייער — אָבער מ׳האָט אַמאָל מער הנאה פון אַ שטות, ווי פון אַ חכמה, וואָס פאַרשאַפט יסורים... נו, ביסטו, הייסט עס, אַנטשלאָסן זיך צו האַלטן ביי דיין אמת?

— יאָ.

— און ווען איך נעם דיר אַזוי צו דעם פאַרמעט און פאַרמשפּט דיך צום הענגען? — האָט דער קעניג אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויפן מדינה־גייער — ווארים אויב דו ווילסט נישט קיין באַלוינונג, קומט דאָך דיר אַ שטראָף.

— די תליה איז פאַר מיר נישט קיין שטראָף.

— וואָ־אָ־ס?!

— איך בין געווען אַן אָרעמער ישיבה־בחור — האָט דער מדינה־גייער געגומען דערציילן — איינמאָל איז אַ רייכער ישובניק געקומען אין אונדזער ישיבה זיך אויסקלייבן אַן איידעם פאַר זיין בת־יחידה. דער גורל איז געפאַלן אויף מיר.

בעת איך בין אָנגעקומען אין דאָרף אַריין און דערזען די יפת־תואר, וועלכע איז מיר אַנטקעגנגעגאַנגען, אַ באָרוועסע, מיט אַ זאַנג אין מויל, בין איך פאַרציטערט געוואָרן פון איר שיינקייט. געהייסן האָט זי מלכה. דער נאָמען האָט איר באמת געפּאַסט, זי האָט געמעגט טראָגן אַ קרוין.

בקיצור מיט איר האָב איך אָפּגעלעבט צען יאָר, אָבער ס׳האָט זיך נישט געוויזן קיין קינד. הגם זי איז ביי מיר געווען טייער ווי דער שוואַרצאַפּל פון אויג, האָב איך איר אָנגעזאָגט אַ גט. זי האָט אָבער אָנגעהויבן מרעיש־עולם זיין, מיר פאַלן צו די פיס מיט אַ געבעט, אַז זי קאָן אָן מיר נישט לעבן אויף דער וועלט. אויב איך פאַרלאָז זי, וועט זי זיך אַריינוואַרפן אין סטאַוו אַריין.

זעענדיק, אַז איך וועל נישט זיין בכוח זי צו פאַרלאָזן, ווען אירע אויגן זיינען אָפן, האָב איך זיך אַמאָל אין אַ זומער נאַכט אַרויסגעגנבעט פון שטוב און אַוועק אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין. מיין פאַרליבטע מלכה האָט געמיינט, אַז זי האָט פון מיר דערהאַלטן אַ בריוו, האָט זי

אים געקושט און געדריקט צום האַרצן, אָבער בעת זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז אַ גט, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן קוויטש, אַוועק־געפאַלן... איר נשמה איז אויסגעגאַנגען...

זינט דעמאָלט האָב איך אַליין אויף מיר גענומען די תשובה און געוואָרן אַ מדינה־גייער. כ'בין נאָך געווען יונג, האָב גאַנץ לייכט גע־קאָנט טאָן אַן אַנדערן שידוך און הנאה האָבן פון לעבן; איך האָב אָבער בעסער געוואָלט אָפּקומען...

בכן, אדוני המלך, איז מיין לעבן אַן אָפּקומעניש ביז צום קבר... אויב דער קעניג פאַרמשפּט מיך צום הענגען, איז דאָס פאַר מיר נישט קיין שטראָף, נאָר אַן אויסלייזונג...

דער קעניג איז אַ רגע געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. די מעשה האָט אים שטאַרק צערודערט... ער האָט זיך גענומען באַוועגן מיט אַ מבולבלדיקן בליק...

— אויב אַזוי — האָט דער קעניג געזאָגט — בלייבסטו אומבאַ־שטראָפט. דער פאַרמעט וועט בלייבן אין דיינע הענט. אָבער איך וועל מוזן געפינען אַן אַנדערן קרבן... איך האָב שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויפן הויף־פּאָעט... איך קאָן נישט פאַרטראָגן זיין מענערישע שיינקייט, וואָס רופט אַרויס גרויס אַנטציקונג ביי די הויף־דאַמען... אין זיין אַנ־וועזנהייט בין איך תמיד דעגראַדירט... איך האָב דעמאָלט נישט קיין מאַכט... און ווען ער נעמט נאָך דעקלאַמירן זיינע שיינע וויין־לידער, מוז איך מיך פאַר אייפערזוכט אַנשיכורן צום טויט... אים טאָקע וועל איך אויסקלייבן פאַר אַ קרבן... איך וועל גאַנץ לייכט געפינען פאַלשע עדות... דאָס מיסט פעלט נישט אין מיין הויף...

— ניין, אדוני המלך! זאָל זיך דער קעניג בעסער אָפּהאַלטן פון מאָרד! יידן האָבן די ערשטע אויסגעקריצט אויף לוחות: „לא תרצח" — זאָלסט נישט מאָרדן! און בעת אונדזער געלערנטער ר' הלל האָט געזען אַ קאָפּ פון אַ מענטשן שווימען אויפן וואַסער, האָט ער געזאָגט צום קאָפּ: „ווייל דו האָסט אַנדערע דערטרונקען, האָט גאָט געהייסן דיך דערטרינקען. און דער סוף וועט זיין, אַז די קעפּ פון דיינע דערטרינקער וועלן אויך שווימען אויפן וואַסער"... די בעסטע זאַך וואָלט געווען, אַז איך זאָל תיכף פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ וועט דער קעניג אַלץ פאַרגעסן — האָט זיך דער מדינה־גייער אויפגעשטעלט.

— וואַרט צו — האָט דער קעניג אויפגעהויבן אַ האַנט — דיר רעדט זיך לייכט, ווייל דו ווייסט נישט וואָס פאַראַ תאווה עס ליגט אין האָבן מאַכט... איך קאָן נישט אַרויס פון מיין הויט... ס'איז מיר באַפאַלן

אַ געוואַלדיקער דורשט נאָך בלוט... איך בין אַ געפאַנגענער אין די הענט פון אַ מעכטיקער קראַפט... איך מוז, איך מוז אומבאַדינגט אויסזוכן אַ קרבן... אַנדערש וועט זיך מיין אויפגעבראַזט האַרץ נישט באַרואיקן...

און ווי נאָר דער קעניג האָט אַרויסגעזאָגט דאָס לעצטע וואָרט, האָט אַ פּאָסט־טויב אַריינגעשוועבט דורכן אָפענעם פענצטער און זיך אַוועקגעשטעלט אויפן קעניגס טיש.

דער קעניג האָט, אַ צעטומלטער, אַרויסגענומען דאָס צעטעלע פון דער טויבס פליגל, איבערגעלייענט, אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ, געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ.

— מיין מוטער, מיין מוטער... — האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט.

באַלד האָט זיך דער קעניג אויפגעריסן פון אָרט, און ווי אַ גערירטער פון זינען, האָט ער גענומען פּאַטשן אין די הענט און אויסשרייען:

— די גלאָקן־ציער! די גלאָקן־ציער! — איז ער מיט ווילדע גרויסע שפּרייז אַרויסגעלאָפן.

בעת דער קעניג איז אין אַ וויי־ל אַרום צוריקגעקומען און מיט אַ פּאַרקלעמטער שטים גענומען רעדן צום ייד, איז ער ווי נאָך אַ האַמערשלאָג, געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער מיט אַן אָפן מויל.

דער מדינה־גייער איז נעלם געוואָרן...

מיין זיידנס ברכות

א

אין אַפּריל 1928, איידער איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אין דער וועלט אַריין, בין איך געפּאָרן זיך געזעגענען מיט מיין זיידן, ר׳ ישׂראל יעקב.

מיין זיידע האָט געוווינט אין קליינעם, פּיצינקען שטעטל ווידאָווע — לאָדזשער פּאָוויאַט. די באַן־ליניע לאָדזש־קאַליש האָט דאָס דאָזיקע זייטיקע שטעטל אויסגעמיטן. געפאָרן אַהינצו איז מען, לויטן שטייגער פון יענע צייטן, מיט פערד און וואָגן, וואָס האָבן זיך גאַנץ לאַנגזאַם געצויגן.

דער אָפענער וואָגן מיט די דריי שורות געזעסן, אונטערגעבעט מיט אַלטע, צעדריוולטע זעק, איז געווען איבערפולט מיט פּראָווינצער קרעמער, וואָס זיינען צוריקגעפאָרן פון די אינדוסטריעלע שטעט: לאָדזש, פּאַביאַניץ און זגעלעוו. די יידן מיט בערד און פאות זיינען ס׳רוב געווען שניט־סוחרים וואָס האָבן אין שטעטל געהאַלטן געוועלבלעך, אָדער מאַרק־פאָרערס וואָס האָבן זיך אַ גאַנצע וואָך אַרומגעשלעפּט אויף די יאַרידן און טאַרגאָוויצעס פון די שכנותדיקע מערק.

ס׳האָבן זיך דאָ אויך געפונען אַ צוויי־דריי באַשייטלטע ווייבער, מאַרק־הענדלערקעס, וואָס האָבן אין מסחר פּאַרטרעטן זייערע למדנישע מענער. אויפן וואָגן — אַ מיש־מאַש פון קולות. די רעדער סקריפּען. אַ בייטש פייפט אין דער לופט אַריין. הינט ביי פויערישע פלויטן בילן. לויזע פּאָדקאָוועס אויף פערדישע קלאָען קלימפּערן: טיק־טאַק, טיק־טאַק.

דער בעל־עגלה, אַ ברייט־פּלייציקער ייד מיט אַ ציגיינעריש פּנים, קופּערנער באָרד, אין אַ פּאָר יוכטאָווע שטיוול מיט אַרויסגעשאַרצטע אויערן, שטייט אויף דער קעלניע מיט צעשפּרייטע פיס, ציט די לייצעס פון גראָבע שטריק און רעדט צו די פערד:

— פּגירות, שקאָפּעס, וויאָ! בראָנפן רעדט האָבער פאָרט. אַראָפּ־

געלאָזט אַ זעקס און ניינציקער, רעד איך און שמייס... איך קלעמפּעס, מאַטשערעס, האָט אַריינגעכלייעט אַ זעקל האָבער מיט היי און שלעפּט זיך ווי די טשערעפּאַכעס. וויאָ! דאָס לעדערל איז אייך צו דיק, טאָ נאָט אייך מיטן בייטש־שטעקן, וויאָ!

איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַזוי יונג, אַז איך האָב מיר געקאָנט פאַרגינען צו חלומען מיט אָפענע אויגן. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָרט ווייט און ווייטער, ווו דער ראָזעווער פרימאָרגן־האָריזאָנט קושט זיך ממש מיט די גאָלדענע זאַנגען, געפינען זיך גרויסע, וווּנדערבאַרע בולוואַרן. די כישופדיקע פאַרבן פון מזרח־הימל זיינען נישט עפּעס אַנדערש ווי דער אָפּשיין פון יענע, אומבאַקאַנטע קרוינשטעט, ווו דאָס לעבן איז שענער און לאַכנדיקער.

„אפשר וועל'ך בקרוב אַרומשפּאַנען אין די דאָזיקע הויפּט־שטעט? און אפשר וועל'ך גאָר פאַרן שוואַרצן די גרענעצן זיצן אין תפיסה? מיין מזל איז אין די הענט פון צופאַל. מען קאָן קיינעם נישט פרעגן. איך גיי אַהין. אָדער צו ליכטיקע בולוואַרן, אָדער צו פינצטערע תפיסה־ווענט"...

באַהערשט פון די דאָזיקע מחשבות, האָב איך זיך איינגעקוקט אינעם היימישן פוילישן לאַנדשאַפט, וואָס האָט מיך עפּעס באַצייטנס אָנגעפּולט מיט בענקשאַפט און מיט גרויס התפעלות.

איך האָב מאָדנע אָנגעקוקט דעם רעליגיעזן יידן, מיין מיטפאָרער, וועלכער האָט, ביים דערבליקן פונדערווייטנס אַ וואַלד, אַ זאָג געטאָן:

— יידן, לאָמיר איצט שוויגן...

די פאַרשוינען האָבן זיך אַ וויג געטאָן און איבערגעקוקט מיט שרעק. אַ יידענע האָט אין אַ זאַק פאַרשטעקט אַ קניפּל מיט געלט.

איך בין דאָ אפשר געווען דער איינציקער וואָס האָט געקוקט אויפן וואַלד מיט גרויס תענוג. דער פויגל־געצוויטשער, וואָס האָט זיך אַרויס־געהערט פון דער געדיכטער טונקעלער גרינקייט, האָט אָפּגעשלאָגן אין מיין געמיט. די פאַרביישוועבנדיקע זומער־פייגעלעך האָבן מיך אָנגעפּולט מיט פאַרבן. אפילו די פוילישע כאַלופּעס, באַדעקטע מיט שטרוי, וואָס האָבן זיך דאָ און דאָרט באַוויזן, האָבן אויף מיר איצט געווירקט ווי באַגילדעטע פּאַלאַצלעך. די קי און שעפּסן, אויסגעלייגט אויף די פּאַשע־פעלדער ווי שטיקער פאַרביקע דיוואַנען האָבן מיך באַצויבערט. דער באָרוועסער פויערן־יונג ביים ראַנד פון שאָסיי, וואָס האָט אויסגעשפּילט אַ מאַזורקע אויף אַ מויל־האַרמאָשקע, האָט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ פיגוראַטיוו־געשטאַלט פון אַ געמאָלענעם דאָרפישן פּייזאַזש.

איינציקווייז, בהדרגהדיק האָט זיך דאָס נאַטור־בילד אָפּגערוקט הינטערווײלעכץ, איינגעהילט אין אַ וואָלקן שטויב. מיין זיידנס שטעטל האָט פונדעווייטנס אויפגעטויכט. אַ צלם אויף אַ קירכע־טורעמל האָט אַ בליאַסקע געטאָן ווי גאָלד געפלעקט מיט בלוט.

ב

מיין זיידנס מיטאָג־טיש איז געווען געדעקט יום־טובדיק. מיין זיידע איז ווי תמיד געזעסן אויבנאָן ביי אַן אויפגעבלעטערטער גמרא. אָבער דאָס מאָל איז אויף דער אָפענער גמרא געלעגן אַ רויט־געבלימלטע פאַטשיילע. דער זיידע האָט געטראָגן אַ שוואַרצן אַלפּאַגענעם כאַלאַט. זיין לאַנגע שפּיציקע באָרד, צעטיילט אינדערמיט, האָט זיך צופעליק אַזוי אויסגעלייגט, פונקט ווי דעם זיידנס קליאַפּעס וואָלטן געווען איבער־געצויגן מיט אַ שטאָף פון אַ פערלמוטערנער קאָליר. אויפן זילבערנעם קאַפּ־האָר איז ווי תמיד געלעגן דאָס שוואַרצע צעקנייטשטע קאַפּעלע, וואָס האָט אַנטבלויזט אַ הויכן, טיף־געקאַרבטן שטערן. אויפן זיידנס ראָז־לעכן פּנים איז געווען אויסגעגאָסן די שלווה פון יענע תלמידי־חכמים, וואָס זיינען אַ לעבן לאַנג באַהאַפטן מיטן אות.

די באָבע האָט אויך געטראָגן די שבתדיקע קופּקע, באַצירט מיט דריבנינקע פערעלעך און אַן אויסגעריבן סאַמעט־קלייד. אויף איר פאַר־מעט־פּנים האָט זיך געמאָלן אַ בענקשאַפט. דער באָבעס גאָמבע האָט איצט אויסגעזען שפּיציקער. אירע פייכטע אויגן האָבן דערמאָנט אין טרערן וואָס רינען נישט אַזוי גיך אויס.

דעם זיידנס עס־שטוב איז געווען ריין אויסגעקערט און באַשיט מיט גאָלדקאָליריק זאַמד. ביידע פענצטערלעך זיינען געווען אָפן אין שול־געסל אַריין. אַלע ווילע האָט ווער אַריינגעגריסט. די באָבע האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דער גאָמבע. דער זיידע וואָס האָט יעדן כמעט דערקענט לויטן קול, האָט געענטפערט זינגענדיק:

— אַ גוטן תמיד דיר...

ערשט נאָכן עסן, בעת די באָבע האָט דערלאַנגט טיי מיט מאַלינע־זאַפט, האָט דער זיידע אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט, וואָס האָט מיך אין דער אַרומיקייט אַרומגעזוכט, און מיט אַן אייגנאַרטיקן ניגון געזאָגט:

— איך בעט דיך, מיין אייניקל, יאָ פּאָרן, נישט פּאָרן, אָבער וואָס האָסטו זיך אויסגעקליבן אַזאַ טרפהנע מדינה ווי פראַנקרייך?

איך האָב זיך צעלאַכט.

— זיידעשי, ווי אַזוי קאָן פראַנקרייך זיין אַ טרפהנע מדינה, אַז דאָרט, אין טרויאַ, איז געבוירן געוואָרן, געלעבט און געשטאָרבן אַזאַ גאון־בישראל ווי רש״י.

— האָ־האָ־האָ! — האָט דער זיידע געגומען שמיצלען מיט די ליפּן — ווען איך זאָל וויסן אַז דו וועסט דאָרט אויסוואַקסן אַ רש״י, וואָלט איך דיך אויף די הענט אַהינגעטראָגן — האָט ער אויסגעשפּרייט די הענט — דו ווילסט דאָך אָבער אויסוואַקסן אַ משורר. נאָכן תהילים, מיין קינד, און נאָך אונדזערע פּיוטים, וואָס האָבן אַזוי פיל דורות באַגלייט, גע־טרייסט אין די סאַמע שרעקלעכסטע צייטן, צו וואָס ברויכט מען נאָכ־געמאַכטע זאַכן?

— זיידעשי, יעדער דור האָט זיך זיינע ניגונים און זיינע פּיוטים. קיינער פרעגט דאָך נישט אָפּ די מעכטיקע פּאָעטישע קראַפט פון בעל־התהלים, אָבער ס׳מעגן דאָך קומען אַנדערע זינגער מיט צייט־מאָטיוון און אויסגיסן זייערע געפילן אויף זייער אייגן לשון.

— אויב דו רעדסט מיר פון צייט־מאָטיוון, מיין אייניקל, דאַכט זיך מיר, אַז דו זאָגסט מיר: דער תהילים איז פאַרעלטערט. דער הימל, מיין קינד, איז דאָך עלטער און דאָך איז ער יעדן פרימאָרגן ניי־געבוירן און טוט זיך אָן אין ליכטיקייט אַזוי ווי אַ מענטש קליידט זיך אָן אַ מלבוש. רעד נישט קיין שטותים — האָט דער זיידע אויפגעהויבן זיינע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט געקוקט פאַרבענקט צום הימל.

איך האָב נישט געוווּסט פאַרוואָס דעם זיידנס בלינצלען מיט די אויגן, רופט ביי מיר אַרויס אַזאַ געוואַלדיקן אומרו...

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ צאַרט, קלינגענדיק קול פון אַ מיידל.

— רייזעלע, כ׳בין געקומען קויפן שטאָף אויף אַ בלוזקע...

מיין האַרץ האָט אויפגעצאַפּלט. דאָס קול האָט אַ שפּיל געטאָן אין מיינע אויערן. איך האָב זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון טיש און בין אַריין אין מיין באָבעס געוועלבל.

עדזשע, דעם שטאָטישן פעלדשערס טעכטערל איז געשטאַנען אַ צעשמייכלטע. אירע לאַנגע גאָלדענע צעפּ, וואָס האָבן זיך באַוויגן אַרום אירע יונגע ברוסטן, האָבן געגלאַנצט ווי עפּעס אַ געהיים־פאַרפירעריש

ליכט וואָלט פון זיי אַרויסגעפינקלט. אירע גרויסע, וואַרעמע אויגן האָבן זיך אויף מיר אָפּגעשטעלט. און אויף איר קליינעם, כמעט קינדערישן מויל־אויסשניט, האָט זיך באַוויזן אַ דינער שמייכל, וואָס האָט מיר אַ שטאָך און אַ גלעט געטאָן...

מיין באָבע האָט אויפגעוואָרפן כלערליי שטאָפן. עדזשעס שיינע הענט מיט די לאַנגע פינגער, האָבן זיך אַ רגע אויסגעלייגט אויף אַ ווייסן ריפּס, אַ רגע אויף שוואַרצן קרעפּדעשין, און אַט באַלד אויף גרינע קונסט־זייד. זי האָט זיך אַ שטיק שטאָף אַרויפגעלייגט אויפן ביוסט און זיך גע־נומען גראַציעז דרייען, אַקוראַט ווי זי וואָלט געטאַנצט.

— רייזעלע האָט שוין געמעגט האָבן אַ שפּיגל, אַזוי ווי אין קריסט־לעכן געשעפט — האָט עדזשע געזאָגט — ווען מען זעט זיך אין אַ שפּיגל ווייסט מען...

— ליכטיק קינד — האָט מיין באָבע געשאָקלט מיטן קופּקעלע — אַ מיידל אין דיינע יאָרן קליידט דאָך אַלץ. די שענסטע קאָלירן, זיינען דאָך די יונגע יאָרן.

— זאָל די פאַננע עדזשע נעמען דעם בלויען שטאָף — האָב איך אַזוי ווי אַ זייטיקער אַ זאָג געטאָן — אַ בלאָנדינקע אין בלוי איז וווּנ־דערבאַר.

— אייער אייניקל, רייזעלע, איז גערעכט — האָט עדזשע אַרויס־געלאַכט, מיר אַ קוש געטאָן מיט די אויגן און בגנבה געוויזן אויף איר האַנט־זייגערל, אַז מיר טרעפן זיך אין אַכט אַ זייגער, נאָכן אָוונט־ברויט.

ג

ס'איז שוין געווען אַ היפּש ביסל מינוטן נאָך אַכט, אָבער עדזשע האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט באַוויזן.

די שקיעה־פאַרבן אין מערב־הימל האָבן דעם אָרום געהאַט אויס־געמאָלן אין אַ שטימונגספול געטלעך בילד, מיט אַן אייגנאַרטיק ליכט־און שאָטן־שפּיל. די דריבנע שטיינדלעך ביים ראַנד פון שאָסיי, זיינען דאָ און דאָרט געווען באַגאָסן מיט פּורפּור־רויט. אָוונט־שטילקייט,ביימער־געשאָרך, זאַנגען־געפּליסטער, ציטערניש פון גרעזער. די לופט איז פול מיט ריחות פון תבואה־ און פעלד־בלומען. אַ האַלבע לבנה, איבערגע־צויגן מיט אַ וואַסער־שטראָמיק טונקל־בלוי וואָלקנדל, באַגלייט מיינע אומרואיקע טריט. מיין האַרץ שלאָגט האַסטיק. איך טראַכט נישט אַריין,

צי מײַן האַרץ איז אויפגערודערט פון דער נאַטור־שײנקייט, צי פון עדזשעס פאַרשפּעטיקונג. מײַנע אויגן קוקן אין דער ריכטונג פון שטעטל. נאָך יעדן אָפּהילך, צייכענען זיך פאַר מײַנע אויגן די קאָנטורן פון אַ גראַציעזער פיגור.

אָבער עדזשע איז גראָד אונטערגעקומען ווען איך האָב זיך געהאַט אַראָפּגעזעצט אויף אַ באַגראָזט בערגל און זיך אײַנגעלעבט אין מײַן וויטער רייזע. איך האָב מיט מײַן שפּאַציר־שטעקעלע סתם אַזוי געגראָבן די ערד.

איך האָב דערהערט עדזשעס טריטלעך. און אפילו קוקנדיק אויף ד׳ערד, האָב איך דערזען דעם געפלאַטער פון איר אויפגעפּעכערט גע־בלימלט קליידל. אַ שוואַרצער טערקישער שאַל מיט רויטע פראַנדזן, האָט אויף איר לינקן אַקסל געפלאַטערט, גלייך ווי עס וואָלט אויף איר געשוועבט אַ נאַכט־שוואַלב.

איך בין אויפגעשפּרונגען. מיר האָבן זיך פאַר דער גאַנצער צע־שיידענער צייט אַרומגעהאַלדזט און אויסגעקושט.

— דו פאָרסט טאַקע אַוועק, אַדאַש? — האָט עדזשע מיט אַן אָפּ־געהאַקטן אָטעם אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, עדזשע — האָבן מיר זיך גענומען נאָך מער דערווייטערן פון שטעטל.

— ייִנגלעך פאָרן פריזיוו באַקומען דאָך נישט קיין פּעסער.

— מיר פאָרן געשמוגלט.

— האָסט נישט קיין מורא? מ׳קאָן דאָך דיך צוריקברענגען מיטן עטאַפּ.

— זאָג מיר דאָס נישט, עדזשע. איך מוז אַוועק פון דער היים... זעקס דערוואַקסענע קינדער אין אַן ענגער דירה... אָבער נישט די ענג־שאַפט און נישט די נויט יאָגט מיך אַרויס, נאָר מײַן שטרעבן צו באַקענען נײַע לענדער און מענטשן. איך פאָר נישט אַליין. ביים שוואַרצן די גרע־נעץ וועלן מיר זײַן אַכצן ייִנגלעך און צוויי מיידלעך.

— צוויי מיידלעך אויך?

— יאָ.

— זיי פאָרן מסתמא זוכן חתנים אָן נדן — האָט עדזשע געלאַכט — איך ברויך דאָס נישט. דו ווייסט דאָך, אַדאַש, וויפל ייִנגלעך, היגע און לאָדזשער, לויפן מיר נאָך, שרײַבן ליבעס־בריוו, באַגלייט מיט סטראָפ־

קעס פון סלאָוואַצקי, היינע, און אפילו פון שיר־השירים. איך לייען און לאַך...

— ניין, עדזשע, דו טאָרפסט טאַקע נישט צו שוואַרצן קיין גרענעצן — האָב איך געזאָגט און געקוקט אויפן אויסגעשטערנטן הימל — דו לעבסט אין ווילטאָג, דו קאָנסט דיר ביי דיינע עלטערן אויסביטן דאָס טעלערל פון הימל. איר האָט אַ הויז, אַ שיין־איינגעאָרדנטע ראַזורע. און הגם כאָמקע קלעזמער מאַכט אויף דיין פאָטערס חשבון וויצן, אַז ער קאָן שטעלן באַנקעס אויף אַ פעלץ, קומען צו אים פריצים מיט קאַטשן. כ׳ווייס אַז דיינע עלטערן וועלן דיך נישט לאָזן פאָרן קיין אויסלאַנד.

— טאָ פאָר דו אויך נישט, אַדאַש.

— דו רעדסט ווי אַ צעפּיעשטשעטע קינד. איך דאַרף זיך דאָך אַליין פאַרזאָרגן. איך קאָן אויף קיינעמען נישט רעכענען. איך האָב שוין דעם גורל גענומען אין מיינע אייגענע הענט אַריין. איך קאָן מער נישט צוריק־גיין, צום גוטן אָדער צום שלעכטן, מוז איך גיין ווייטער.

עדזשע האָט פעסט געדרוקט מיין האַנט.

זי האָט מיך אַ לענגערע ווייל אָנגעקוקט און געפרעגט:

— און וואָס וועט זיין מיט מיר?

— דו וועסט צו מיר קומען. דו וועסט פאָרן לעגאַל, ווי אַ פּרינצע־סין. איך וועל דיך אויפן באַנהויף אָפּוואַרטן מיט אַ בוקעט רויזן. מיר וועלן פירן אַ גרויס־שטאָטיש לעבן, וואָס וועט דאָ פון דיר ווערן אין דעם העק? איך ווייס אַליין אויך נישט וואָס פון מיר וועט ווערן, אָבער מיך רייצט דער סוד.

עדזשע האָט אַן אומבאַהאָלפענע געקוקט צום הימל. זי האָט גע־עפנט ס׳מויל, אָבער ס׳האָט זיך איר גאָרנישט אַרויסגערעדט.

— דו שווייגסט?

— כ׳בין טרויעריק. כ׳ווייס דיר נישט וואָס צו זאָגן. יעדעס מאָל ווען דו ביסט געקומען צו פאָרן, בין איך געווען גליקלעך. איצט פיל איך זיך ווי מ׳וואָלט עפעס אין מיר אָפּגעטויט. ס׳גלוסט זיך מיר וויינען. כ׳בעט דיך, אַדאַש, לאָמיך אַהיימגיין. איך קאָן זיך מיט דיר נישט גע־זעגענען, איך קאָן נישט...

אירע ווערטער האָבן געמאַכט אויפצאַפּלען מיין האַרץ, געפילט האָב איך, אַז פון איר רעדט אַרויס דער אומשולד. אַ געדאַנק האָט זיך מיט מיר געגומען רייצן, אַז איך זע עדזשען צום לעצטן מאָל.

— בלייב נאָך, עדזשע. מיר צעשיידן זיך דאָך. קיינער ווייסט דאָך נישט אויף ווי לאַנג.

מיטאַמאָל האָב איך דערפילט עדזשעס הענט אַרום מיין האַלדז, אירע ליפּן האָבן אַרומגעצייטערט אויף מיין פּנים, אָפּגעבריט מיינע אויגן־דעקלעך ווי מיט פייער. אָבער ווען מיינע הענט האָבן זיך אויסגע־שטרעקט זי איינצושליסן אין מיינע אָרעמס, איז זי אַוועקגעשפּרונגען. זי איז אַ היפּשע ווייל געבליבן שטיין פונדערווייטנס און מיך מיט פאַר־טרערטע אויגן אָנגעקוקט. ס׳איז מיך באַפאַלן אַן אוממעכטיקייט.

באַלד האָט אין איר רעכטער האַנט געגומען פלאַטערן דאָס טער־קישע טיכל. אַ שוואַרצער פליגל, געשפּרענקלט מיט רויט, האָט איין מאָל און נאָכאַמאָל אַ שוועב געטאָן פאַר מיינע אויגן.

עדזשע איז אַן ווערטער אַוועק. איך האָב מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ זיך איינגעהערט אין אירע אָפּגייענדיקע טריט, איינגעקוקט זיך אין אירע פיס, וועלכע האָבן געשפּאַנט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, איבער מיין קאָפּ האָט פאַרבייגעשוועבט אַ פלעדערמויז.

איך בין מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שווער, אַז כ׳האָב זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אויפן באָדן. אין מיין האַלדז האָט זיך אַ טרער געוואָרגן. כ׳האָב זי נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען. איך האָב מיין צעהיצט פּנים פאַרנוראַט אין די קאַלטע גרעזער און מיט אַ שווער געמיט זיך איינגע־האָרכט אין דער נאַכט־מוזיק. פון אַלע שפּילעוודיקע נאַטור־אינסטרו־מענטן, האָב איך איצט אַמשטאַרקסטן אַרויסגעהערט דעם מאָנאָטאָן־מעסיקן ניגון פון אַ גריל אין אַ זומפּ. מיינע ליפּן האָבן גענומען פליסטערן:

— זיי געזונט, עדזשע, דו ביסט אַוועק און ביסט פאַראַן אין יעדער זאַך. דיינע אויגן פינקלען אַרויס פון די שטערן איבער מיין קאָפּ און דיין שטים רעדט צו מיר אַרויס פונעם טייכל, וואָס ריזלט מיט אַ פאַר־בענקטע נשמה זיך צו דערהויבן צו הימלישע הייכן. ביסט פאַרבליבן פאַרוועבט אינעם נאַכטישן לאַנדשאַפט, וואָס איך געזעגן צוזאַמען מיט דיר. אויב איך וועל דיך, עדזשע, נאָכאַמאָל טרעפן, וועל איך אין דיר דערזען דאָס איציקע נאַכט־בילד און דערפילן דעם וואַרעמען, אייביק־שאַפערישן אָטעם פון גאָט.

ד

ביי מיין זיידן זיינען שוין די לאָדנס געווען פאַרמאַכט. מ׳האָט אין ערגעץ נישט געזען קיין אָפּשיין פון ליכט. איך קום אַריין מיט שטילע,

צוריקגעהאַלטענע טריט. איך בלייב אויף דער שוועל אַ פּאַרציטערטער. מיין זיידע זיצט און לערנט אין דער פינצטער. דער פלעק פון זיין פּערל-מוטענער באָרד שוועבט איבערן טיש. זיין גמרא־ניגון איז אַן איינגע־בראָכענער, ווי ער וואָלט אָפּגעריכט חצות.

— אָוורעמל?

— יאָ, זיידעשי. פאַרוואָס עפּעס אין דער פינצטער?

— ווען דו וואָלסט אַזוי ווי איך אומצאָליקע מאָל אַדורכגעשווומען דעם ים־התלמוד, וואָלסטו שוין אין דער פינצטער געקאָנט דערזען דאָס אות במחשבה. די באָבע האָט דיר דאָ אויפן טיש אָנגעגרייט אַ ליכט. זי שלאָפט שוין. זי וועט דיך בלי נדר, אַרום זיבן אַ זייגער קומען וועקן. אייזיק פורמאַן איז דאָ געווען פרעגן, צי ער זאָל דיך צורעכענען צו דער יאַזדע. אפשר וואָלסטו נאָך געבליבן אַ טאָג־צוויי? וואָס איז ס׳געאיילעניש? דו מיינסט, אַז די גרויסע שטעט פליסן אַוועק ווי ים־כוואַליעס? דאָס מזל וואָס איז דיר דאָרט באַשערט, אייניקל מיינס, וועט דיך אַ טאָג שפּעטער אויך אויפנעמען.

— אַ גוטע נאַכט, זיידעשי — האָב איך אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן ליכט — איך מוז מאָרגן אַוועקפאָרן. כ׳האָב באַשטימט מיט די שמוגלערס.

— אויב דו מוזט... מילא... וועל׳ך מאָרגן האָבן ס׳האַרץ־ווייטיק... לייען כאָטש קריאת־שמע.

— יאָ, יאָ.

ווען כ׳האָב אָנגעצונדן דאָס ליכט און עס אַריינגעטריפט אין מע־שענעם לייכטערל, האָט פאַר מיר ווידער אויפגעטויכט דאָס געלבלעך־אויסגעקאַלכטע שטיבל, וואָס איך האָב עס אין עלטער פון צען יאָר צום ערשטן מאָל דערזען און זיך צעוויינט פאַר פרעמד־קייט.

במשך פון יאָרן איז דאָס דאָזיקע שטיבל געוואָרן מיין צווייטע היים. די אַלטע קאָמאָדע איז זיך געשטאַנען אויף איר פּלאַץ אַ שוויגנ־דיקע. זי האָט נאָר אַ קרעכץ געטאָן, ווען מ׳האָט געעפנט אַ שופלאָד. אויפן טישל, איבערגעדעקט מיט אַ געקעסטלטער צעראַטע, זיינען גע־לעגן היימיש-געבאַקענע אייער־קיכלעך. אַ קרוגעלע פריש וואַסער האָט אין דער אַרומיקייט געפינקלט און אַ האַלב גלאָז יאַגדע־זאַפט האָט זיך אויף דער צעראַטע אָפּגעטונקלט. אויפן אייזערנעם בעטל — אַ לאַנג נאַכט־העמד, באַלייגט מיט אַ היפש ביסל לאַטעס. דאָס פענצטערל איז

געווען אָפֿן אין גאָרטן אַריין, וואָס האָט געהערט צוםווירט לייבטשע ליובאָוויטש.

איך בין ביים טישל געבליבן שטיין אַ פֿאַרטראַכטער. מיין שאָטן אויף דער וואַנט איז איצט ענלעכער געווען צו אַן עלטערן מענטשן, ווי צו אַ בחור פֿון פּאָר די פֿריזיוו־יאָרן.

איך בין צוגעגאַנגען צום אָפֿענעם פֿענצטערל. אַ שאַרפֿער ריח פֿון אומרייפֿע פֿרוכטן האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז אַריין. די אויבסט־ביימער האָבן שטילערהייט געשאַרכט. מיין זיידנס ניגון האָט מיר אַריינגעטריפֿט אין האַרצן. איך האָב גישט געקאָנט אָפּרייסן מיין בליק פֿון דער שטערנוועלט, וואָס איז פֿון מיר געווען אַזוי וויט און אַזוי נאָענט.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי אָפּגעשטאַנען ביים פֿענצ־טערל. איך האָב גאָרנישט געוואָלט וויסן ווי שפּעט ס׳איז. איך נעכטיק דאָך ביים זיידן די לעצטע נאַכט.

פּלוצלונג האָב איך געהערט אַ קראַך. ס׳האָט ווער אויפֿגעריסן אַ ברעט אין פּלויט. עדושע איז אין גאָרטן געבליבן שטיין אין אַ בלוי נאַכט־העמד ביז צו די באָרוועסע פֿיס. אירע צעפּ זיינען איצט געווען צעפֿלאָכטן, צעלאָזן. צוויי גאָלדענע שטראָמען האָבן ווי ברייטע פּאַסמעס וואַסער זיך געכוואַליעט איבער אירע אַקסלען.

— אַדאַש, איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. איך ליב דיך מיטן גאַנצן ברען פֿון מיין יונגער נשמה. איך וועל אָן דיר אין ערגעץ נישט האָבן קיין רו. איך גיי מיט דיר אין דער וועלט אַריין. דיין גורל איז מיין גורל...

— עדושע, איך בעט דיך, גיי אַהיים. דאָס גראָז איז פֿייכט און קיל. איך זע דיין האַרץ נאַקעט, קאָנסט דיך נאָך חלילה דערקילן. לאָז מיך דערווייל פֿאָרן אַליין. איך וועל אין אַ טאָג נאָך דיר קומען. וועסטו אויף מיר וואַרטן?

— יאָ, אַדאַש. איך מוז אויף דיר וואַרטן.

און דיינע עלטערן?

— זאָרג זיך נישט. דו ביסט דאָך דער ערשטער וואָס האָט אין מיר אויפֿגעוועקט דעם געפֿיל פֿון ליבע. דער געפֿיל איז פֿאַרבונדן מיט שווערע ליידן, אָבער אויך מיט אַ זיסן תענוג. איך וועל דאָ אַ גאַנצע נאַכט שטיין אַ באָרוועסע און אַריינקוקן אין דיין פֿענצטער.

— צו וואָס, עדושע, זאָלסטו פֿאַרשוואַרצט ווערן אַ גאַנצע נאַכט?

— דיין וועג וועט דאָך דויערן לענגער ווי איין נאַכט. וועסטו דען מיד ווערן מיך תמיד צו האָבן פאַר די אויגן?

— ניין, עדזשע, כ׳וועל נישט מיד ווערן. אָבער איצט גיי אַהיים. אַ גוטע נאַכט, עדזשע!

די ביימער אין גאָרטן ענטפערן מיר. זייער געשאָרך ווערט מינוטנ־וויז שטאַרקער. אַן אומרייפע פרוכט פאַלט צום באָדן. אַ צווייגל גיט אַ קרעכץ. פון ערגעץ־ווו דערטראָגן זיך אָפּקלאַנגען פון פאָלקס־לידער, אַ מאַנדאָלינע באַגלייט די פערזן פון די פאָלקס־לידער, וואָס וועבן זיך אַריין אין מיין זיידנס גמרא־ניגון. איך פיל, אַז דער אומעט אין מיר, איז איצט עלטער פון מיינע יאָרן.

איך לייג זיך אַריין אין בעטל, דערוואַרטן דעם מאָרגן־שטערן.

ה

צומאָרגנס אינדערפרי בין איך אַ היפשע ווייל געשטאַנען, צווישן זיידע־באָבע, אַ שווייגנדיקער. אויף מיין זיידנס באָרד איז געפאַלן אַ ראָזעווער אָפּשיין. מיין באָבעס פאַרמעט־פּנים איז געווען באַגאָסן מיט זוניקע גאָלד־פלעקן. אויף מיין רעכטן אָקסל האָט זיך געבאָמבלט אַ טאָרבעלע, אָנגעפילט מיט כלערליי זאַכן. מיין טריב האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. דורך די אָפענע פענצטערלעך האָט זיך אַריינגעהערט דאָס טשיריקען פון פייגל. די ערשטע מתפּללים מיט די טליתים־זעקלעך אונטער די אָרעמס, זיינען פּאַוואָלינקע פאַרבייגעגאַנגען.

מיין זיידע האָט זיך אויפגעשטעלט. מיין נשמה־ציטער האָט מיר אויף אַ רגע אָפּגעהאַקט דעם אָטעם.

— נו גוט, אייניקל מיינס, פאָרסטו טאַקע אַוועק. די ברכות וואָס איך גיב דיר מיט אין וועג אַריין, זאָלסטו חלילה נישט שלעכט אויסטייטשן.

ער האָט זיך געגומען רייבן דעם שטערן.

— ראשית־כל וויל איך דיר ווינטשן, אַז דו זאָלסט קיינמאָל נישט האָבן קיין מאַכט איבער יענעמס צו הערשן, נישט אין רוחניותדיקן און נישט אין גשמיותדיקן זין. והשנית, אויב דו וועסט אַמאָל עפּעס פאַרפאַסן, ווייל דיין תשוקה דערצו איז זייער גרויס, באַמי זיך אַז דיינע כתבים זאָלן כאָטש פאַרמאָגן אַ רעליגיעזן ציטער. דער דאָזיקער ציטער האָט נישט קיין ווערטער, נישט קיין ניגון, אָבער ער איז שטאַרקער ווי אַ תּפילה, מ׳קאָן דאָס פאַרגלייכן צו אַ פעדימל ליכט, וואָס באַלייכט אינעווייניק די נשמה און פאַרבינדט דיך דערנאָך מיט דער הימלישער קדושה.

און נאָך אַן אָטעם־פּאַזע:

— זאָלסט דיך נישט איבערנעמען פון קיין שבחים, וואָרעם דער באַשריבענער הימל, ים, פעלד, וואַלד, באַרג און טאָל, איז דאָך נישט דיין ווערק, נאָר גאָטס ווערק. טאָ מאַך כאָטש נישט פון גאָטס מתנה קיין כלי־זין, יענעם שלעכטס צו טאָן. זיי אַזוי ענייוותדיק ווי דיין זיידע און דיין טאַטע. בזכות זה וועסטו מצליח זיין. שרייב בריוו. לאָמע פון דיר הערן גוטע בשורות, ווו ביסטו מיין אייניקל? — האָט מיין זיידע אויסגעשפרייט די הענט און מיך גענומען אַרומזוכן.

אין דער רגע איז מיר עפּעס קלאָר געוואָרן. פון מיין ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרצאַפּלטער אויסגעשריי:

— דער זיידע איז בלינד געוואָרן?!

מיין באָבע האָט זיך פון מיין אויסגעשריי צעכליפּעט. אָבער דער זיידע האָט מיט אַ רואיק קול געזאָגט:

— יאָ, אייניקל מיינס, דיין זיידע איז בלינד געוואָרן. דאָס יאָר איז עס ערשט געשען. אָבער איך וועל זיך מיטן רבונו של עולם דערפאַר נישט קריגן. איבער זיבעציק יאָר האָב איך געזען גאָטס וווּנדערלעכע וועלט און די אותיות פון תנ״ך, משנה, תלמוד, מוסר־ספרים און חיבורים פון גאונים. איצט קאָן איך דאָס אַלץ נישט זען. אָבער מיין מחשבה, וואָס איז באַהאַפטן מיט גאָט, האָט זיך אירע אייגענע אויגן. זיי זיך נישט מצער, מיין אייניקל, איך זע דיך, מיין ליבשאַפט זעט דיך אַזוי קלאָר ווי מיין האַרץ בענטשט דיך.

דאָ בין איך צוגעפאַלן צו מיין זיידנס ברוסט. אויף מיין אויערן־לעפּל איז געפאַלן אַ וואַרעמע טרער. מיין זיידנס הענט זיינען געלעגן אויסגעשפּרייט אויף מיין קאָפּ. זיינע ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט.

אַ בייטש הינטערן פענצטער האָט אַ פייף געטאָן. אַ הייזעריק קול האָט אַריינגערעדט:

— גוט מאָרגן, ר׳ סראָל יאַנקעוו! דער חתן־בחור פאָרט, יאָ, צי ניין?

ס׳האָט קיינער נישט געענטפערט.

איך בין אויף הינטערווייַלעכץ אַוועק פון זיידן. די באָבע מיינע האָט מיך אַרויסגעפירט, ביי דער שוועל האָב איך זיך פאַרהאַלטן, געוואָרפן נאָך אַ בליק אויפן זיידן. ער איז נאָך־אַלץ געשטאַנען מיט אויסגעשפּרייטע הענט, זיינע אָפענע, בלינדע אויגן זיינען געווען געווענדעט צום הימל.

בלוט

דאַניעל אַרלאָווסקי האָט זיך שוין קאַרגע צוויי שעה געהאַט אַרומגעבלאָנקעט אין די טומלדיקע שפּיטאָל־קולוּאַרן. בעת ס'איז ער־געץ־ווו פריי געוואָרן אַ שטול, איז ער אַ גיריקער צוגעפאַלן און זיך אַראָפּגעזעצט. ער האָט זיך אָבער אין אַ רגע אַרום נערוועז אויפגעכאַפּט, אָנגעשפּאַרט זיך אויפן דייטשן שפּאַציר־שטאָק און אָוועקגעשפּאַנט.

די שפּיטאָל־קולוּאַרן זיינען געווען איבערפולט מיט סאָלדאַטן פון די פאַראייניקטע אַרמייען, וואָס האָבן ערשט מיט אַ טאָג פריער געהאַט פאַרנומען די דאָזיקע דייטשע שטאָט און באַפרייט די שכנותדיקע קאַצעטן.

די פאַרשידנפאַרביק־אוניפאָרמירטע מיליטאַריסטן, הגם ס'האָט צווישן זיי נישט געפעלט קיין ווייס־באַנדאַזשירטע קעפּ, אַרויפגעבונדענע הענט, פיס געוויקלטע אין ווייסער גאַזע — זיינען פונדעסטוועגן ביז גאָר געווען אויפגעהייטערט און שיכור פאַר פרייד וואָס זיי האָבן שוין געפּטרט די שלאַכט־פעלדער.

אַרלאָווסקי האָט זיך איינגעקוקט ווי אינוואַלידן פון כלערליי נאַ־ציעס האָבן זיך דאָ, פיל מער ווי אויפן פראָנט גופא, מיחד־געווען, אויס־געשמועסט זיך אויף שטום־לשון, געטיילט זיך מיט די ציגאַרעטן און טאַבאַק, געקלאַפּט זיך גוט־ברודעריש איבער די פּלייצעס, אויסגעזוונגען אַ סטראָפּקע פון אַ זעלנערישן מאַרש, און זיך גנבה'יש־ממזריש איבער־געוווּנקען בעת אַ יונגע קראַנקן־שוועסטער האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן פאַרבייגעשוועבט.

אין אַ געעפנטער טיר האָט אַ פרויען־שטים אויסגערופן :

— דניאל אַרלאָווסקי !

בעת די טיר האָט זיך הינטער אַרלאָווסקין פאַרמאַכט האָט אויף אים אַ בליק געטאָן אַ דייטשער דאָקטאָר, אַ גרויסער, גאָלער שאַרבן מיט אַ טאָפּלט־גוידער, וואָס האָט נאָך אָלץ אין דעם נעכטיקן קאַצעטניק אַרויס־גערופן אַן אימה.

אָרלאָווסקי האָט אָבער באַלד דערפילט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק. אַ צעשמייכלטער איז פאַר אים געשטאַנען דער כירורג העַנריק ליפשיץ, וועלכער איז נאָך דער באַפרייאונג געוואָרן שפּיטאָל-שעף.

— וואָס מאַכסטו, דניאל?

— אַ דאַנק, דאָקטאָר, כ׳בין זיך געקומען היילן די אַלטע מכה. איר קענט זי דאָך.

— האָסט גוט געטאָן. מ׳טאָר איצט מער גאָרנישט פאַרנאַכלעסיקן. טו זיך אויס און לייג דיך דאָ אַוועק אויפן בעטל.

אָרלאָווסקי איז געבליבן ליגן מיט די אויגן צום סופיט. די קניען האָבן אים היפשלעך אונטערגעציטערט. ס׳האָט אים אַ מיגניע געטאָן פאַר די אויגן. אַ בויג־לאָמפּ האָט זיך אָנגעצונדן. איר אָפּשיין איז געפאַלן אויף אַן אָפענער וווּנד. צוויי ווייסע כאַלאַטן און ווייסע מיצלעך האָבן זיך אָפּגעשאָטנט אויף זיין נאַקעטן גוף.

דער דייטשער דאָקטאָר האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט שטיקער חידוש אין די אויגן אָנגעקוקט דעם יידישן כירורג.

— איר פרעגט, קאָלעגע גינטער — האָט דאָקטאָר ליפשיץ געזאָגט — פון וואַנען אַזאַ משונהדיקע וווּנד נעמט זיך? דאָס איז אַ שניט פון אַ מעסער, געמאַכט פון אַ פאַרזשאַווערט שטיקל באַנדאייזן.

— אַ לאַגער־מעסער?

— יאָ, — האָט דאָקטאָר ליפשיץ אַרויסגעהויכט — אַ לאַגער־מעסער. דאָס איז ערשט נעכטן מער ווערט געווען ווי גאָלד. מ׳האָט דאָך אַמאָל עפּעס געפונען אין אַ דייטשן מיסט־קאַסטן. זינט איך בין דע־גראַדירט געוואָרן פאַר דיסציפּלין־ברוך איז דער יונגערמאַן געוואָרן מיין פּריטשע־שכן. מיר זיינען געלעגן אין צוויי אָפענע קברים. ווען דאָס לעבן האָט מיך גענומען איבלען, אַז פאַר אַביסל אַרסעניק וואָלט איך אַוועק־געגעבן די צוויי גאָלדענע ציין, וואָס מ׳האָט מיר ווי אַ „בוצלעכער יודע" נאָך איבערגעלאָזט אין מויל, איז דער בחור, אַ רב׳ס אַ בן־יחיד, מיר אונטערגעקומען מיט ווונדערלעכע משלים פון יידישע מוסר־ספרים. איך בין איינגעשלאָפן ווי אַ קינד — איז דאָקטאָר ליפשיץ געבליבן שטיין מיט פאַרבראָכענע הענט.

— וואָס האָט זיך עפּעס דער שעף-דאָקטאָר אַזוי פאַרטראַכט?

— גייט און נעמט אַ מעסער צו דעם יונגנמאַן. איך האָב אים ליב

ווי אַ לייבלעכן זון. אפשר לעבט נישט מיין איגנאַץ? און אפשר מיין טאָכטער אירענאַ — אויך נישט?...

— שוין אָפּערירן? — האָט דער דייטשער דאָקטאָר געהויבן מיט די אַקסלען — דער מענטש וועגט דאָך... ער איז דאָך הויט און ביין.

— יאָ, יאָ. מ׳האָט שוין אַזוי אויך צו לאַנג געוואַרט. איר זעט נישט די קאָליר פון אייטער? אָבער... מיין האַנט זאָל אים קאָנען שניידן... איר... — האָט דאָקטאָר ליפשיץ אָנגעקוקט זיין דייטשן קאָלעגע.

אָרלאָווסקי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

ס׳איז אַ ווילע שטיל געוואָרן.

— גוט — האָט דער דייטשער דאָקטאָר זיך געוואָנדן צו דער קראַנקן־שוועסטער — פריילין גרעטאַ, פּאַרברייטן דעם בורש אויף נאָכמיטאָג פאַרן אָפּעראַציע־טיש.

דאָקטאָר ליפשיץ האָט אָרלאָווסקין אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— קוראַזש, דניאל! די אָפּעראַציע איז אַ גאַנץ לייכטע. איך וועל אויך זיין דערביי.

— לאָמיר כאָטש אָנזאָגן דאַרשאַ׳ן. כ׳בין דאָ אַהערגעקומען אָן איר וויסן — האָט אָרלאָווסקי שטיל געזאָגט, נאָכגייענדיק דער קראַנקן־שוועסטער.

***

די זון האָט זיך אָנגעהויבן נייגן צו מערב. אַ גלעטנדיק מאַיאָווע ווינטל האָט אין די אָפענע פענצטער אַריינגעווייעט. אויף די ווענט איז געפאַלן אַ פּורפּורנער אָפּשיין.

אָרלאָווסקי האָט געעפנט די אויגן. ער האָט זיך מיט אַ מטושטשן „נישט די־וועלטיקן" בליק אַרומגעקוקט. ס׳איז אים אין ערשטן אויגנבליק שווער געווען זיך צו דערמאָנען ווו ער געפינט זיך. געפילט האָט ער ווי זיין האַרץ־ברעט איז שטאַרק געפּענטעט. ער האָט אויפן ביוסט באַרירט אַ שטיק פּלאַסטיק און זיך דערמאָנט: ער ציילט ביז הונדערט און שלאָפט איין.

זיין מבולבלדיקער בליק שטעלט זיך איצט אָפּ אויפן רונדיקן וואַנטזייגער. ער דערזעט אָבער נישט ווי שפּעט ס׳איז. די ווייזערס שווימען אַוועק. ער דערהערט קוים־קוים אַ טיק־טאַק, וואָס קלאַפּט אים ווי אַ

העמערל אין דער שלייף. אַרום אים איז שטיל, ווי אַלץ וואָלט געוועז אויסגעליידיקט. זיין בעטל-שכן, אַן אַלטער דייטש מיט אַ פּאָר ווייסע הינדענבורג-וואָנסעס, זיצט אין בעט ביים אויסלייג-טישעלע, ווישט מיט אַ סערוועטקע גאָפּל-מעסער, וואַרפט אַ בליק און זאָגט:

— מאַלצייט!

מיטאָמאָל זיינען ביידע דאָקטוירים, באַגלייט פון אַ קראַנקן-שוועס־טער אויסגעוואַקסן ביי אָרלאָווסקיס בעטל. דאָקטאָר ליפּשיץ האָט מיט אַ אומרואיקער באַוועגונג באַרירט אָרלאָווסקיס דופק. און מיט אַ פאַרזשמור־רעט אויג געקוקט אויפן דייטשן דאָקטאָר. די קראַנקן-שוועסטער האָט דעם אָפּערירטן אַרומגעווישט דעם שווייס, אַוועקגעזעצט זיך אויפן בעטל־ראַנד און מיט אַ לעפל אים דערלאַנגט אַ טיי. מ׳האָט אָרלאָווסקין גאָרנישט געפרעגט, גלייך ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געווען איינגעשלעפערט, אָבער ער איז שוין געווען ביים באַוווסטזיין צו קאָנען אויפכאַפּן אַ וואָרט:

— בלוט...

די דאָקטוירים האָבן אַוועקגעאיילט.

— מיין שיינער בורש — האָט אים די קראַנקן-שוועסטער אַ גלעט געטאָן — איר וועט באַלד האָבן אַ וויזיט. אָבער נאָר אויף געציילטע מינוטן. מאָרגן — אַ גאַנצע שעה. איר וועט באַקומען גוטע פלעגע.

אָרלאָווסקי האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען. די פלוצלינגדיקע צאַרטע רייד אויף דייטש האָבן אים עפּעס דערמאָנט...

— דער טיי איז נודנע, עס וויל זיך מיר ברעכן.

— געדולד, געדולד מיין שאַץ. מאָרגן וועט איר שוין אַלץ מעגן עסן. היינט — נאָך צוויי קרעפּטיגונגס-שטיכן.

— כ׳קאָן זיך נישט באַוועגן.

— דער פלאַסטער וועט ווערן אַראָפּגענומען. דאָס קישעלע הינטערן קאָפּ... אויפהויבן?

— כ׳בין גענוג הויך.

אַ לעפל אויפן נאַכט-טישל האָט אַ קלונג געטאָן. די קראַנקן-שוועס־טער איז אַוועק. אַ פּיר-רעדלדיק וועגעלע, באַשטעלט מיט שטויסן טעלער, איז אַריינגעפאָרן. מ׳האָט די קראַנקע עפּעס אויסגעטיילט. אַ היפּש ביסל מינוטן האָט זיך אין זאַל געטומלט. באַלד איז ווידער שטיל געוואָרן.

אָרלאָווסקיס אויגן זיינען פאַר שוואַכקייט צוגעפאַלן, אָבער אַ באַ־

קאַנטע שטים האָט זיי אויפגריסן, ביים ראַנד פון זיין בעטל איז געשטאַנען דאָס בלאָנדע לאַגער־מיידל, דאַרשאַ. ער האָט זי קוים דערקענט. גאַנצע צוויי יאָר האָט ער אויף איר געקוקט דורך אַ פּאַרזשאַווערטער שאַטקע פון שטעכל־דראָטן. ער האָט זי קיינמאָל נאָך נישט געהאַט געזען שמייכלען. איצט איז זי פּאַר אים דערשינען אַן אויסגעפּוצטע און אַ צעשמייכלטע. אירע ציין האָבן צום ערשטן מאָל אַ בליץ געטאָן אין זיינע אויגן. געזען האָט ער, אַז פון איר קינדעריש פּנימל האָט ווער אויסגעשניטן דאָס פלייש, אָבער — נישט באַוויזן מיטצושניידן די צוויי לענגלעכע חן־גריבלעך אַרום די מויל־ווינקלען. אירע אויגן האָבן אויף אים לאַנג געקוקט. זי האָט זיך גאַנץ־פּאַוואָלינקע אַראָפּגעזעצט. ס׳האָט אים אַ בלענד געטאָן אַ וויאָלעט, טורבאַניש־אויסגעבונדן קאָפּ־טיכל, וואָס האָט צוגעדעקט אירע אָפּגעשוירענע האָר. אַ קליידל מיט געדרוקטע גלאָקן־בלימעלעך האָט אַרומ־גענומען איר אויסגעדאַרטן קערפּער. ער האָט געפילט זיין האַנט ביי אירע בלוטלאָזע ליפּן, וואָס האָבן דין געציטערט, פּונקט ווי זי וואָלט אַן ווערטער געזאָגט אַ תּפילה.

— וואָס מאַכסטו, דניאל?

— ס׳איז מיר גוט. דו ביסט געקומען. אָ, ווי שיין דו ביסט, דאַרשאַ! מ׳וואָלט איצט געקאָנט אָנהייבן אַ ניי לעבן. אָבער... דער טויט איז אַריבער די שטעכל דראָטן און לויפט מיר נאָך...

— שוויג, דניאל, ביים דיר בעסער אָפּ די צונג. פאַרוואָס רעדסטו צו מיר אַזוי. אין קאַצעט, האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט וויינען. איצט ביים מינדעסטן וואָרט... דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט שוין אַלץ איבערגעקומען. אָבער...

— אָבער? — האָט ער זי אָנגעקוקט.

— מ׳וואַרט אויף אַ בלוט־געבער.

אַרלאָווסקיס קאָפּ האָט זיך אַ קאַפּיטשקע אַ הויב געטאָן און איז שווער צוריקגעפאַלן.

— אַ בלוט־געבער — האָבן אַרלאָווסקיס ליפּן געפליסטערט — ווער וועט איצט וועלן געבן בלוט?

— גלויבסט שוין מער נישט אין מענטש?

— ניין.

— כ׳בעט דיך, דניאל קרויז. זע נישט אַלץ אַזוי שוואַרץ. אמת, מיר זיינען טאַקע נאָך אַ תּחית־המתים, אָבער דער גורל הייסט אונדז

ווייטער לעבן. ס׳איז זיך שווער צוריקצוגעפינען. בעת איך קוק, נאָך לאַנגע קברים־יאָרן, ווידער אַריין אין אַ שפּיגל, וויל איך פון מיר אַליין אַנטלויפן. דער שוואַרצאַפּל פאַרפאָלגט מיך...

— דאָס איז נישט דער שוואַרצאַפּל, דאַרשאַ, נאָר די טויט־שרעק... ביז איצט האָסטו דאָך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען דיין אייגענע טויט־שרעק.

— און דאָס וועט שוין אַזוי בלייבן, דניאל?

— ניין, דאָס לעבן וועט דעם טויט־פלעק אָפּווישן. אָבער כ׳בעט דיך, טייערינקע, רעד נישט צו מיר! כ׳בין זייער שוואַך. זיץ און קוק אויף מיר אַ שווייגנדיקע.

דאַרשאַ האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען. זי האָט געזען ווי דניאלס אויגן פאַרמאַכן זיך לאַנגזאַם און זיינע שוואַרצע ברעמען ציטערן, גלייך ווי פליגל פון אַ שמעטערלינג וואָלטן געשוועבט אויף זיין בלייך פּנים.

נאָך אַ ווייל האָט ער עפּעס ווי אין חלום דערפילט אַ קוש און אַ וואַרעמע טרער איז געפאַלן אויף זיין צוגעמאַכט אויג. ער האָט קוים־קוים דערהערט אַ געפליסטער פון צווי פרויען־שטימעס און שטילינקע אָפּ־גייענדיקע טריט.

***

די נאַכט איז בהדרגהדיק צוגעפאַלן. אויף די שפּיטאָל-ווענט האָבן זיך באַוויזן שאָטנס פון קראַנקע פאַרוויאַנעטע מענטשן און פון געזונטע פריש־אויפגעבליטעביימער.

אין מיטן זאַל ביים גרויסן טיש, געדיכט באַשטעלט מיט קלינישע מכשירים, איז געזעסן די אָקאַרשט־אַנגעקומענע קראַנקן־שוועסטער פון נאַכט־דינסט. זי האָט זיך געמיטלעך צוגעשניטן פליטשן ווייסע וואַטע און שוואַרצע גאַזע. דער טונקל־בלויער לאָמפּ־שירעם האָט אויף איר העל פּנים געוואָרפן רונדיקע ליכט־שפּיגעלעך. די אייזערנע בעטלעך האָבן זיך איינציקווייז פאַרלוירן אין דער אַרומיקער פאַרשאָטנטער, האַלב־פינצטער. בלויז ביי אָרלאָווסקיס בעטל, האַרט ביים פענצטער, האָט גע־ברענט אַ לעמפּל.

פון דרויסן האָט זיך אַריינגעריסן אַ שאַרפער מאַיאָווער אַראָמאַט. די ביימער אין שפּיטאָל־הויף, וואָס זיינען אָקאַרשט אויפגעגאַנגען מיט

פריש־געעפנטע שפּראָץ־אייגעלעך צו אַ ניי לעבן, האָבן מיט זייער שפּי־לעווודיקן געפּליסטער פאַריאָגט די אימה פון טויט. דער הימל ווי אַ שטיק פאַרמעט איז געווען באַשפּריצט מיט זילבער. ערגעץ־ווייט האָט געשפּילט דער נאַכטיגאַל. יעדער נאַכטיגאַלישער טרעל האָט וויב־רירט אין דער לופט. די בלומען האָבן פאַרמאַכט זייערע בעכערלעך, בכדי די נאַכט־שיינקייט זאָל נישט אויסרינען.

אָבער אָרלאָווסקי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און האָט דווקא געהערט אַ געסיקע פון זעגן, וואָס האָבן אים געגריילצט אין מוח. ער האָט גאָר געזען ווי ביימער פאַלן מיט אַ געקראַך, איינגורנדיק זייערע קרוינען־קעפּ אין שליימיקע זומפּן. אַ הונט האָט אויף יענער זייט פלויט געוואָיעט. אַרום זיין לעמפּל האָבן זשומענדיקע פליגן זיך געקרייזט אין אַ שוואַרץ ראָד — אַוועקגעפלויגן ווי מיט אָפּגעברענטע פליגל.

— דאָרשאָ, דאָרשאָ?!...

אָפּגעענטפערט האָבן אים באַקאַנטע טריט. דעם דאָקטאָר ליפשיצ׳ס כאַלאַט איז ווי אַ ווייסער פלעק געפאַלן אויף דער אַרומיקער טונקלקייט. ער האָט זיך מיט אַן אומרואיקן בליק אַרומגעקוקט און זיך שווער אַראָפּ־געלאָזט אויפן שטול ביי אָרלאָווסקיס בעטל.

— וואָס דערציילסטו עפּעס, דניאל?

— קאָשמאַרן... דער מוח אַרבעט מעשים... ס׳הארץ — שוואַך...

— כ׳ווייס.. דו נויטיקסט דיך אין בלוט־טראַנספוזיעס. מיר האָבן ביי אַלע שפּיטאָל־איינגענג אָפּישירט. שעה׳ן זיינען אַדורך... אָבער ס׳האָט זיך על פּי נס באַוויזן אַ בלוט־געבער...

— נו?

דאָקטאָר ליפשיץ האָט זיך גענומען רייבן אין די הענט אַרייַן, פּונקט ווי אין דרויסן אָדער אינעווייניק אין זיין געמיט, וואָלט געווען אַ שרעק־לעכער פראָסט.

— ס׳פּייניקט מיך עפּעס, דניאל. איך קאָן ביי מיר נישט פּועלן... אַ טראַנספוזיע... און דו זאָלסט אפילו נישט אַנען... ווער דיין בלוט־געבער...

אָרלאָווסקי האָט אויפן דאָקטאָר אָנגעשטעלט אַ פּאָר צעפינטלטע אויגן.

— ווער, דאָקטאָר?

— אַ... דייטש.

אָרלאָווסקי האָט זיך האַסטיק אַ רוק געטאָן ביז צום ראַנד פון בעט.

— נישט אַנדערש ווי דער שטן איז זיך מיט מיר געקומען רייצן...
— האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און גענומען ציטערן מיט די ליפּן.

— דו קריגסט זיך מיט מיר, דניאל?

— נישט מיט אייך, נאָר — מיט גאָט... נאָך אַזויפיל נסיונות... ניין, גאָט באַהערשט היינט נישט די וועלט מיט שכל, נאָר — מיט משוגעת... דער שטן לאַכט... איר הערט?... כ׳וויל שוין מער גאָרנישט ווי אַ טאַב־לעטקע איינצושלאָפן. כ׳וויל גאָרנישט זען און פאַרשטיין...

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך נערוועז אויס־געקנאַקט די פינגער, צוגעגאַנגען צו דער קראַנקן־שוועסטער, איר איבער־געלאָזט אַ באַפעל, און וואַרפנדיק אַ טרויעריקן בליק צו דניאלס בעטל, האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט.

איינגענומען די שלאָף־טאַבלעטקע, האָט זיך אָרלאָווסקי גענומען וואַרפן פון רעכטס אויף לינקס. די אויגן האָט ער געהאַלטן פאַרמאַכט.

און ווי־נאָר דער ערשטער שלאָף האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, האָט פאַר אים אויפגעטויכט זיין היימישע שטוב, שבת בין־השמשות.

די מאַמע זיינע אין אַ שוואַרץ סאַמעט קלייד, אין אַ ווייס־געשטריקטן שאַל אויף די אַקסלען, שטייט ביים פענצטער, די אויגן אויפגעהויבן צום ערשטן שטערנדל און זאָגט: „גאָט פון אברהם”... איר צאַרט קול פאַלט אים אין האַרץ אַריין.

דער פאָטער זיינער, שוואַרצער אַטלאַס, ווייסע זאָקן, זיצט ביים טיש און ברומט זיך בנעימותדיק אַ ניגון פון גערער הויף.

זיין שוועסטער לאה׳לע זיצט ביים צווייטן פענצטער און פלעכט נערוועז אויף איר פּעך־שוואַרצן צאָפּ, וואָס וויגט זיך אויף איר רעכטער ברוסט. אַ ווייס־געהאָפטן רונדיק קעלנערל קרייזט זיך אַרום איר האַלדז, ווי אַ וויניעטקע אַרום אַ מילכגלאָזיקן וואַזאָן. לאה׳לע זוכט אויך אַ שטערן אין הימל, בכדי צו קאָנען אַרויסגיין זיך זען מיט איר חתן.

אין מיטן שטוב — אַ קאָנטיקער פלעק. ס׳בלענדט אַזוי דאָס שבת־דיקע טישטעך. די זילבערנע לייכטער פינקלען. די ווענט זעען אויס ווי אויסגעמאָלענע מיט שוואַרץ־גרויע טאָוולען פון אַלטע ספרים. די שאָטנס פאַרשלינגען וואָס אַמאָל אַלץ־מער די מאַטע ליכט־פלעקן.

די מאַמע זיינע שטעלט זיך אויף און צינדט אָן אַ ליכט. די שאָטנס אַנטלויפן. ער הערט איר שטים: „אַ גוטע וואָך, אַ מזלדיקע וואָך!” זי קוקט זיך אַרום און פרעגט:

— אבא, ווו איז מיין דניאל?

— ער איז אַרויס פון גיהנום.

— אַרויס? אונדז איבערגעלאָזט צווישן רויך און ריח פון נשרפים?...

— וואָס ווילסטו פון אים, שרה. ער איז נאָכגעגאַנגען זיין גורל.

— גאָט און זיין משפט איז גערעכט, זאָל ער לעבן פאַר טאַטע־מאַמע, פאַר זיין שיינער שוועסטער לאה׳לע און פאַר אַלע נישט דערלעבטע...

— כ׳ווייס נישט, שרה, צי דאָס איז גאָטס רצון... דניאל איז געפאַלן ביים אַרויסגאַנג פון גיהנום. דער מלאך רפאל פאַרשטעלט פאַר אַ דאָקטאָר, האָט אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט. ס׳איז אָבער גלייך אונטערגעקומען דער שטן מיט אַ פלעשעלע בלוט פון אַ רוצח און געהייסן אַז אונדזער דניאל זאָל דאָס אַריינגיסן אין זיינע אָדערן.

— נו, אבא, ער האָט נישט חלילה...

— ניין, ער האָט אויסגעהאַלטן דעם לעצטן נסיון.

— וועט קיינער פון אונדז נישט בלייבן, אבא?

— יאָ, ס׳וועט בלייבן דער זכרון.

— ווי אַזוי קאָן בלייבן דער זכרון, אַז מיר זיינען פאַרברענט?...

— ניין, שרה, דעם זכרון האָבן זיי אין אונדז נישט געקאָנט אויס־ברענען. אונדזער זכרון איז אַריין אין די לעבן־געבליבענע, ווי וואָלט צו אונדז געווען ווען זיי קאָנען חלילה פאַרברענען אונדזער זכרון!...

— אבא, איז שוין דער זכרון פון אונדזער דניאל אַריין אין פאָלק?

— דו האָסט דאָך שוין מער נישט קיין אימת־המוות, טאָ קוק אַראָפּ און זע!...

מיטאַמאָל זיינען די קולות פאַרשטומט געוואָרן. ער האָט מער נישט געהערט קיין שום קלאַנג. ער האָט נאָר דערפילט ווי ער פאַלט האַסטיק פון עפּעס אַרויס...

אין דער רגע איז די קראַנקן־שוועסטער צוגעגאַנגען צו אָרלאָווסקיס בעטל, בכדי אים צו מאַכן אַן איינשפּריצונג, אָבער זי האָט זיך אַ פאַר־צאַפּלטע צוריקגעצויגן. נאָך אַ ווייל האָט זיך איר האַנט לאַנגזאַם אויס־געשטרעקט און מיט דער קאָלדרע פאַרדעקט אָרלאָווסקיס פּנים.

אין אַ ליידיקער שטאָט

דער מענטש וואָס האָט אַליינזאַם געשפּאַנט אויפן שאָסיי, איז געווען אַ קאַצעטניק, אייניקע טעג נאָך דער באַפרייאונג.

אַ פּאָר דיק־אָנגעשוואָלענע פּיס אין סאַנדאַלן, האָבן געטראָגן אַ הויכן סקעלעט מיט טיף־אַריינגעזעצטע אויגן־לעכער. אַן אויסגעקרומטער צווייגן־שטעקן אין אַ ביינערדיקער האַנט האָט זיך ווילד־האַסטיק באַוויגן. ס׳איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז דער אויסגעמאַרעטער מענטש מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער ווערט נישט געטריבן פון זיינע אייגענע כוחות, נאָר פון עפּעס אַ שרייענדיקן אומרו, וואָס נעסטיקט נאָך טיף אין זיין געביין.

דער קאַצעטניק איז געגאַנגען ווי באַטויבט און געפּלעפּט פונעם זוניקן מאַיאָווען טאָג־ליכט. ער האָט עפּעס יאָ און נישט דערהערט דאָס צאַרט־זיסע טשיריקען פון די פייגל, וואָס האָבן האָפּסנדיק און וויגנדיק זיך אויף די ברייט־צעצווייגטע שאָסיי־טאָפּאָליעס, אויסגעפּישטשעט זייער פרימאָרגן־שירה. אַרויסקומענדיק אָקאָרשט פון שאול תחתיה, האָט ער אין מזרח־הימל נישט דערזען דעם זון אויפגאַנג, וואָס האָט אין עטלעכע פאַרבן געהאַט אויסגעגאָסן גאַטס חתימה פון אייביקער שיינקייט און אומשטערבלעכקייט.

הגם דער קאַצעטניק איז געווען ווי באַגאָסן מיט פרישע הימלישע פאַרבן, איז ער געגאַנגען אַן איינגעקאַרטשעטער, אַן ערדיש־איינגעבראָכענער. ער האָט פון צייט־צו־צייט אויפגעציטערט, אַקוראַט ווי פינצטערע כמאַרעס, אָנגעזאַפּטע מיט שטורעם, וואָלטן איינגעהילט זיין שאַרבן און אומאויפהערלעכע קראַכנדיקע דונערן וואָלטן אויפגעריסן זיין געהער.

נאָך אַ שעה גאַנג האָט ער זיך אַן אויסגעמאַטערטער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פלאַכן שטיין, וואָס איז געווען איינגעגראָבן ביים שטאָם פון אַ בוים און אַרומגעזוימט מיט הויכע גרעזער באַדעקטע מיט אַ ווייסן מעך, וואָס דער ווינט האָט מסתמא געהאַט איבערגעטראָגן פון די פעלד־בלומען.

דער קאַצעטניק האָט מיט אַן אָפּזיפץ אַריינגעקוקט אין דער אַרומיקער פּוסטקייט. ער האָט זיך מיטאַמאָל גענומען שרעקן פאַר דער אַנטשוויגנקייט. ס׳האָט זיך פון ערגעץ נישט דערטראָגן קיין מענטשיש קול, נישט קיין אָפּקלאַנג פון טריט. ס׳האָט זיך אפילו נישט באַוויזן דער מונדירמאַן מיטן הונט, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן נאָכאַנאַנד אָנגעוואָרפן אַן אימה. די דאָרפישע הייזקעס האָבן פאַר אים אויפגעטויכט מיט פאַרמאַכטע לאָדנס. די בלומען־טעפּ אויף די פענצטער־פּאָרענטשעס — איינגעסוכניעט. די קוימענס אויף די רויט־געקאַרבטע שינדל־דעכער האָבן אין ערגעץ נישט אַרויסגעלאָזט קיין שנירעלע רויך.

פּלוצלינג האָט ער אין דער אַרומיקער שטילקייט דערהערט ווי אַ דין שטרייפל וואַסער רייסט זיך ערגעץ־ווו אַדורך די שפּאַלטן פון אַ שטיק פעלדז, וואָס דאַרפט לויטן געפּליושקעריי — ריזלען אין דער טיף.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַ שרעגע קרומע, שטשערבאַטע שטיגלעך און איז אינעם האַלב־טונקל געבליבן שטיין פאַרגאַפּט ביי אַ שטיינערנער וואַנט, וואָס איז ווי מיט פּערל באַשאָטן, געוועזן געשפּרענגלט מיט וואַסער־טראָפּנס. ער האָט אָבער פאַר צעטומלעניש נישט געקענט דערגיין דאָס אָרט ווו דער קוואַל שלאָגט אַרויס. ער האָט נאָר בלויז געהערט, ווי אין דער שטיינערנער וואַנט פּליסט עפּעס, וואָס שפּילט ווי אַ נאָך־נישט אַנטדעקטער אינסטרומענט. אַ פאַרחלשטער פאַר דאָרשט האָט ער מיט די דלאָניעס אַרויסגעשעפּט די וואַסער־טראָפּנס און אין זיי איינגענורעט זיינע פאַרטריקנטע ליפּן.

ער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס ער האָט פּלוצלינג אַ ווילד־וואַלדישן געשריי געטאָן:

— הו־האַ!

עס איז אָנגעפלויגן אַ ווייסע טויב. זי האָט גענומען וואָרקען, אַרומהאָפּסלען אויף דער שטיינערנער מויער, אַ פליגל געטאָן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן האַרטן באָדן.

דאָס ברומקען פון דער טויב האָט דעם קאַצעטניק אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. ער האָט צעעפנט זיין ליידיקן ברויטזאַק, צוזאַמענגעשאַרט גאַנץ־דריבנינקע קרישקעלעך און זיי צוגעוואָרפן דער טויב. באַלד זיינען אָנגעפלויגן אַ מחנה פייגל, וואָס האָבן מיט אַ געסוויטשעריי גענומען דזשאָביען די פאַרדאַרטע קרישקעלעך. אַ פייגעלע איז דעם קאַצעטניק אַרויפגעפלויגן אויף דער האַנט־פלאַך, אָבער זיין דלאָניע איז געווען פייכט און ליידיק.

דער קאַצעטניק האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט און איז צוריק אַרויף אויפן שאָסיי. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן מייל־שטיין, געזען וויפיל קילאָמעטער ער האָט נאָך אָפּצוגיין ביז צו דער שטאָט, אָבער ביים שטעלן דעם ערשטן טראָט, זיינען אויפסניי אָנגעפלויגן, פון רעכטס און לינקס, אַ גאַנצע טשאַטע טויבן און אַ מחנה רויב-פייגל. אָנגעפלויגן זיי־נען זיי כאַפּטעסוויז און זיי זיינען געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז דער קאַצעטניק האָט ממש געשפּאַנט אין אַ וואָלקן פון פליגל. ער איז אויפגעציטערט געוואָרן פון דעם אויסטערלישן פייגל־געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געהערט ווי דער דין־צאַרטער פייגל־געסווישטשע און דאָס געוואָרקעריי פון דער טויב זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווילד־משונהדיקע קולות, אין געהוזשע, געיאָכץ, געקוויטשע, דאָס געבעטשעריי, דאָס סקאָווטשען און דער פליגל־גערויש האָט אים ממש פאַרטויבט. ער האָט די פייגל פאַריאָגט מיטן שטעקן, זיי זיינען אָבער באַלד צוריקגעקומען און אים נאָכגעפלויגן אַ גאַנץ היפשן מהלך.

אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריין איז ער צו שקיעה. די שטאָט איז געווען אויסגעליידיקט. דעם קאַצעטניקס שווערע, האַמעטנע טריט האָבן ווייט אָפּגעהילכט. מ׳האָט דאָ מער נישט געהערט ווי אַ געשאָרך פון ביי־מער, וואָס האָבן באַזוימט די טראָטואַרן פונעם פּיטאָרעסקן שטעטל. אַ שטיק שקיעה־פייער איז געפאַלן אויף אַ וויטראַזש פונעם גאָטישן קלויס־טערל. די גראָבע שטריק, צופוסנס די קירכן־גלאָקן, זיינען אויפן גראָ־זיקן באַדן געבליבן ליגן ווי אַ פאַרפלאָנטערטע נעץ. אויף די פוסטע טראָטואַרן זיינען פאַרדאַרטע בלעטער לאַנגזאַם געקראָכן ווי גרויסע גריי־נע ווערעם. אַ שטיקל וועש אין אַן אָפן פענצטער האָט דעם קאַצעטניק אַ פלאַטער געטאָן אין די אויגן. אין דער לופט האָט אַרומגעשוועבט אַ פעדער פון אַן עוף. אַ צעטראָטענער הוט פון אַ פּרייסישן בלוי האָט זיך געוואַלגערט אויף אַ שוועל. דער הימל איז געווען פּילפּאַרביק, מוזיאיש. אָבער דער פּורפּורין פון מערב-ראַנד איז געפאַלן אויף די שטעטלדיקע געביידעס ווי אַן אָפשיין פון אַ וועלט־שרפה.

דער קאַצעטניק, דערפילנדיק אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ ליידיקער שטאָט און עס קוקן אויף אים גאַנצע שורות פענצטער פון פאַר־לאָזענע היימען, האָט זיך מיטאַמאָל געצומען שרעקן פאַרן אָפּהילך פון זיינע אייגענע טריט. זיינע פיס האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן, אַהין־אַהער. אַ וויסטע אימה האָט אים סכנותדיק אַ יאָג געטאָן אויף צוריק; ער איז אָבער נישט בכוח געווען צוריקצוגיין.

ער האָט זיך איינמאָל און נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט און איז מיט אַ ווידערווילן אַריין אין אַ דייטשיש הויז. נאָך אייניקע פאַרשלאָסענע טירן, האָט ער לסוף געפונען אַ פרייען אַריינגאַנג. ער האָט גענומען שפּאַנען מיט פאַרזיכטיקע טריט. ער האָט אפילו מיט אַ פּאַנישער שרעק אַ געשריי געטאָן, אָבער ס׳האָט אים קיינער נישט געענטפערט.

נאָך אַ ווייל האָט ער שוין אין דער פרעמדער דירה אַרומגעשפּאַנט אָן אַרומגעוואַשענער, אָן אויפגעפרישטער. ער האָט נישט געפונען קיין שום שפּייז צו שטילן זיין הונגער, ער האָט זיך נאָר בלויז געקאָנט קוויקן מיט די קילע וואַסער־שטראָמען פון קיך־קראַן, וואָס האָבן צייטווייליק געלאָשן זיין ברענענדיקן דאָרשט.

אַרומזוכנדיק אין אַלע צימערן כאָטש אַ האַלב־פאַרפוילטע פרוכט, איז ער פלוצלינג שטיין געבליבן פאַר עפּעס אַ מאָדנער שפּיל־שאַנק. ער האָט אַרויסגעצויגן דעם ערשטן, בעסטן דיסק און אים אַרויפגעלייגט אויף דער דריי־פּלאַטע, אויסגעבעט מיט ברוינעם סאַמעט.

אַ רגע איז אין צימער נאָך שטיל געווען. מ׳האָט נאָר בלויז געהערט דעם געגרילץ פון דער שטיפט. באַלד האָט אַ כינעזישער מאַרש אַ שפּיל געטאָן אויף כלערליי אינסטרומענטן. דער מאַרש, באַגלייט פון אַ גלעקל־געקלימפּעריי, האָט דעם לאַגערניק אַריינגעבראַכט אין גרויס התפּעלות. ער האָט אַ צאַפּל געטאָן און זיך אַריינגעזעצט אין אַ פאָטעל. איינהערנ־דיק זיך אין דער מוזיק, האָט ער געפילט ווי די ריטמישע טענער און האַרמאָנישע קלאַנגען דערהייבן ווי אויף פליגל זיין שווער געמיט. ער איז געזעסן אַ באַצויבערטער. ער האָט געפילט, אַז די מעלאָדיע וואָס מ׳קען נישט דערזען מיטן אויג און נישט באַרירן מיט דער האַנט, האָט מער שייכות מיט דער אייביקייט, ווי אַלע ממשותדיקע זאַכן. די טענער האָבן דין־צאַרט געגלעט די ווונדן פון זיין האַרצן. פאַר תענוג האָט זיך אים אין אויג אַוועקגעשטעלט אַ טרער.

ס׳איז בהדרגהדיק טונקעלער געוואָרן. דער הימל־געוועלב, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געהאַט געשפּילט מיט פייער, איז איצט געווען ערטער־ווייז טונקל־בלוי; ערגעץ־ווו — גראַנאַט, און ביי די האָריזאָנטן ים־וואַסער גרין. אַ זילבערן שטערנבילד האָט אויפן הימלישן אָקעאַן גענומען אַרויס־שווימען. די ליכט־פלעקן אינעם צימער, ווו דער באַפרייטער איז געזעסן און זיך איינגעהערט אין דער מוזיק, זיינען געוואָרן פאַרשאָטנט. דער דיסק האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער אויסגעוואָרצלטער איז אויפגעשפּרונגען, און בכדי נישט אַרויסצוגיין פון דעם צויבער־קרייז, האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעשטעלט דעם זעלבן דיסק.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ ביל. ער איז צו צום אָפענעם פענצ־טער און דערזען אַ גרויסן געלן יאַגד־הונט מיט אַ ווייס פלעקעלע ביי דער מאָרדע. דער הונט איז געזעסן אויף די הינטערשטע פיס, די רויטע אַרויס־געבלעקעטע צונג באַשלאָגן מיט אַ ווייסער שוים. דער הונט האָט גע־פרייכט פאַר היץ, הונגער און דורשט. אויף אַ ווייל האָבן זיך מענטש און חיה שטומערהייט געקוקט אין די אויגן אַריין.

באַלד איז דער מענטש אַרויסגעקומען מיט אַ שיסל קאַלט וואַסער, געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער, איינגעהערט זיך אינעם הינטישן גע־פליסקעריי און געשנאָרך מיט די נאָז־לעכער. דעם הונטס קאַלויטשען מיט דער צונג האָט דעם קאַצעטניק אין עפּעס דערמאָנט.

ער דערהערט איצט אויפסניי דעם געשורזשע פון אַ וואַסער־פּאָס, וואָס שטראָמט גלייכליניִעדיק אַרויס פון אַן אויסגעקרומטן פעלדז. אויפן סקעלעטן־קאָפּ פונעם פעלדז־שטיין הענגט אַ דייטשע אויפשריפט: „גע־ניסן פון דעם קוואַל־וואַסער איז פאַר יידן שטרענג פאַרבאָטן”. דער טאָג איז אַ המימהדיקער. איבער הונדערט קאַצעטלער זיינען אין גלייכע שו־רות געווען אויסגעשטעלט אויף אַ וויסט פעלד, באַצוימט מיט אַ בערגיק בעריאָזקע־וועלדל און האָבן געגראָבן אָקאָפּעס. די דאָזיקע כלומרשטע „פעלד־באַסטיליע” איז געווען געדיכט באַלייגט מיט הויך־אויפגעטורעמטע זאַמדזועק. פון דער שכנותדיקער שטאָט ברעסלאַו, הויפּט־פּונקט פון שלע־זיע אויפן „אָדער”, האָבן זיך נאָכאַנאַנד דערטראָגן הילכיקע קראַכן, וואָס פון בלויזן ווידערקול זיינען אומגעפאַלן די אויפגעשטעלטע לאַפּאַטעס. דער קאָמאַנדע־פירער מיטן וואָלף־הונט ביי די פיס, איז געשטאַנען מיט אַ צעעפנטער מאַפּע אין די הענט און האָט זיך הויך געבייזערט אויפן געזעמל וואַכמייסטערס, וואָס האָבן אים געפּרוווט איבערשפּאַרן. דאָס וואָרט „קאַפּיטולאַציע” איז ווי אַ גאָלד־שטראַל אַריינגעפאַלן אין די שוצגריבער. די קאַצעטלער האָבן אַרויסגעהויבן די קעפּ און מיט אויסגעלופּעטע אויגן געקוקט אין הימל אַריין. טייל האָבן פאַר הונגער געקייעט גראָז און קוסטע־בלעטער. מיטאַמאָל האָט וואָר, ווי אַ הונט אויף אַלע פיר, געגומען צו־קריכן צום וואַסער־שפּרודל. איינינקע שאָסן האָבן באַלד אַ הילך און אַ פלאָם געטאָן. אַ גוף אין געשטרייפטע לאַגער־בגדים האָט זיך אַן אויגנ־בליק געטאָרעט ווי אַראָפּגעקייקלט פון אַ באַרג. באַלד איז ער געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך. אויף זיינע טויטע ליפּן האָבן נאָך געפינקלט עטלעכע פרישע וואַסער־טראָפּנס.

דער בלאָנקענדיקער הונט, וואָס האָט די שיסל וואַסער אויסגע־טרונקען ביז צום לעצטן טראָפּן, האָט זיך אין גראָז אָפּגעווישט די מאָרדע,

געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויפן פרעמדן באַלעבאָס, אַרויסגעלאָזט אַ ביל, אַ בראָניע געטאָן מיטן ווידל, און ווי פון וועמען נאָכגעיאָגט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין דער נאַכט אַריין.

דער קאַצעטניק איז צוריק אַריין אין דער וווינונג. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעבעט אויף דער פּאָדלאָגע און זיך געגרייט צו לייגן שלאָפן. אָבער די ליידיקייט און שטאָט־שטילקייט האָט אין זיין מוח איבערגעלאָזט אַ געוואַלדיקן גערויש. פאַר שרעק האָט ער אָנגעצונדן אַלע זשיראַנדאָל־לאָמפּן. ערשט איצט האָט ער אויפסניי דערהערט אַ געזשום, וואָס האָט זיינע שוואַכע נערוון שטאַרק אויפגערייצט. ביים זשיראַנדאָל האָט זיך געקרייזט אַ גרויסע, שוואַרצע פליג, וואָס האָט אומאויפהערלעך געזומ־זעט און געריפּעט. ער האָט ווילד אַ שפּאַן געטאָן, פאַרלאָשן דאָס ליכט און זיך צוגעשטעלט צום פענצטער.

דאָס אומענדלעך־גרויסע, מאַיעסטעטישע נאַכט־בילד, דער טיף־בלויער הימל־ים געדיכט באַזעצט מיט שטערן, האָט אים מיט דער אומ־שטערבלעכער שיינקייט אַ שלאָג געטאָן איבערן מוח. אַ שווייגעניש, אַ שטומקייט. אָבער די נאַכט־קאָלירן האָבן קלאַנגען, וואָס וויברירן אין יעדן ציטער פון אַ בלאָט אויפן בוים, אין יעדן פלאַטער פון אַ גרעזל.

און שטייענדיק אַזוי פאַרגאַפט פון גאָטס מעכטיקער שיינקייט און קלאַנגפאַרביקייט, האָט זיך פון דעם קאַצעטניקס האַרץ אַרויסגעריסן אַ פראַגע:

— גאָט אַלמעכטיקער, פאַר וועמען איז דיין שיינקייט? פאַר דער קרוין פון דיין באַשאַף, פאַרן מענטש וואָס איז אָקאָרשט געברענט און געבראָטן געוואָרן, אַז מיט די אַש קאָן מען פאַרשיטן דיינע תהומות. וואָס איז דער זין אָדער אומזין פון שאַפן און חרוב מאַכן?

פלוצלינג האָט דער אַליינזאַמער דערהערט גייענדיקע טריט. ער האָט געפילט ווי אַ סקרוך גייט אים אַדורך איבערן לייב. ער איז האַס־טיק אַוועקגעשפּרונגען פון פענצטער אָבער עפּעס אַ געהיימער כוח האָט אים צוריקגעצויגן.

— מאיר, מאיר ברודער! ווו ביסטו? רוף זיך אָפּ! — האָט ער דערהערט אַ קול.

דעם קאַצעטניק האָט זיך אַלץ־נאָך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַן אויסדאַכטעניש. באַלד אָבער האָט זיך פון דער אַרומיקער טונקלקייט אויסגעטיילט אַ גייענדיק געשטאַלט. ער האָט דעם אָנקומענדיקן מענטשן דערזען פון אונטן־אַרויף: אַ פאַר שטיוול מיט אַרויסגעשאַרצטע אויערן;

העלע רייטער־הויזן, אַ ברוינע ספּאָרט־בלוזקע, אַ גרינעם קאַסקעט איבער אַ דאַר־קנאָכיק פּנים מיט אַ פּאָר קאַסאָקע אויגן, אַ ברויטזאַק אויפן רעכטן אַקסל.

— מאָטל! האָט מאיר ברוידע אויסגעשריגן און איז אַקעגנגע־לאָפן זיין חבר.

דערפרייטע זיינען זיי אַריין אין דער וווינונג. מאָטל האָט אַנידער־געוואָרפן דעם ברויטזאַק. אַ בלעכן טעפּעלע און אַ לעפל, דאָס נעכטיקע „קאַצעט־געפעס", האָט אַ קלונג געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע.

— וואָס ביזטו עפּעס פלוצטהאַלבן אַוועק פון רייכענבאַך און אַריין מיטן דישל אין אַ ליידיקער שטאָט? — האָט מאָטל געפרעגט און זיך שווער־מידלעך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל — כ'האָב דיך אַרומגעזוכט ווו די וועלט אַן עק האָט. ווייסט דאָך, מאיר, אַז איך האָב זיך צו דיר צוגעוווינט ווי אַ הונט צו אַ באַלעבאָס. כאַפּסטו דיך אויף און לויפסט אָן מאָטלען. אַ גליק וואָס פעדערמאַן האָט דיך געזען צוגיין צום שאָסיי, וואָס פירט דאָ אַהער. ווילסט פאַקטיש פון מיר אַנטלויפן? געלעגן צוזאַמען אויף שמיעטניקעס אַזוי פיל יאָרן. גאַנצע נעכט האָב איך אויף דיר געקוקט צו דו לעבסט נאָך. צי דו ביסט שוין געשטאָרבן. אין דער פינצטער אפילו האָבן מיינע בלאָנעס דיך דערזען. און אַציינד, אַז מ'איז שוין, גע־לויבט צו גאָט פריי, קאָנסטו מיך מער נישט פאַרטראָגן. בוינע שעלוילעם.

— האָקסט מיר שוין ווידער אין קאָפּ אַריין מיט דיין בוינע שעלוי־לעם — האָט זיך מאיר ברוידע געבייזערט — האָסט דיר נאָך אַלץ נישט אויסגעלערנט זאָגן רבונו של עולם?

— דרייסיק יאָר, מאירקע קרוין, זאָג איך שוין בוינע שעלוילעם און גאָט האָט מיך דערהערט, זאָל איך אַציינד גיין זאָגן עפּעס אַנדערש?

מאָטל האָט זיך מיט שרעק איינגעקוקט ווי זיין חבר מאיר שפּאַנט ווילד אַרום איבערן צימער. אָט האָט ער זיך מיט דער נאָז אָנגעשלאָגן אין דער וואַנט; אָט רייבט ער זיך מיטביידע הענט איבערן פּנים. אויף אַן אויגנבליק זעצט ער זיך אַראָפּ, אָבער ער כאַפּט זיך גלייך אויף און נעמט ווידער שטעלן משוגענע פּוסטריט.

— ניין, מאָטל, כ'קען דיר מיין אומרו נישט אויסטייטשן. עס יאָגט מיך ערגעץ־ווו. ווען כ'וואָלט געקאָנט וואָלט איך אפילו פון מיר גופא אַנטלאָפן. כ'קען זיך גאַרנישט פאַרטראָגן ווי אַ באַפרייטער. פאַריאָגט פון רייכענבאַך האָבן מיך די צופרידענע פּנימער פון אַנדערע באַפרייטע. זיי דאַכט זיך, אַז דערמיט וואָס זיי זיינען לעבן געבליבן, איז אונדזער חשבון מיט דער צלם־וועלט אויסגעגלייכט געוואָרן.

— כ׳ווייס נישט וואָס דו ווילסט האָבן פון די סוכּאָטניקעס — האָט מאָטל מיט אַ מבולבלדיקן בליק אָנגעקוקט זיין חבר — ווען איך האָב יעדן שבת נאָכמיטאָג אויסגעטאָן מיינע בולאָנעס דעם געשפּאָן און באַפרייטע זיי אַרויסגעפירט אויף דער גראָז־לאָנקע, האָבן זיי זיך דאָך אויך געפרייט, געהירזשעט און געטאַנצט אויף די אונטערשטע פיס ווי צירקאָווע פערד. וואָלסטו געוואָלט, אַז נאָך אַזאַ שטיק מאָרדעוואַניע, ערגער ווי דער טויט, זאָלן זיך אונדזערע מענטשן נישט פרייען?

אַ פאַרשטומטער האָט זיך מאיר ברוידע אַראָפּגעזעצט. ער האָט מאָטלען אָנגעקוקט מיט אַ ווייכן בליק, גלייך ווי ער וואָלט פאַר זיך דערזען אַ געטרייע שטוב־חיה, וואָס פאַרלאַנגט נישט מער ווי אַ ביין.

— מאיר, האָסט כאָטשיק אָפּגענומען דאָס שטיקל לחם אויף דער ברויט־קאַרטע?

— אָפּגענומען.

— האָסט דאָ גאָרנישט געפונען קיין עסנוואַרג?

— ניין.

— אפשר זאָל מען אַריין אין אַן אַנדערער ווויבונג? מ׳קאָן אַמאָל דאָרט געפינען אַ צוויי קאַרטאָשקעס, אָדער אַביסל האָבער־גריץ.

— איך האָב מער נישט קיין כּוח צו גיין זוכן.

— איך וואָלט אַליין געגאַנגען — האָט זיך מאָטל אויפגעכאַפּט — האָב איך אָבער מורא, אַז דו וועסט דערווייל פון מיר אַנטלויפן. כאָטשיק איך בין דאָך נישט מער ווי אַ שמאַראָוואָזניק, אַ טשודאַק, דאָך פיל איך, אַז דו קוקסט אויף מיר מיט אַ קאַלטן בליק. דו דערמאָנסט מיך אין אַ באַלעבאָס וואָס האָט זיך געקויפט אַ נייעם הונט.

מאיר ברוידע האָט אויפגעציטערט.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, מאָטל. דיין מענטשלעכקייט וואַקסט מיך מיט טויזנט קעפּ אַריבער. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב איצט קיינעמען נישט ליב, אפילו זיך גופא אויך נישט. דער הונגער פּייניקט מיך; פונדעסטוועגן בין איך איצט צו אַלעם גלייכגילטיקער ווי אין קאַצעט.

— טאָ לאָמיר זיך לייגן שלאָפן, מאָרגן וועט מען צוריקגיין. מ׳וועט דאָך נישט בלייבן אין אַ לײדיקער שטאָט.

— דער אויסדרוק אַ „לײדיקע שטאָט" גיט מיר אַ שלאָג איבערן מוח. ווער ווייסט וויפל לײדיקע שטעט מיר וועלן איצט טרעפן אויף דער

פוילישער ערד. דו פאַרשטייסט דאָך, מאָטל, אַז אויב מען זאָגט „ליידיק״, מיינט מען שטעט אָ ן יידן.

— צו פאַרשטיין אַזאַ בראָך האָב איך גענוג שכל — האָט זיך מאָטל אַ ווייל געקראַצט דעם גאָלן שאַרבן, אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די מלבושים און זיך אַנידערגעוואָרפן אויף אַ קאַנאַפּע.

ברוידע האָט פאַרלאָשן די זשיראַנדאָל-באַלייכטונג און זיך אַוועקגעלייגט אַן איינגעקנוילטער אויף זיין אויסגעבעט פאָדלאָגע-געלעגער. די מעבל-שטיקער זיינען ראַפּטאָוונע ווי אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערן הינטערגרונט. אפילו די צוויי שאָטנס האָבן זיך פאַרלוירן אינעם אַרומיקן חשכות. פון די אויסגעלאָשענע גאַסן מיט די בלינדע גאַז-לאָמפּן האָט אַריינגעדרונגען אַ גאַנץ טונקעלע נאַכט-בלויקייט. דער קאָמין-שפּיגל איז אין צימער געווען דער איינציקער העלער פלעק, אָבער ער האָט אין זיך אַריינגענומען דעם שאָטן פון אַ שוואַרץ-ברוינער שאַנק, וואָס האָט אין ברוידעס אויגן אויסגעזען ווי אַ פאַרמאַכטער טויטן-קאַסטן.

— איך טראַכט אַריין — האָט ברוידע געזאָגט — אַז אונדזער חורבן האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. ס'וועלן אונטערקומען נאָכווייעניש, אַמאָל אינעם גוף, אַמאָל אין דער נשמה. מיר וועלן מסתמא דאַרפן שטיין פאַר כערייי און אַ ליפּן-געפּראַסקע.

איבערן צימער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שווער סאָפּען, אַ געשנאַרכערייי און אַ ליפּן-געפּראַסקע.

ברוידע האָט זיך מיט אַ נערוועזן צאַפּל אויפגעכאַפּט. ער איז אַ היפּשע ווייל געבליבן זיצן מיט די הענט אויף די אויערן. ער האָט פונדעסטוועגן דערהערט מאָטלס פייפן מיט דער נאָז. באַלד האָט ער זיך ווידער בייזלעך אַנידערגעוואָרפן. זיין קאָפּ האָט אַ פּויק געטאָן אויף דער פּאָלדאָגע. ער האָט זיך גענומען וויקלען אין די קאָלדרעס, איבערלייגן זיך נאָכאַנאַנד פון רעכטס אויף לינקס, פון לינקס אויף רעכטס און נאָכן אָפּמאַטערן זיך איבער אַ שעה, איז ער לסוף איינגעשלאָפן.

ער האָט אין שלאָף דערזען ווי אַ שוואַרץ-בראַנדיקער הימל איז ביז צום האָריזאָנט באַלייגט מיט יידישע געשטאַלטן פון מענער, פרויען און קינדער. דאָס מאַסן-בילד קוקט אויף אים מיט מיליאָנען אויפגעריסענע אויגן, אָפענע מיילער און אויסגעשפּרייטע הענט. אַ הימל פול מיט אימת-המוות-פּנימער. ער הערט אַ קול:

— די פּנימער וועלן אַזוי ביז אייביק בלייבן שוועבן אין הימל. איר וועט שוין מער קיינמאָל נישט זען קיין אַנדער בילד.

בעת ברוידע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי, האָבן זיך שוין אין דערליידיקער שטאָט געקרייזט די ערשטע ליכטיגנגען פונעם אויפגייענדיקן טאָג. ער האָט געשטעלט אַ טראָט און זיך ווילד אַרומגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט אָקאָרשט געקומען פון אַן אַנדערער וועלט. ער האָט געגומען וועקן זיין חבר:

— שטיי אויף, מאָטל. לאָמיר זיך אַרומוואַשן און פאַרלאָזן די ליידיקע שטאָט.

— ביסט געשלאָפן, מאיר?

— קאָשמאַרן, מאָטל, קאָשמאַרן — — —

— וואָס איז דאָס, מאיר?

— גרויל־בילדער אין חלום. ווען מיר פאַרמאַכן די אויגן, לעבט דער קאַצעט ווידער פאַר אונדז אויף.

— איך ווייס נישט. איך בין געשלאָפן ווי אויף היי אין אַ סטאַדאָלע.

— זאָל דיר ווויל באַקומען — האָט ברוידע אַ זיפץ געטאָן.

אין אַ קורצער ווייל אַרום האָבן שוין די צוויי אויסגעוואָרצלטע געשפּאַנט איבער די שטאָטישע גאַסן. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גאָטישן קלויסטערל, האָט זיך ברוידע אָפּגעשטעלט.

— וואָס ביסטו דאָ ביי דער תיפלע געבליבן שטיין? — האָט מאָטל געפרעגט.

— כ׳ווייס? ס׳ציט מיך עפּעס אַריין.

זיי זיינען מיט לאַנגזאַמע טריט אַריין אין קלויסטערל. אַ שווערע טונקלקייט, קוים־קוים באַגאָסן מיטן בלאַסלעכן אָפּשיין פון די פאַרביקע וויטראַזשן, האָט די צוויי קאַצעטניקעס אַרומגענומען. דער אָפּהילך פון טריט האָט דאָ אין דער דאָזיקער באַטויבענדיקער שטילקייט אויף זיי גע־ווירקט, אַקוראַט ווי עפּעס אַ שטים וואָלט זיך אַרומגעטראָגן אינעם חלל. מאָטל האָט אָנגעצונדן זיין טאַשן־לעמפּל. זיי האָבן מיט צוריקגעהאַלטענע טריט געשפּאַנט צווישן צוויי שורות טונקל־ברוינע שטולן. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום אַלטאַר, האָבן ביידע אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיק געשריי, גלייך ווי זיי וואָלטן אומגעריכטערהייט באַקומען אַ שווערן זעץ איבערן קאָפּ.

אויפן האַלדז פון דער גרויסער יעזוס־סטאַטוע האָט אויף אַ ברייטן זעלנערישן פּאַסעק געהאָנגען אַ דרייסיק־יעריקער יונג. זיינע אויגן זיינען

ממש געלעגן אויף דער אויבערפלאַך פון פּנים. די צונג האָט פונעם אָפּעפ־נעם מויל אַרויסגעהאָנגען ווי אַ שטיק מילץ.

ברוידע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין מאָטלס אַקסל.

— דו ווייסט ווער דאָס איז? — האָט מאָטל געזאָגט מיט אַן אָפּגע־האַקטן אָטעם — דער „קאַפּאָ" קלמן ראַפּאַלאָוויטש. אין רייכענבאַך זוכט מען אים אַרום און ער הענגט דאָ.

ברוידע האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ גענומען צוריקשפּאַנען. מאָטל איז אים נאָכגעגאַנגען, אָבער ער האָט זיך נאָך אייניקע מאָל אומגעקוקט צום געהאָנגענעם.

ווען זיי זײַנען אַרויס אויפן שאָסיי, האָט מאָטל האַסטיק אַ פרעג געטאָן:

— כ׳בעט דיך, מאיר, פאַרוואָס האָט ער זיך עפּעס אויפגעהאָנגען גראָד אויפן יוזל?

— ס׳איז שווער צו ענטפערן, מאָטל. לאָז מיך קודם צו מיר קומען. דער שוידער...

— ער האָט זיך מסתמא מיט זײַן פּרימיטיוון שכל דערטראַכט, אַז אַלע גזירות אויף יידן, במשך פון יאָרהונדערטער, האָבן שטעקן זייער וואָרצל אין דער יעזוס־לעגענדע...

דאָס קעלבל

— געשען איז דאָס דעם לעצטן ווינטער פּאַר דער באַפרייאונג — האָט מיין פריינד אַנגעהויבן דערציילן — די דייטשע אַרמייען זיינען שוין געווען כמעט באַקעמפט. מ׳האָט זיך שוין געשלאָגן אויפן דייטשן באָדן.

בעת מ׳האָט אונדז אין יענעם פרימאָרגן אויפגעוועקט פון שלאָף, האָבן מיר דערהערט ווי דער טורעם־זייגער פונעם שכנותדיקן, גאָטישן קירכעלע, שלאָגט שוין אויס אַכט לאַנגע צעצויגענע קלאַנגען, אַנשטאָט פינף, צו וועלכע מיר האָבן זיך שוין במשך פון יאָרן געהאָט צוגעוווינט. ס׳איז צווישן אונדז אויסגעבראָכן אַ מהומה. ס׳איז געוואָרן אַ מוראדיק געלויף, אַקוראַט ווי אַלץ אַרום וואָלט פּלוצלונג גענומען ברענען ביי פאַר־מאַכטע טירן־פענצטער... פאַרצווייפלטע קולות האָבן מיט אַמאָל גענומען עגבערן די לופט... טייל האָבן זיך ווי שווייגנדיקע משוגעים געדרייט אַרויף און אַראָפּ, אַהין און אַהער, געלאָפן אַרויס און אַריין... אַנדערע זיינען געבליבן שטיין ביי די פענצטער, און קוקנדיק דעם טאָג אין פּנים אַריין, האָבן זיי שטומערהייט געפרעגט:

— קען דען נאָך עפּעס ערגערס געשען?...

באַלד האָט מען אונדז אַרויסגעיאָגט אויפן טיף־פאַרשנייטן אַפּעל־פּלאַץ. דאָ האָבן מיר זיך ערשט דערוווסט, אַז מיר טוישן דעם לאַגער; מען דערווייטערט אונדז פון די באַפרייער אונדזערע, ס׳דערוואַרט אונדז אַ דריי־טאָגיקער מאַרשרוט צופוס.

דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט הויך אויפן קול אָפּגעשאַצט, אַז אַהינברענגען אין יענעם לאַגער אַריין וועט מען קוים אַ העלפט. יעדער האָט זיך שוין באַצייטנס געזען צווישן די אָוועקגעפאַלענע אין מיטן וועג. אַ פריש־דערוואַכטע שרעק האָט פון אַלע משונהדיקע פּנימער אויסגעגאָסן אַן איינאיינציקע טויטן־מאַסקע.

צווישן די פרויען האָט מען נאָך געקאָנט באַמערקן אַ קאָפּ אָוועק־

פאַלן אויף אַן אַקסל און זיך צעווייינען, אָבער די מענער האָבן מיט פּאַר־שטיינערטן גלייכגעוויכט זיך צוגעקוקט ווי מען טרייבט, ווי מען יאָגט, ווי מען טראָגט אַרויס פונעם „קראַנקן־רעוויר" די פאַרוווּנדעטע, געשוואָלענע, לאָמע און האַלב־טויטע אויף די פעלד־בעטלעך...

צום סאַמע סוף האָט מען אַרויסגעפירט די בלינד־געוואָרענע, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט אָפענע אויגן און נישט דערזען זייער אייגן גרויל־בילד...

פון צייט צו צייט האָט אַ שטיק פייער ווי פון אַן אַרויסגעשאָסענער ראַקעטע, אויף אַ רגע געשטרייפט, אויף אַן אויגנבליק געקעסטלט, דעם אַש־גרויען הימל. אַ שאָס ווי אַ דונער־קראַך האָט פון מינוט־צו־מינוט אַהערגעהילכט פון דער ווייטער־ווייט און אומגעטרייסלט די קאַצעטלער, וואָס זיינען שוין קוים־קוים געשטאַנען אויף די פיס. ביים איבערציילן האָט זיך יעדער געפילט איבעריק...

פונדעסטוועגן, בעת מיר האָבן דערזען ווי די תליה האָט פלוצלונג אָנגעהויבן ברענען, אַרויסלאָזנדיק שוואַרצע רויך־פּאַסמעס, און איינציק־ווייז זיך אַראָפּזעצן ממש ווי אַן איינגעבראָכענע קני, וואָס בעת מחילה פּאַר אָפּגעטוענע חטאים, האָט אין אונדז ווידער דערוואַכט אַ נייער ווילן צום לעבן! מיר זיינען געבליבן שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן צו דער ברענענדיקער תליה, געפילט ממש ווי אונדזער טויט־אורטייל ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַש. אין מוח איז אַדורך אַ געדאַנק:

„דערנענטערט זיך טאַקע זייער סוף?"...

אין צוויי שעה אַרום איז געפאַלן אַ באַפעל:

— דאָס גאַנצע אָפּמאַרשירן!

איך האָב ביי זיך באַשלאָסן צו אַנטלויפן. איך האָב זיך ערשט איצט דערטראַכט, אַז גייענדיק אין דער ריי, האָב איך זיך געוויס באַוויזן ווי צוויי טאָצן פון אַ וואָגשאָל, אַראָפּ־אַרויף. מיין גאַנץ וועזן איז אין יענער רגע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויג... ביים ראַנד פון וואַלד האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן. אַ גרוב אָנגעפילט מיט שניי האָט מיך מיט אייז־קאַלטע הענט אַרומגענומען...

בין איך אַריין אין וואַלד, צוגעפאַלן צו אַ בוים און אַקוראַט ווי כ'וואָלט אַרומגענומען אַ פרייען מענטשן, האָב איך אַ געשריי געטאָן:

— ראַטעווע מיך, צו דיר האָב איך צוטרוי!

ביים אַרומנעמען דעם בוים, דערמאָן איך זיך, האָב איך מיר צע-

בלוטיקט די הענט... דאָס פריש־טריפנדיקע בלוט האָט אויפגעטייעט מיינע איינגעבויגענע פינגער, מיר איז אַ שאָד געווען מיינע דערוואָרעמטע הענט אָפּצוּוואָשן מיט שניי. איך האָב געשפּאַנט פון בוים צו בוים, איינ־געהערט זיך אין דער ווייטקייט. וואָס כ׳האָב דעמאָלט געפילט בעת כ׳האָב שטומערהייט גערעדט צו די ביימער, דאָס וועל איך שוין קיינמאָל נישט קאָנען אַרויסברענגען. כ׳ווייס נישט צי דער מענטש קאָן זיך נאָכאַמאָל אַריינלעבן אין אַן איבערגעלעבטער רגע. ס׳איז מיר אויך אוממעגלעך צו געדענקען ווי לאַנג כ׳האָב אַזוי אַרומגעבלאָנקעט אין וואַלד. די צייט ווערט אין אַזאַ מאָמענט געגנצלעך צעשוווּמען אין רוים! אַ רגע — אַן אייביקייט.

מיטאַמאָל דערהער איך עפּעס ווי באַקאַנטע קולות דערטראָגן זיך פונעם שאָסיי. די האַלץ־זוילן, וואָס ווערן געשלעפּט פון האַלב־טויטע פיס, נעמען לעכערן מיין שאַרבן... זייער אָפּקלאַנג איז מיר באַקאַנט. ס׳איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז אונדזער מחנה שפּאַנט צוריק. האָב איך געזאָלט וויינען אָדער גאָר לאַכן?... כ׳האָב זיך עפּעס, געדענק איך, אַ ריס געטאָן, גלייך ווי כ׳וואָלט זיי געוואָלט אַקעגנגיין און זיך צוריק אָנשליסן אין דער מחנה. כ׳האָב זיך אָבער אַראָפּגעגליטשט צו אַ שטאַם פון אַ בוים, אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט, ווי כ׳וואָלט זיך געזעגנט. דערנאָך — אויפגעכאַפּט זיך און ווילד גענומען שפּאַנען אויפן פאַרהאַרטעוועטן שניי, וואָס האָט געפּישטשעט מיטן ווידערקול פון מיין דערשטיקטן אויסגעשריי.

„מסתמא באַקומען אַ קאַנטער־אַפּעל צוריקצוגיין...״

נאָכמיטאָג האָב איך אין וואַלד פּלוצלונג דערהערט אַ געבילערײ. זיי האָבן מיך אַזוי לאַנג געזוכט ביז זייערע הינט האָבן מיך דערשנאַפּט. אַוועקגעפירט אין לאַגער און אַן אויספּרעגעניש — מיך פאַרמשפּט צום טויט... היות ווי די תליה איז שוין געווען פאַרוואַנדלט אין אַ באַרג אַש, האָבן זיי קורץ און שאַרף באַפוילן:

— זעקס אָוונט דערשיסן אין וואַלד!

— נעם דיין לעצטע ראַציע ברויט!... — האָט דער וואַכמייסטער צו מיר געזאָגט בעתן אַרויספירן מיך פון לאַגער־טויער — באַפעל איז באַפעל...

און מער האָט ער צו מיר איבערן וועג נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט... אַ פראַגע האָט געעגבערט מיין מוח:

— וועלכער כוח טרייבט מיך אים נאָכצוגיין?... כ׳קאָן זיך דאָך אַוועקלייגן אינמיטן וועג... סיי־ווי.

ווייזט אויס, אַז ביים גאַנצן פאַרשן די מענטשישע נאַטור, בלייבט תמיד איבער אַן „עפּעס״, וואָס וועט שוין אייביק בלייבן אומדערקלערבאַר.

גייענדיק אַזוי פאַרויס פאַרן וואַכמייסטער, האָב איך זיך אַרומגע־קוקט, גלייך ווי כ׳וואָלט עפּעס דערוואַרט פון דער טויט־שווייגנדיקער, אין ווייסקייט־איינגעהילטער אַרומיקייט. כ׳האָב פאַרריסן מיין קאָפּ צום הימל. ס׳האָט מיך אפּנים באַהערשט אַ פאַרלאַנג מיטצונעמען אין טויט אַריין דעם לעצטן טראָפּן שיינקייט פון אַ ווינטערדיק נאַטור־בילד... אויסגעוויזן האָט זיך מיר אַז הימל און ערד זיינען האַרמאָניש צונויפגעגאָסן אין איינקאָלירקייט. די אומענדלעך־ווייטע פעלדער, באַדעקט מיט דיקע שניי־שיכטן, דער באַזילבערטער וואַלד, די הייזקעלעך מיט די ווייסע קופּקעס אויף די קעפּ — אַלץ האָט זיך אין מיינע אויגן באַהאַפטן מיט די העלע, ווי פון אייז־געהאַפטענע, קאַלטע הימל־פעלדער. ס׳איז געווען שטיל און עפּעס אַ סוד האָט געשוועבט אין דער לופט. אַ קראָ האָט גע־קרייצט מיין וועג, האַלטנדיק אַ ווייל אירע שוואַרצע פליגל איבער מיין קאָפּ... די זון — געשפּאָלטן אין צווייען, דער אויבערשטער האַלב־רונדי־קער קנויל — בלוטיק־רויט; דער אונטערשטער — מאַט און בלאַס, כמעט ווי פאַרשלונגען אין געקאַרבטע וואָלקנס. אַ רויטלעכער אָפּשיין האָט דאָ געשפּרענקלט און דאָרט געשטרייפט דעם מערב־ראַנד. כ׳האָב געהערט ווי ס׳וויינט ווער אַרויס פון דער שטילקייט.

ס׳האָט מיר געגומען זשומען אין מוח. דער וואַלד האָט זיך דער־נענטערט. איך האָב געגומען שפּאַנען שווערער און לאַנגזאַמער. אין די געציילטע מינוטן ביז צום וואַלד, דאַרף איך אויסלעבן מיין גאַנץ לעבן!...

מיטאַמאָל האָב איך דערזען ווי דער הימל איז אַראָפּ אויף דר׳ערד און איך שוועב אַרום אין די וואָלקנס. דער באָדן אונטער מיינע פיס האָט זיך אַרויפגעריסן צום הימל. דער וואַלד און די פויערישע הייזקעס שוועבן אין דער הויך, האָבן אונטן בלויז זייער שאָטן!

די עלטערע פרוי וואָס איז דאָ פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך אַ רגע געזען זיך קאָלערן אויף דער ערד ווי אַ קורצער שטאָם פון אַ בוים... באַלד האָט זיך די פרוי צוריק אויפגעשטעלט, זי האָט אונדז נאָכגעקוקט, אין אירע גוטמוטיקע אויגן האָב איך דערזען די שרעק פאַר מיין טויט. כ׳האָב איר געוואָלט זאָגן „אַדיע!״, אָבער מיין שטים האָט זיך פאַרקלעמט.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַן אויסטערליש מעקען פון אַ קו, וואָס האָט עפּעס אַזוי מאַרודנע־רירנדיק אַריינגעמרוטשעט אין די איינ־זאַם-פאַרלאָזטע פעלדער.

פאַר אַ כאַטע איז געשטאַנען אַן אַלטער פויער מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט. לעבן אים — אַ פויערטע און אַ יונג מיידל. זיי האָבן מיט אויסגעשפרייטע הענט געבעטן:

— ראַטעוועט! אונדזער קי קאַלבט זיך... די יונגע מענער אויף די פראָנטן! דערבאַרעמט אייך, העלפט אונדז אַרויסשלעפן דאָס קעלבל!

דער וואַכמייסטער האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בליק. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעקוקט, און באַלד האָט ער מיט דער קאַלבע מיך אַריינגעשטויסן אין הייפל. אַ הונט מיט אַ קייט אויפן האַלדז איז אונדז ווילד אַקעגנגעשפרונגען, געבראַניעט מיטן וויידל, אַרויסגעלאָזט אַ ביל און זיך אײַנגעשטילט.

מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ שטאַל. אַ שאַרפער ריח פון בהמישער אָפּפאַל האָט אַ זעץ געטאָן אין דער נאָז אַריין. די לאַמטערנע האָט געוואָרפן העלע פלעקן אויף אַ שוואַרץ־ווייסער קו, וואָס איז געלעגן אויסגעבעט אויף פאַרבלוטיקט שטרוי און געפּרייכט, געמעקעט, אויפ־געהויבן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַן אָפּהילך... איבער אַ הילצער־נער שטאַנג האָבן צוויי אַנדערע קי אַריבערגעשטעקט די קעפּ און אַרומ־געלעקט די ליגנדיקע בהמה, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן מיטגעפילט זייער שוועסטערס ווייען.

כ׳האָב אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן. דער ציטער פאַרן טויט איז גראָד פון מיר אַרויס אין דער מינוט בעת כ׳האָב דערזען אַן אַנדער באַשעפעניש זיך רייסן צום לעבן. דאָס קעלבל — האַלבלעך באַהאַפּטן מיט אונדזער וועלט; איך — האַלבלעך פאַרשטעקט אין טויט...

דער וואַכמייסטער האָט גיך־גיך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם שי־נעל און מונדיר, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר׳ערד. ער האָט מיט זיינע קניען צוגעדריקט זיין ביקס און מיט כוח גענומען אַרוסציען דאָס קעלבל, רעדנדיק עפּעס צו דער קו, וואָס האָט אויף אים געקוקט מיט גרויסע רחמנות־בעטנדיקע אויגן.

אין דער רגע בין איך אויף אַלע פיר אַרויסגעקראָכן פונעם טונ־קעלן שטאַל. דעם וואַכמייסטערס שינעל האָט זיך מיר נאָכגעשלעפּט. כ׳האָב דעם שינעל אַרויפגעוואָרפן אויפן הינטס צעעפנט מויל. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט און גענומען לויפן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז לויפנדיק הויב איך זיך אויף און פלי אַריין אינעם קאָסמישן לאַנדשאַפט, אויף וועלכן ס׳איז שוין געלעגן אויסגעגאָסן אַ טונקעלער, האַלב־נאַכטישער טאָן. ערגעץ־ווייט האָבן זיך שוין געוויזן בלישטשיקלעך אין פענצטער

פון פויערישע כאַטעס. אַ קאַלטער ווינט האָט געגומען פייפן, הודזשען, באַוועגן דאָס פאַסטאָראַלע וועלט־בילד. כ׳האָב איצט נאָך שטאַרקער ווי פריער געהערט מעקען די קו... ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז פאַר שרעק — אָנשטאָט צו לויפן ווייטער, לויף איך גאָר צוריק... און אָט באַלד וועל׳ך דערזען דאָס אַנטוישטע פּנים פון וואַכמייסטער, וואָס האָט ביים אַרויסציען אַ לעבן, פאַרלוירן מיין טויט.

ווער האָט באַזיגט?

ס'איז געווען סוף חודש אויגוסט.

איך בין געזעסן אויף אַ באַנק, האַרטביים איינגאַנג פון מיין פּענסיאָ־נאַט, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם שטילינקן, פּיטאָרעסקן שטעטעלע, סט. זשערוועי. די גרויסע שוואַרצע וויינטרויבן וואָס האָבן זיך ווי אַ שאַטקע געשלענגלט איבער די ווייס־רויטע פּענסיאָנאַט־ווענט, האָבן איבער מיין קאָפּ געציטערט ווי גלעקלעך, וואָס שיקן אַרויס — אָנשטאָט קלאַנגען — שאַרפע, פאַרשיכורנדיקע וויין־ריחות.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין די מעכטיקע אַלפּן־בערג, וואָס האָבן זיך אין דער נאַכטישער בלוי־שוואַרצער סאַמעטענער טונקלקייט, צו־זאַמענגעגאָסן ווי אַן אומענדלעכע רונדיקע גאַס פון אַלפּאַרמיקע וואָלקן־קראַצערס אָן פענצטער. אויף די טיף־געקאַרבטע פּליושענע קעפּ פון די בערג, האָט זיך פון גאַנץ הויך און וויט געמערקט קליינינקע, מיניאַטור־אַרטיקע הייזקעלעך, דערמאָנט אין טויבנשלאַקן. די בלישטשיקלעך וואָס האָבן אַרויסגעשלאָגן פון די הייזקעלעך וואָס האָבן געווירקט פאַרן אויג, ווי פינקלדיקע פּערל אויף דער אויבערפלאַך פון אַ טונקל־גרינעם אומ־באַוועגלעכן ים, אויף וועמענס אינדזעלעך עס בילדן זיך סאָסנאָווע וועלד־לעך, וואָס דאָ שיפן זיך די ביימער אַראָפּ אין אַ תהום אַריין; און דאָרט שטייגן זיי אַלץ העכער, העכער, אַז די קרוינען־קעפּ באַרירן ממש דעם גלאַנץ פון די זילבערנע שטערן.

ס'האָט מיך באַהערשט אַ טיפע, נישט־איינשטילנדיקע בענקשאַפט... ס'האָט זיך דווקא געוואָלט וויסן וואָסערע מענטשן ס'וווינען דאָרט אין די הייזקעלעך, אויף די קעפּ פון אַזעלכע גיגאַנטישע סקאַלעס... מיין בליק האָט דורכאויס געוואָלט אַריינדרינגען אין דער מיסטעריע פון יע־נעם באַרג־לעבן... ס'האָט זיך מיר גערן געוואָלט וויסן, צי די בערג־איינוווינער, וואָס האָבן זיך אויף קאַרגע דריי טויזנט מעטער אויפגעהויבן

איבער אונדזערע קעפּ, זיינען גליקלעכער, הומאַניטאַרער ווי מיר דאָ אינדערנידער...

מיין באַנק האָט אַ קרעכץ געטאָן. עס האָט זיך אויף איר אָוועקגע־זעצט מיין פּענסיאָנאַט־שכן, אַ ברונעטער בחור פון אַ יאָר זעקס־ און־צוואַנציק. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין ברוין זאַמשן־בלוזקעלע אַ פּעקל טאַבאַק, אָנגעפּילט זיין ליולקע, פאַררויכערט, אַ שפּיי געטאָן און געפרעגט:

— איר גלויבט אין אַ חלום?

— אויב איך גלויב אין לעבן — האָב איך אים אָנגעקוקט — מוז איך דאָך גלויבן אין אַ חלום... וואָרום די איבערלעבענישן פון די פאַר־גאַנגענע מינוטן, זיינען דאָך שוין איצט ביי אונדז אַ חלום פון אַ געווע־זענער ווירקלעכקייט...

— כ׳בין אַ שוואַכער בקי אין פילאָזאָפיע. כ׳בין מער בקי אין תנ״ך און אין תלמוד, וואָס כ׳האָב אַמאָל געלערנט אין פּוילן, איידער כ׳בין געקומען קיין פּאַריז. אָבער אויב איר ווילט עפּעס הערן...

— איר ווייסט דאָך אַז איך הער מיט גרויס אינטערעס אייערע אויסטערלישע עפּיזאָדן פון דער פּאַרטיזאַנקע.

דער בחור האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן ביי זיין ליולקע, אַרויסגע־לאָזט אַ קרייזעלע רויך, און איינקוקנדיק זיך אין מיין פּנים, האָט ער געזאָגט:

— אַ חלום...

— כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען — האָב איך אים מיט נייגעריקייט געענטפערט.

— דאָס איז געשען אין די זומער־חדשים פון דריי־ און־ פער־ציקסטן יאָר — האָט דער בחור גענומען דערציילן:

— כ׳האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז אונדזער שטאַב האָט זיך געפונען אין אַ הייל, בשכנות מיט דער שווייצאַרישער גרענעץ. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָבן מיר דעמאָלט, אין עקס־לע־בען גופא, און אין דער אַרומיקער געגנט, אַדורכגעפירט אַ היפש ביסל געלונגענע אַקציעס... אויפן פערטן טאָג האָט אונדזער גרופּע באַקומען רו. אין אַ פרימאָרגן האָב איך זיך אָן אויסגעמאַטערטער אַוועקגעלייגט אויף אַ פעלד־בעטל און בין פאַרשטענדלעך גלייך איינגעשלאָפן. איצט מעגט איר הערן דעם חלום.

איך שטיי פאַר אַ גרינעם ריכטער־טיש, אַרומגערינגלט פון הויכע דייטשע אָפיצירן... איך האַלט זיך שטאָל און אייזן קיינעמען נישט אויס־צוגעבן... מ׳פירט מיך אַלע וויל אַריין אין אַ באַזונדערן צימער... מ׳פירט אויף מיין לייב אויס די סאַמע שוידערלעכסטע טאָרטורן... אָבער די נעמען פון מיינע חברים קומען נישט אַרויס אויף מיינע אויפגעשפּאָל־טענע ליפּן... איך ווער פאַרמשפּט צום טויט... מ׳פירט מיך אַרויס אויף אַ תפיסה־הויף מיט אַזעלכע הויכע מויערן ווי אָט־אָ די סקלאַדעס וואָס שטייען איצט פאַר די אויגן. ס׳טויער עפנט זיך... עס קומט אַריין אַן אָפיציר מיט זיין דערשיס־קאָמאַנדע... ס׳וויל מיר ווער פאַרבינדן די אויגן מיט אַ שוואַרץ טיכל... איך כאַפּ דאָס שוואַרצע טיכל אַרויס פונעם הענקערס האַנט און וויל מיר אַליין פאַרבינדן די אויגן...

פּלוצלונג צעוואָיעט זיך די סירענע... און די טויט־שרעק וואָס האָט אַ רגע פריער נאָר מיך אַליין באַהערשט, נעמט גלייך באַהערשן מיינע הענקער... באַלד ביים ערשטן קראַך פון אַ באָמבע, פאַלט אין תפיסה־הויף אַריין אַן אָפשיין פון אַ רויטן פלאַם, גלייך ווי דער שטן וואָלט זיי אַרויסגעשטעקט די צונג... מיין דערשיס־קאָמאַנדע צעלויפט זיך מיט באַנומענע קולות... איך גיב אַ שפּרונג ווי אַ ווילדע קאַץ... איך בין שוין אויף יענער זייט טויער... איך נעם לויפן מיטן שוואַרצן טיכל אין האַנט... די גאַסן זיינען אָפּגעליידיקט... איך פאַל צו צום טויער פון אַ קירכע און נעם מיט ביידע פויסטן פויקן... אַ נאָנע עפנט מיר לאַנגזאַם אַ טירל... די נאָנע גיט אַ ציטער און רוקט זיך אויף צוריק... כ׳פאַל צו איר צו און דערצייל איר מיין געשיכטע... זי נעמט דאָס שוואַרצע טיכל אַרויס פון מיין האַנט און ווישט לייכט אַרום מיין שטערן, באַגאָסן מיט גרויסע טראָפּנס שווייס... זי פירט מיך אַריין אין אַ שטיבל מיט באַצלמ׳טע ווענט... אַ געשטאַלט פון אַ גלח אין אַ שוואַרצער סוטאַנע, מיט אַ קאָפּ לאַנגע, זילבערנע האָר, אויפן האַרץ — אַ שווערן גאָלדענעם צלם, שניידט זיך אַריין אין מיינע אויגן... דעם גלח׳ס דורכדרינגענדיקער בליק, שטעלט זיך אָפּ אויף מיין צעפּליקט העמד, אויף מיין אַנטבלויזט האַרץ, אויף וועלכן עס הענגט אויף אַ דין גאָלדן קייטעלע, אַ קליינטשיק מזוזה׳לע...

נאָך אַ ווייל נעמט דער גלח אַראָפּ פון דער טאַבעלע אַ גרויסן שליסל און זאָגט צו מיר שטיל:

— קום, מיין זון!

ער שליסט אויף די קירכע און פירט מיך אַריין. מיר נעמען שפּאַ־נען אין דער גרויסער, הויכער מיסטעריעזער געביידע, וועמענס וויטראַזשן

לאָזן ערטערווייז איבער אין דער אַנטשוויגענער אומהיימלעכער טונקל־קייט, אַן אָפּשיין פון ברענענדיקע שייטערס... חגם דער גלח שפּאַנט טראָט ביי טראָט, שטיל־שטילער, דאַכט זיך מיר, אַז ער טראָגט ממש האַמערס אויף די פיס... זיינע טריט הילכן אָפּ אין מיין האַרצן...

„וווהין פירט ער מיך?...” — פרעג איך זיך במחשבה.

ער שפּאַנט ווייטער... איך גיי אים נאָך... מיר דערנענטערן זיך צום אַלטאַר... גרויסע ליכט ברענען אין אַנטיקוואַרישע מעשענע לייכ־טערס, וואָס שטייען אויף אַ לאַנגן פּאַררונדיקטן טיש, באַדעקט מיט אַ ווייס־געהאָפטן טישטעך. די ליכט וואַרפן אַן אָפּשיין אויף אַ גרויסע יעזוס־סטאַטוע... אַ פאַרקרומט מאַרטירער־פּנים און צוויי געקרייציקטע הענט גיבן מיר אַ שלאָג איבערן שאַרבן... מיין האַרץ קלאַפּט דאָ שטאַר־קער ווי ביי דער תפיסה־מויער...

דער גלח גייט אַרויף אויף די שטיגעלעך, איבערגעצויגן מיט די־וואַנען, נעמט אַראָפּ פון טיש אַ זילבערן „הענטל”, און אָנווייזנדיק פונ־דערווייטנס אויף יעזוסעס פּנים, הער איך ווי זיין שטים הילכט אַריין אין דער קירכע־הוילקייט:

— דו וועסט מיר פאַרענטפערן אַ פראַגע, מיין זון! די פראַגע מאַטערט מיך שוין אַזוי, זינט איך בין אַריין אין די גלחישע קליידער... דו ביסט גישט דער ערשטער ייד, וועמען איך שטעל די פראַגע... דו זעסט דאָ דאָס פּנים פון אונדזער הייליקן יעזוס־קריסט?

— יאָ, פאָטערל, איך זע... — האָבן מיינע ליפּן געפּליסטערט.

און אין דער רגע איז דער יעזוס־גוף, איינציקווייז, איינציקווייז, צערונען פאַר מיינע אויגן... איך האָב מער נישט געזען ווי די אויסדרוקן פון יסורים, וואָס דער סקולפּטאָר האָט אַזוי מייסטערהאַפט אויסגעגאָסן אויף דעם געקרייציקסטנס ליפּן...

— ענטפער, מיין זון! צי האָט אונדזער הייליקער יעזוס באַזיגט דעם טויט?... צי פאַרקערט... דער טויט האָט אים באַזיגט?...

איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרשטומטער... איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויפן גלח; אַ בליק אויף דער סטאַטוע...

— דו האָסט מורא, מיין זון?...

— ניין, פאָטערל! דער טויט האָט באַזיגט יעזוסן...

— באַ־זיגט?... — האָט זיך דער גלח אַ טרייסל געטאָן — פון וואַנען נעמסטו דאָס?...

— פּאַטערל! וועט זיך געפינען אַ מענטש אויף דער וועלט וואָס וועט וואַגן אָפּצולייקענען יעזוסעס לעצטע ווערטער, וואָס אַנטפּלעקן דעם אמת?

— וועלכע לעצטע ווערטער?

— אלי אלי למה עזבתני?!... דאָס זאָגט דאָך אַלץ, פּאַטערל! ער האָט זיך געשטעלט די פראַגע ווי יעדער פּשוטער בשר ודם שטעלט זיך ערב־גסיסה... דאַרף איך אייך דערמאָנען אַז ר׳ עקיבא, למשל, איז געווען אַ גרעסערער מאַרטירער ווי יעזוס? די רוימער האָבן זיין לייב געקעמט מיט גליענדיקע שטאָלענע קאַמען... נו, האָבן מיר פאַר אים אויפגעשטעלט טעמפּלען. אונדזער חנה איז געווען אַ גרעסערע מאַרטירערין ווי יעזוסעס מוטער... זי האָט מקריב געווען זיבן זין, נישט איינעם... נו, הייסט זי חלילה אין אונדזער תנ״ך — די „געטלעכע מוטער״?...

דער גלח איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, און מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן...

— אויב אַזוי... האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווייל שווייגן — קאָן איך דיך נישט באַהאַלטן... איך פיר דיך צוריק אַרויס דורכן טויער... וואָס וועט מיט דיר געשען?... איך בין נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דיין לעבן...

בין איך נאָכגעגאַנגען דעם גלח מיט אַ פּאָר אונטערגעבראָכענע קניען... אין מיין מוח האָבן אָפּגעהילכט שאָסן... מיין גאַנג צום קירכע־טויער, איז מיר איצט געווען טויזנט מאָל שווערער, ווי מיין גאַנג צו דער תפיסה־וואַנט...

צוקומענדיק צום טויער, האָט דער גלח אָנגערירט די קליאַמקע; ער האָט מיך לאַנג אָנגעקוקט און געזאָגט:

— איך וועל דיך... פונדעסטוועגן יאָ באַהאַלטן... פאַרוואָס? ווייל דו האָסט באַזיגט דעם טויט... איך זע דאָך אויף דיין האַרץ אַ קליין גאָלדן מזוזה׳לע... נו האָסטו דאָך ווי אַ ייד זיכער, פאַרשטאַנען, אַז אַ קריסט־לעכן גייסטלעכן וועט בעסער שמייכלען דער ענטפער, אַז יעזוס האָט באַזיגט דעם טויט... היות ווי דו האָסט דיין אמת געשטעלט העכער ווי דיין לעבן, טאָ קום מיט מיר.. — האָט דער גלח גענומען אַ ברענענדיק ליכט און מיך אַראָפּגעפירט אין אַ קעלער.

בעת ער האָט געעפנט די טיר, איז פון שטרויזאַק אויפגעשפּרונגען אַ צווייטער ייד, וועלכער האָט זיך פאַר שרעק אָנגעכאַפּט ביים האַרצן...

— נעם דיינע זאַכן און גיי דיר זוכן אַ צווייט באַהעלטעניש, מיין זון! — האָט דער גלח געזאָגט צו דעם איבערגעשראָקענעם יידן.

— פאַרוואָס, פּאַטערל?

— ווייל דו האָסט זיך באַנוצט מיט שקר, בכדי אָפּצוראַטעווען דיין לעבן... נעם זאָפאָרט דיינע זאַכן און גיי פון דאַנען! — האָט דער גלח זיך אַליין איינגעבויגן, צוזאַמענגעקליבן דעם ייד׳ס זאַכן און אים ממש אַרויסגעשטופּט... די טיר האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַן אָפּהילך...

ביי דעם אָפּהילך, בין איך אויפגעקומען פון שלאָף... איך קוק זיך אַרום און זע, אַז כ׳געפין זיך, נישט ביים גלח אין קעלער, נאָר אין אונדזער שטאָב... אָבער דעם חלום האָב איך בשום־אופן נישט גע־קענט פאַרגעסן...

איצט שטעלט איך פאָר, אַז דעם צווייטן זומער, זיינען מיר ביי אַן אַקציע כמעט געכצלעך אַדורכגעפאַלן. און דער גורל האָט געוואָלט, אַז דאָס מאָל זאָל איך זיך פּאַקטיש צייטווייליק באַהאַלטן ביי אַ גלח. אָנקוקנדיק דעם גלח, האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין חלום. און הגם דעם גלח איז, בעת אַ וויכוח מיט מיר, גאָרנישט איינגעפאַלן מיר צו שטעלן אַזאַ פראַגע, האָט זיך מיין צונג, מעשה־שטן, עפּעס גענומען פּלאָנטערן, ביז איך בין אַרויס אויף יעזוסעס טויט. ערשט דעמאָלט האָט מיר דער גלח געשטעלט די פראַגע. אָבער איך וועל זיך קיינמאָל נישט מוחל־זיין, וואָס כ׳האָב פאַר שרעק, אים דווקא געענטפערט, אַז יעזוס האָט באַזיגט דעם טויט... אַזוי אַרום שטייט דער „איך" פון מיין חלום מאָראַליש הע־כער, ווי דער „איך" פון מיין ממשותדיקן לעבן... — האָט זיך דער יונגערמאַן גענומען רייבן ביי די שלייפן... — ס׳איז מיר נישט קלאָר פאַרוואָס כ׳האָב גראָד איך דערציילט די גאַנצע געשיכטע... ס׳טוט מיר באמת באַנג... — האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און מיך אָנגעקוקט מיט אַ צאָרנדיקן בליק, גלייך ווי ער וואָלט פון מיין זכרון צוריק געוואָלט אַרויסרייסן דאָס דערציילטע...

דעם מלמד׳ס טאָכטער

לאָזער מלמד׳ס חדר האָט זיך געפונען אין אַ שמאָל, טונקל געסל, ווו פון יעדן הויף כמעט האָבן זיך אַרויסגעהערט איבלדיקע ריחות פון גאַרבער־פּעסער מיט איינגעזאַלצענע פעל. די שמעקעוודיקע אויבס־ריחות וואָס האָבן זומער־צייט זיך דערטראָגן פון שכנותדיקע סעדער, זיינען אין דעם קויטיקן געסל אָפּגעשטאָרבן.

לאָזער מלמד׳ס חדר איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער אויסגעקאַלכטער שטוב. אויף די גריבלדיקע און בייכלדיקע ווענט זיינען פאַרבליבן סימנים פון אַן אויסגעדאַרטן בעזעם־דראַפּאַטש, וואָס איז געווען דער פּענדזל אין דער האַנט פון אַן אומגעלומפּעטער באַלעבאָסטע.

אויף דער מזרח־וואַנט — אַ פּאָרטרעט פונעם צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער, באַזיגט פון אַן אַרמיי טויטע פליגן. ביי די צוויי פענצטערלעך, געדיכט באַקלעפּט מיט „שבועות־מענטשעלעך״ — אַ לאַנגער צעשניצ־טער און צעקרישלטער טיש, באַלייגט מיט שטיקלעך פאַרטריקנט ברויט, פאַרדאַרטע גריסקעס און קרישקעס פון ווייסע זעמעלעך.

די רביצין האָט זיך קוים צייט גענומען איינמאָל אין יאָר אַראָפּצו־רוימען פון טיש — ערב פסח צו בדיקת־חמץ.

דער טיש איז בעת די לימודים געווען באַזעצט פון חומש־ייִנגלעך, זייערע געקרייזלטע פּאהלעך, שוואַרצע, געלע און בלאָנדע, זיינען געווען צעשלענגלט איבער צעפּלאָמטע און אויסגעבלייכטע בעקלעך.

בעת לאָזער מלמד האָט אָנגעהויבן אַ פסוק, האָבן די תלמידים, ווי אַן אויסגעשולטער כאָר, אויסגעזונגען זייער רבינס ניגון, אַ פויגעלע האָט זיך פון צייט צו צייט אַוועקגעשטעלט אויפן פענצטער־פּאָרענטש, אויפגעכאַפּט די קינדערישע טרעלעכלעך, און ביים אַוועקשוועבן זיי מיטגענומען אין דער בלויקייט אַריין.

אויבנאָן איז געזעסן לאָזער מלמד, אַ ייד קרוב צו זעכציק. אַ זיידן קאַפּל, פון וועלכן מ׳האָט שוין געקאָנט שלאָגן אייל, איז אים געזעסן

אויפן שפּיץ הינטער־קאָפּ. זיינע האָר, וואָס די רביצין בכבודה ובעצמה האָט מיט אַן אַלטע שער אָרומגעשוירן און איבערגעלאָזט אַ היפּש ביסל „טרעפּן״, האָבן דערמאָנט אין אַ ווייס־געלע קאַלב־פעל. דעם מלמד׳ס הויכער, טיף־געקאַרבטער שטערן האָט געהאַט פיר שטרייכן, וואָס האָבן אַריינגענומען זיינע דאגות פון די־ און יענע וועלט. זיינע אויגן אַרומ־געליאַמעוועטע מיט בלוט, זיינען בעתן לערנען געווען האַלבלעך אָפן, האַלבלעך צוגעשפּאַרט. דעם רבינס ברייטע, קופּערנע באָרד איז געלעגן אויפן חומש, ווי צוויי אַראָפּגעלאָזטע פליגל ביי אַ געלן האָן. די לינקע האַנט זיינע האָט כמנהגו געקראַצט דאָס ברודיקע העמד אויפן לייב. אין דער רעכטער האַנט האָט זיך דער קאַנטשיק מיט די לעדערנע לאָקשן, געבויגן אַלץ נידעריקער צום טיש. דעם מלמד׳ס כאַלאַט פון עפּעס אַ משונהדיקער גראָז־קאָליר איז געווען באַגאַרטלט מיט אַ קרייקע פון רויטן שטאָף. טייל לאַבוסעס, וואָס זיינען שוין קליינערהייט אויסגעגאַנגען פאַר אַ שמד־שטיק, האָבן די קרייקע געפלעגט צובינדן צום טיש.

אויפגעוועקט פון דרימל, האָט זיך לאָזער מלמד אויסגעריבן די אויגן מיטן אַרבל פון זיין לאַפּסערדאַק, אַ קראַץ געטאָן זיך מיטן הענטל פון קאַנטשיק, און זיך צעזונגען מיט אַ הייזעריק קול:

— זאָגט יינגאַטשעס! ווען מיר וועלן פאַרבייגיין פאַר דער מאַמע רחל׳ס קבר, וועלן מיר שרייען און וויינען און תפילה טאָן צו גאָט, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: „קול ברמה נשמע נש״...

דעם רבינס שטים איז איינציקווייז פאַרשלונגען געוואָרן אין דער קעל. די אויגן זיינע האָבן זיך בהדרגהדיק פאַרמאַכט. דער קאָפּ האָט זיך פּאַוואָלינקע אַראָפּגעזעצט אויפן חומש.

אינמיטן טיש איז געזעסן דעם מלמד׳ס בן־יחידל, יצחקל. דער פאָטער האָט אים גערופן איטשעלע, אָבער די מאַמע זיינע האָט דעם נאָמען פאַרצויגן אויף איקעלע.

איקעלע האָט זיך אין עלטער פון פינף יאָר, נאָך נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיסלעך. ער האָט געטראָגן זיין פאָטערס אַן אַלטן צע־פליקטן טלית־קטן, וואָס איז לענגער געווען ווי ער גופא. אויפן קעפּל אַן אַכט־קאַנטיק פּילצן היטעלע. דעם דאַשעק אַרויסגעטרעטנט און פאַר־שיפּט צום לינקן אויער. דאָס פּנימל — קרענקלעך־בלייך.

איקעלע איז צום טיש תמיד געווען צוגעטשעפּעט ווי אַ קינדער־פאָרטרעט — צו אַ וואַנט. בעת מ׳האָט אים אַמאָל געפּרוווט אַראָפּנעמען, איידער די חומש־לימודים האָבן זיך געענדיקט, האָט ער לאַנגע שעה׳ן געפלעגט אַפּוויינען.

קיילע די רביצין איז געווען אַן אשת־חיל מיט אַן אָנגעזעענעם הויקער. אויף איר שוואַרץ קלייד, געדיכט באַלייגט מיט כלערליי לאַטעס, האָבן זיך נאָך אויפגעהאַלטן די פעדערן, וואָס איר מוטער ריקל האָט איר איבערגעלאָזט בירושה. איר געל שייטל איז תמיד געווען צעפּלאָשעט, גלייך ווי עטלעכע האָר־פּאַסמעס וואָלטן איר צופעליק אַרויפגעפאַלן אויפן קאָפּ. איר פּנים איז אַ גאַנצע פעליקע וואָך געווען אויסגעשמירט מיט סאַדזעס. הגם אין איר אָרעמקייט האָט מען נאָר געגעסן איין נעבעכדיק מאָלצייט אין מעת־לעת, איז זי פונדעסטוועגן אַלע מאָל געווען פאַר־פּאַרעט ביז איבערן קאָפּ אַריבער. זי האָט געהערט צו די ווייבער וואָס קאָנען טאָן עטלעכע מלאכות מיטאַמאָל. אָט האָט מען די רביצין געזען שיילן קאַרטאָפל; אָט — פליקן פעדערן. אָט איז זי אָקאָרשט געשטאַנען ביי אַ באַליע וועש און עפּעס אויסגעריבן אויפן וואַש־ברעטל; אָט האָט זי געקניט אויף דער פּאָדלאָגע און געהאַקט האָלץ מיט אַ שטומפּיק האַק־מעסער, שעלטנדיק דערביי די נגידים, וואָס צאָלן שכר־לימוד נאָר איין מאָל אין חודש.

די חדר־ייִנגלעך האָט זי גערופן בענקאַרטעס. איר מאַן — די ווייבע מירל. איר איקעלע — מיין גאָלדענע קרוין. איר טאָכטער — אַ שטריק אויפן האַלדז.

זייער איינציקע טאָכטער חיה בינה איז נישט געווען קיין גרויסע יפיפיה. אירע האָניק־צעפּלעך זיינען געווען פאַרשלייפט מיט שוואַרצע שנוראָוואַדלעס. איר פּנים — געדיכט באַלייגט מיט זומער־שפּרענקע־לעך. פאַר אירע זעקס און צוואַנציק יאָר איז זי געווען צו דיק און צע־גאָסן — אונטן און אויבן איין גלויבן. דערפאַר אָבער האָט זי גאָט גע־בענטשט מיט אַ זעלטענעם גוטן קאָפּ, וואָס האָט זיך בלויז פון איינהערן גרינטלעך אויסגעלערנט חומש מיט רש״י. און יעדעס ייִנגל מיט אַ פאַר־שטאָפּטן קאָפּ, וואָס האָט ביז מיטוואָך נאָך נישט געקענט די פּרשה, איז אָפּגעשיקט געוואָרן צו חיה בינהן. און די מלמדטשינע האָט אין דעם חומשניק אַזוי לאַנג אַריינגעגאָרעט, ביז ער האָט גוט געקענט די סדרה.

די גוטע קעפּ האָבן פון רבין באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין אויפן הויף זיך שפּילן.

זומער־צייט זיינען אויפן רבינס הויף געווען אָנגעהורבעט צענד־ליקער קופּעס דאָמב וואָס די גאַרבערס האָבן אַרויסגעשיט צום טריקענען. הגם דער דאָמב האָט נעבעך נישט פאַרשמעקט די אַרומיקע לופט, איז ער פאַר די צעהולעטע חומשניקעס געווען דאָס סאַמע בעסטע קינדער־שפּיל.

און ווי־נאָר די קונדסים האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן הויף, צע־פלאָטערט ווי אַ טשאַטע פאַרביקע פייגל, זיינען די אויפגעטורעמטע קופּעס דאַמב צעגאַנגען ווי שניי אויף אַ רעגן. דער הויף איז אָנגעפּולט געוואָרן מיט קלינגענדיקע, פריידיקע קולות און קינדעריש געלעכטער. דאָ איז אַ קונדס אַריינגעשפּרינגען אין אַ באַרג דאַמב און געגומען באַ־וועגן מיט די הענט און פיס, גלייך ווי ער וואָלט אין אַ טייך געשווומען; דאָרט האָט זיך אַ ווייסער חברהניק געשטעלט אויפן קאָפּ — נאָכגעמאַכט אַ קונצנמאַכער. דאָ האָט מען געשפּילט „די בלינדע קו״; דאָרט האָט מען פון ציגל געבויט קליאַטקעס צו כאַפּן פייגל, אַריינגעלייגט שטיקער ברויט מיט פּוטער, וואָס זיינען אָפּטמאָל פון די אָרעמע חדר־יינגלעך אַרויס־געגנבעט געוואָרן, איידער נאָך די פייגל זיינען אָנגעפלויגן.

ווינטער־צייט בעת דאָס שטעטל איז געווען געהילט אין שניי־ווייס־קייט אָדער באַזילבערט פון אַ פראָסט, איז אין לאָזער מלמד׳ס חדר גאָר געווען חושך ואפלה, פינצטער און גליטשיק. די פענצטער זיינען געווען פאַרהאַקט מיט גרויסע נעגל. די צעבראָכענע שויבן — פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס. די פראָסט־בלומען וואָס האָבן זיך אַמאָל באַוויזן אויף אַ ברעקלע שויב, זיינען אַרויסגעקומען שמוציק־קויטיק און מיט צע־שניטענע בלעטלעך, איבערגעבראָכענע שטענגלעך. דער אַלטער ליימענער אויוון, געהייצט מיט טאָרף, האָט נאָכאַנאַנד געקאָפּטשעט. שוואַרצע פּאַס־מעס רויך האָבן זיך כסדר געקנוילט איבער די קינדער־קעפּלעך.

קיילע די רביצין איז אַרומגעגאַנגען איבערן חדר מיט אַ שמוציק האַנטעך אין האַנט, און ווי מיט שוואַרצע שפּרינגענדיקע קעץ, האָט זי זיך אַרומגעיאָגט מיט די רויך־קלומבעס. איר האַנטעך האָט אָנגעמאַכט אַ ווינט, אָבער די רויך־שלאַנגען האָבן אַלץ געדיכטער און געדיכטער זיך אַרויסגעקנוילט פון אויוון, געשפּאַרט צו טירן־פענצטער און זיך קרייזפאָרמיק געוועלבט איבערן שוואַרצן סופיט.

בעת די רביצין איז מיד געוואָרן, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים אויוון מיט געקרייצטע הענט אויף דער ברוסט און זיך גענומען אויס־טענהן מיט גאָט:

— רבונו של עולם, צו וואָס האָסטו באַשאַפן אָרעמלייט? וואָלט דען נישט בעסער געווען ווען זיי וואָלטן גאָרנישט געבוירן געוואָרן?

איקעלע איז דעמאָלט געזעסן אויפן טיש אָנגעטאָן אין אַ ווייבערישע וואַטווקע, דעם האַלדז געוויקלט אין אַזוי פיל שאַליקלעך, אַז ער האָט ממש אויסגעזען ווי אַ הענגער פון מלבושים. דערביי האָט ער אויף אַ רגע נישט אויפגעהערט הוסטן.

אינמיטן חדר איז ווינטער־צייט געהאַנגען אַ גרויסע נאַפט־לאָמפּ מיט אַ פאַרקאָפּטשעט געשפּאָלטן גלעזל, באַנדאַזשירט מיט כלערליי פּאַפּירענע פּלאַסטערן. די נאַפט־לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אויף דיקע, פאַרזשאַווערטע דראָטן, האָט ווי מיט אַ שוואַרצן פּענדזל אויסגעמאָלן אויפן סופיט רונדיקע סאַדזע־פלעקן, און צענדליקער קינדער־שאָטנס — אויף די ווענט.

כמעט יעדן ווינטער־אָוונט, פאַרן אַהיימשיקן די חדר־יינגלעך, איז די רביצין צוגעגאַנגען צום אויבנאָן, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַריין ווי אַ געניטער שמש און אויסגערופן:

— קינדער, שטיל זאָל זיין! מאָרגן נאָכמיטאָג זאָל יעדער פון אייך מיטברענגען צוויי קאָסקעס צוקער. די אָרעמע קאָנען ברענגען איין קאָזקעלע, און די שנאָרערס בין איך מוחל. אָבער מכבד זיין מיט טיי וועל איך אַלע תלמידים. איר וועט נישט פאַרגעסן?

— ניין, רביצין! — האָבן די קונדסים זיך צערעוועט און צעלאַכט.

די קינדער האָבן שוין געוווּסט אַז זיי באַקומען קיינמאָל נישט קיין טיי, נאָר הערן פון דער רביצין תמיד דעם זעלבן פּזמון: „דער טיי קאָכט שוין, זידט שוין, וואַרט שוין!"

פונדעסטוועגן וועט זיך קיין חדר־יינגל נישט אַרויסרירן פון דער היים אָן אַ קלעצל צוקער. די קינדער האָבן ליב צו זען די רביצין מיט דער צעעפענטער טאָרבע אין האַנט. זי שטייט דעמאָלט אַ צעשמייכלטע, רופט יעדן תלמיד אויס ביים נאָמען, נעמט אָפּ דעם צוקער און ענטפערט:

— לאָמיר האָבן אַ זיס לעבן.

לאָזער מלמד זיצט דעמאָלט ביים אָפענעם חומש און באָמקעט אונטער אַ ניגונדל. דעם קאַנטשיק לאָזט ער אַראָפּ אין אַ כאַלעווע פון זיין שטיוול. ער קוקט זיך נאָכאַנאַנד איין ווי אינעם אָפענעם איוון אויף אַ בערגל פייערדיקע טאָרף־שטיקלעך שטייט דער פאַרקאָפּטשעטער טשייניק און פון זיין שנאָבל קרייזלט זיך אַרויס אַ דין פאַרעלע. וואַרט ער אַזוי אַמאָל אַ פערטל, אַמאָל אַ האַלבע שעה, אָבער לסוף דערלאַנגט אים חיה בינה אַ בלויע, אָפּגעשפּרונגענע, פאַררויכערטע שעפּ טיי.

דער מלמד האָט די טיי געזופּט פּאַוואָלינקע, שלוק נאָך שלוק, באַלעקט זיך די וואָנסעס ווי נאָך אַ זיס איינגעמאַכטס. ער איז אין דער רגע געוואָרן אַזוי ווייכהאַרציק, אַז די נגידישע קונדסים האָבן אים ממש אַרומגעקלעטערט אויף די אַקסלען. ער האָט כלומרשט געשריגן: „אַראָפּ לאָבוסעס!" אָבער ער האָט דערביי געלאַכט מיט אַ מאָדנע ביקעדיק גע־

לעכטערל, אויסגעזופט דעם טיי ביז צום לעצטן טראָפּן, האָט ער מיט אַ שעלמיש שמייכעלע געזאָגט צו זיין ווייב:

— קיילע, זאָלסט מיר לעבן און געזונט זיין, איך וואָלט געוועז אַ בעלן אויף נאָך אַזאַ שעפּ טיי, בנאמנות אַ דערקוויקעניש.

קיילע האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף די באַקעס, אָנגעבלאָזן זיך ווי אַן אינדיטשקע און געזאָגט מיט אַ פאַרקרומט מויל:

— אַנדערש ביסטו נישט געוואוינט, נגיד מייגער, גרויסער פּרנסה־קלעפּער, צוויי שעפּן טיי מיט צוקער. וואָסער קאָן איך דיר געבן, אָבער צוצעלעקן, וועל איך דיר אי״ה געבן ראש השנה ביינאַכט, ווען איך וועל דיר דערלאַנגען דעם עפּל מיט האָניק.

— טאָ לאָז מיך געמאַכט, קיילע.

גראָד דעמאָלט האָט די לאָמפּ אַרויסגעשטעקט אַ רויט צינגל און זיך אויסגעלאָשן. די נגידישע יינגלעך האָבן זיך דערפרייטע און לאַכענדיקע אַנגעצונדן די לאַמטערנעס. דאָ און דאָרט האָבן די אָרעמע קינדער אָנגעצונדן זייערע גראָשנדיקע ליכטלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אין פלעשלעך מיט אויסגעהאָקטע באָדעמס. די טיר האָט זיך רעשיק אויפגעפראַלט און די ווייסע חברהניקעס האָבן זיך מיט הילכיקע הורא-אויסגעשרייען אַרויסגעלאָזט פון פינצטערן חדר צו דער ליכטיקער גאַס, באַזילבערט פון לבנה־ און שטערן־שיין.

* * *

איינמאָל אין אַ ווינטער נאָכמיטאָג האָט זיך אין לאָזער מלמד׳ס חדר אַריינגעשלייכט, אַ פאַרשנייטער, אומבאַקאַנטער בחור. ער איז געווען הויך און ברייטפּלייציק ווי אַ דאָרפס־יונג. זיין האַלב־צעפּליקטע בורקע איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ גראָבע שטריק. אויפן קאָפּ — אַ פליושענער צשאַפּעק. אויפן האַלדז — אַ פאַס פון אַ פערדישער קאָלדרע. אין האַנט — אַ רעקרוטן־קעסטעלע מיט אַ פאַרזשאַווערט שלעסל.

דער יונג איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און געפרעגט:

— דאָ וווינט לאָזער מלמד?

דער מלמד איז אים אַקעגנגעגאַנגען און אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— שלום עליכם בחור, פונוואַנען קומט מען?

— איך קום פון אַ דאָרף. זיבן וויאָרסט ווייט. איך בין דאָרט געווען ביי אַ דאָרפס־ייד. געלערנט מיט זיין יינגל עברי. מער קען איך נישט. ווען ס׳יינגל איז אָפּגעשטאָרבן, האָט מיך די באַלעבאָסטע אַרויסגעוואָרפן. זי האָט געטענהט, אַז קוקנדיק אויף מיר, דערמאָנט זי זיך אין איר בן־יחיד.

— נישטאָ געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יידיש הויז געדאַכט! דער טאָג זאָל עס גאָרנישט באַטאָגן, די נאַכט זאָל עס נישט באַנאַכטיקן! — האָט די רביצין אויסגעשפּיגן, אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס.

— נו, טאָ וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר? — האָט זיך דער מלמד געגלעט די באָרד.

— כ׳האָב ביי אייך געוואָלט ווערן אַ באַהעלפער.

— ביי מיר? האָסט דיר אויסגעזוכט יענעם מאַגנאַט. איך מיט מיינע בני־בית ווערן דאָך אַליין געשוואָלן פאַר הונגער און קעלט.

— רבי, איך וויל דאָך גאָרנישט, אַבי דעם קאָפּ אַוועקלייגן.

— אָבער ווו וועסטו דאָ ביי מיר אַוועקלייגן דעם קאָפּ? דו זעסט דאָך דאָס ענגשאַפט.

— רבי, כ׳וועל אייך צונוץ קומען, כ׳בין אַ גוטער פּאַראַבניק. אַ שטיק ברויט מיט ציבעלע אָדער מיט אַ רעטעך, וועט פאַר מיר זיין גענוג. כ׳וועל שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע. ביים דאָרפס־ייד בין איך אויך נישט געשלאָפן אין אַ בעט, נאָר אין אַ סטאָדאָלע. זומער האָב איך מיך אַוועקגעוואַליעט אויפן פעלד און געבליבן ליגן ווי אַ דרעש־וואַלץ.

— וואָס זאָגסטו, קיילע?

— משוגע מיינע שונאים. קוק נאָר אָן דעם לעמעך! זע נאָר זיינע בערישע פּיס! קריכן מוז דאָס אוודאי ווי אַ טשערעפּאַכע. ער קאָן דאָך אונדז אויפעסן מיט די קאָפּיטעס.

— כ׳עס זייער ווייניק, רביצין.

— ברויכסטו דאָך אוודאי אָן איינגעמעניש צו אַפּעטיט.

— כ׳ברויך נישט, געזונט ווי אַ האָלצהעקער.

פון צווייטן צימער איז אַריינגעקומען חיה בינה. דערזעענדיק דעם פרעמדן איז זי געבליבן שטיין מיט אָן אָפן מויל און מיט אַ פּאָר צע־פינטלטע אויגן.

דער מלמד האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיין טאָכטער. אַ פּאַרטראַכטער האָט ער זיך געקייט די שפּיץ באָרד.

— קיילע, — האָט ער שטיל געזאָגט צו זיין ווייב — ס׳איז מיר אַ שאָד דעם בחור אַרויסצולאָזן. מיינע כוחות גייען אויס. אַזאַ בערישער יונג וואָלט דאָך געקאָנט ווערן מיין רעכטע האַנט. און אפשר נאָך עפּעס ?...

— אָבער ווו ווועסטו אים אַהינטאָן ? מילא זומער בעט איך אַזאַ יונג אויס אויפן בוידעם, אָבער ווינטער ?

— שלאָף איך מיט איקעלען, וועסטו נעמען חיה בינהן אין בעט אַריין. דעם בחור וועט מען אויסבעטן אויף דער שלאָף־באַנק.

— כ׳זע טאַקע, לאָזער פּייפע, כאַלימאָק, אַז אַ נאַר וואַקסט אָן רעגן. ווילסט דווקא צונעמען דעם יונג, נעם אים און פאַרזאָרג אים. דו וועסט דיר שוין שפּעטער שינדן די הויט אויפן לייב.

— גיב מיר אַ ניי העמד קיילע, וועל איך מיר נישט שינדן די הויט.

די רביצין האָט דעם מלמד צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק און איז צו־ריקגעגאַנגען צו איר אַרבעט.

— ווי רופט מען דיך, בחור ? — האָט דער מלמד געפרעגט.

— פּיוויש. אַ יתום פון אָרנטלעכע טאַטע־מאַמע.

— קודם החופה, פּיוויש, טו דיר אויס די בורקע און דערוואַרעם דיך אַ ביסל. גאָט פאַרלאָזט נישט קיין יתומים. עברי קענסטו גוט ?

— בלויז ביי די יוצרות גייט מיר אַ ביסל באַטשנע.

דער מלמד האָט זיך צעכיקעט מיט אַ גוטמוטיק געלעכטערל.

און פון דעם ווינטערדיקן נאָכמיטאָג אָן, איז פּיוויש געבליבן באַהעלפער.

אין ווינטער־טעג, בעת די שנייען האָבן דערגרייכט ביז צום גאַרטל, האָט פּיוויש אַהיימגעטראָגן עטלעכע קינדער מיטאַמאָל. אין איין נגידיש הויז האָט ער באַקומען אַ מיטאָג, אין אַ צווייטן — אַ נאַכט־עסן.

ביים מלמד האָט ער געהאַקט האָלץ, געברענגט וואַסער, געקערט און געוואַשן די פּאָדלאָגעס, אַהיימגעשלעפּט קאַרטאָפל, טאָרף און האָלץ. ער האָט מיט די יונגע שוואָלבן געלערנט אלף־בית און שפּעטער עברי. אָבער חומש מיט רש״י האָט ער גופא מיטגעלערנט און געהאָפט מיט דער צייט צו ווערן אַ פאָלנער מלמד.

גערעדט האָט ער ווייניק, פּיוויש דער באַהעלפער. ער האָט קוים געענטפערט. געלאַכט האָט ער זייער זעלטן ; מ׳קאָן זאָגן — קיינמאָל נישט.

ער איז געווען אַ טיפּישער תם, שאינו יודע לשאול, אַ טשודאַק מיט די ביינער, אָבער אין לאָזער מלמד׳ס חדר האָט ער זיך אויף אַזוי ווייט אַריינ־געפּאַסט, אַז מ׳האָט זיך מער נישט געקענט פאָרשטעלן דאָס חדר־בילד אָן פּיוווישס געשטאַלט.

שבת־נאָכמיטאָג.

לאָזער מלמד האָט זיך אין אַ צווייטן חדרל אָוועקגעלייגט כאַפּן זיין עונג־שבת־דרימל. די רביצין מיט די קינדער זיינען אַריין צו אַ שכנה, צו די רייכע צירל די תחינה־זאָגערין, וואָס האָט ליב געהאַט מכבד צו זיין אירע געסט מיט שיינע פּרוכטן און מיט אַ גלעזל טיי, געמישט מיט מאַלינע־זאַפט.

פּיוויש איז ביים קאַלט־געוואָרענעם אויוון געבליבן שטיין מיט אַ תהילים אין האַנט. זיינע גראָבע ליפּן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט ווי ביי אַ פיש — אַרויסגענומען פון וואַסער. די דרויסנדיקע וועלט האָט ער עפּעס יאָ און נישט דערזען. דאָס שטעטלדיקע ווינטער־לאַנדשאַפט, גע־מאָלן אין העלע זילבער־טענער, דעם הינטער־גרונט פון וואַלד, די פאַר־ביישוועבנדיקע קראַ, דעם אָפּקלאַנג פון גלעקלעך אויפן האַלדז פון אַ צעהירזשעט פערד, געשפּאַנט אין אַ שליטן — דאָס אַלץ איז פאַר פּיווישן געווען אַזוי ווייט ווי דער הימל, אין וועלכן ער האָט זיך זעלטן־ווען דערמאָנט

אין אַזאַ איינזאַמען שבת נאָכמיטאָג האָט זיך נאָר געקאָנט באַוויזן וואַצעק דער איינהייצער, וואָס איז געקומען דעם אויוון אונטערלענען ס׳האָרץ מיט אַ ביסל טאָרף. דער געשטופּלטער וואַצעק מיטן ביינערדיקן נעזל ווי אַ צוגעמאַכטער פינגער, האָט פּיווישן אָוועקגערוקט פון אויוון, ווי אַ מעבל־שטיק און אים געפרעגט:

— הע, סאַקראַמענט, האָסט אַ ווייב?

— ניין.

— זאָגסט די מעסע ווייל דו ווילסט חתונה האָבן?

— יאָ.

— דעם ראַבינס טאָכטער געפעלט דיר? זי איז אַזוי גוט ווי אַ יידיש צימעס. כאַ־כאַ־כאַ! פּשאַקרעוו, דו פּיווישעק, האָסט אַ הינטסקאָפּ, נישט קיין שכל צו באַבעס. גייסט מיט מיר אַרויס טרינקען אַ וואָדקאַ?

— ניין.

— שבת בין איך רייך, פּיווישעק דוראַק, איך באַקום פון ס׳דייניקע

כאַלעס גרויס ווי בענקאַרטעס. איך פאַרקויף זיי אונדזערע באַבעס און לאָז אַראָפּ איין ניינציקער נאָכן צווייטן, אַז די העלע כאַלערע נעמט עס. דיין ראַבין גיט גאַרנישט, די געמינע צאַלט, אָבער די טאָכטער זיינע... כאַ־כאַ־כאָ! אוי איז דאָס אַ גוטע מויד! דו ביסט אין איר פאַרכליאָפּטשעט?

— ניין.

וואַצעק דער איינהייצער איז אַוועק. פּיוויש איז ווידער געבליבן אַליין. און אַזוי יעדן שבת נאָכמיטאָג ביז דער ווינטער האָט זיך אַוועק־געזרוקט.

צום פרילינג־צו, בעת די פייגל האָבן אָנגעהויבן שפּילן אויף די פאַרענטשעס פון לאָזער מלמד'ס אָרעמע פענצטער, און די זון האָט פאַר־יאָגט וואַצעקן דעם איינהייצער, האָט זיך אין פּיווישס בידנעם לעבן עפּעס געענדערט.

אין איינעם אַ טאָג האָט אים די רביצין געהייסן אַרויפטראָגן זיין שעניק אויפן בוידעם. פּיוויש האָט נישט געפרעגט צו וואָס און צו ווען, נאָר האָט דעם שעניק אַ כאַפּ געטאָן אויפן קאָפּ ווי אַ צעפליקטן זאַק און האָט אים אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם. און פון דער רגע אָן איז דער בוידעם געוואָרן זיין שלאָף־צימער.

דער בוידעם האָט געהאַט קרומע, פאַרחושכטע ווענט, באַדעקט מיט שפּינוועבעכץ. דער באָדן איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט שטי־קער גלאָז פון אויסגעהאַקטע טאָפּלט־פענצטער און מיט קרישקעס פון צעבראָכענע פלעשער. אַ גאַנצער סקלאַד פון שמאַטעס, וואָס האָט דאָ פאַרשפּרייט אַן עיפּושדיקן ריח, האָט זיך געפונען אין די פינצטערע ווינקלען. דאָס דאַך־פענצטערל איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ ציגל. צום שפּיץ שייבל איז געווען צוגעקלעפּט אַ שטיקל פּאַפּע. אין ווינטיקע טעג האָט דאָס שטיקל פּאַפּע, ווי אַ פליגל פון אַ שוואַרצער קראָ, נאָכאַנאַנד אַריינגעפּויקט אינעם דאַכפענצטערל, פונדעסטוועגן האָט זיך דאָ פּיוויש געפילט ווי אַ באַלעבאָס אין אַן אייגענער דירה.

***

איינמאָל אין אַ זומער־פרימאָרגן איז פּיוויש ווי אַ געליימטער גע־בליבן ליגן אויף זיין שעניק. ער האָט געהערט ווי אונטן פון די חדר־שטיבלעך טראָגן זיך צו אים אַרויף קולות:

— פּיוויש, פּיוויש!

ער האָט געפּרוווט אויפהייבן דעם קאָפּ, אָבער זיין גאַנצער גוף איז שווער צוריקגעפאַלן. ער האָט זיך מיט אַ פּאָר תמעוואַטע אויגן אַרומ־געקוקט, אַ ברום געטאָן ווי אַ פאַרוווּנדעטער אָקס און צוגעמאַכט די אויגן פאַרן טאָג־ליכט, וואָס האָט דאָ און דאָרט געפלעקט די אַרומיקע טונקלקייט, אַקוראַט ווי עס וואָלט דאָ ווער אַריינגעגאָסן צעשמאָלצן גאָלד, אָבער ער האָט זיך עפּעס נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט ווי עס שלייכט זיך ווער אַרויף. די לייטער גיט אַ סקריפּע. ס׳באַווייזט זיך אַ באָרד און ס׳דערהערט זיך אַ קול.

— וואָס איז מיט דיר געשען, פּיוויש?

— רבי, זונטיק האָב איך געגעסן ביי הענעך זענדל אַן איבערגע־שטאַנען טשאָלנט, נאָכגעטרונקען וואַסער. אוי דער בויך, דער קאָפּ. כ׳בין אויס מענטש.

— מען וועט דאַרפן רופן ביינישל־מקבר־חולה. ער נעמט נישט קיין געלט.

און ווי נאָר דער מלמד איז אַראָפּ מיט דער בשורה, האָט פּיוויש דערהערט אַ האַסטיקן געסקריפּע אויפן לייטערל. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ שייטל און אַ געקוויטשע האָט אים איבערגעשראָקן.

— וואָס מיינסטו דיר עפּעס, ליימענער גולם, לעמעשקע בן פּיקהאָלץ, ביסט ביים טאַטן אין ווייך־גאָרטן? אַוועקגעלייגט זיך ווי אַ פּריץ. ווער ווילסטו זאָל דיך באַדינען? אפשר אָפּקאָכן דיר יויכל מיט אַ קורטשיקל ווי פאַר אַ קינפּעטאָרין? אוי מיין שלימזלס געשעפטן. כאַליע דיך שוין אַראָפּ! כ׳קום באַלד אַרויף מיט אַ דאָרן בעזעם, כ׳וועל דיר אויסשמירן די ביינער וועסטו מיך האָבן צו געדענקען.

פּיוויש האָט געשוויגן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז פאַר פּיווישן אויסגעוואַקסן חיה בינה. זי האָט זיך מיט שטילע טריט צוגעשלייכט צו פּיווישעס שעניק, אַרויפגע־לייגט איר האַנט אויף זיין שטערן און ווייך געפרעגט:

— פּיווישל, האָסט נישט קיין היץ?

דער יונג האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, געעפנט ס׳מויל, און אָנגעקוקט חיה בינהן מיט אַ פּאָר אויפגעצונדענע אויגן. ער האָט עפּעס מיטאַמאָל דערפילט ווי אַ זיסקייט צעגיסט זיך אין אַלע זיינע אברים.

— דו ביסט עס, חיה בינה? ביסט אַ גוטע.

— כ׳האָב נישט מיט וואָס גוט צו זיין, פייווישל. ווען כ׳וואָלט גע־ווען אַ רייכע טאָכטער, וואָלט איך דיר אַרויפגעברענגט אַ גלעזל טיי אין אַ געפינגערט גלאָז, אַריינגעקוועטשט אַ ציטרין און אַריינגעגאָסן אַ ביסל יאַגדע־זאַפט.

— מ׳ברויכט גאָרנישט. אַבי דו ביסט דאָ. כ׳זע דיך אַליין. כ׳הער דיין קול.

חיה בינהס האַרץ האָט אויפגעציטערט. זיינע רייד האָבן אין איר תחילת דערוועקט אַ רחמנות, באַלד אָבער האָט זי דערפילט, אַז פייוויש איז פאַר איר מער נישט קיין פרעמדער. ער האָט עפּעס אַ שייכות צו איר בידנעם לעבן. זי האָט אַנידערגעקניט ביים שעניק, אים אַ גלעט געטאָן און געזאָגט:

— פייווישל, איך וועל לויפן אין דער געמיינע אַריין, וועט מען דיר שיקן אַ דאָקטאָר.

— מען דאַרפט נישט, חיה בינה. דיין גוטסקייט היילט מיך שוין.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו קיינמאָל נישט צו מיר גערעדט?

— מ׳באַהאַנדלט דאָך מיך ווי אַ הונט.

— מ׳איז דאָך אָרעמעלייט, פייווישל.

אַ ווייבעריש קול האָט זיך פון אונטן דערטראָגן.

— חיה בינה, דו לייגסט דיך אַראָפּ, אָדער איך שלעפּ דיך אַראָפּ ביי די צעפּ.

איבערגעשראָקן פון דער מוטערס געשריי, איז חיה בינה פלינק ווי אַ קאַץ אַראָפּ פון דער לייטער.

צומאָרגנס נאָכמיטאָג איז חיה בינה ווידער אַרויפגעקומען צו פייווישן, צוטראָגנדיק אים אַ געמיזע־זופּ, וואָס אַ נגידישע שכנה האָט לשם מצווה אַרויפגעשיקט.

פייוויש האָט צושנאָרכנדיק פאַר הונגער גיך אַריינגעכליאָפּעט דאָס ביסל זופּ, אַרומגעלעקט די ראַנדן פון טעלער און בורטשענדיק געזאָגט:

— ס׳איז מיר שוין בעסער. נעכטן בין איך געווען ווי אַ געפּעגטעט פערד אויפן פעלד. ס׳האָט מיר ווער אַריינגעקלאַפּט טשוועקעס אין די שליפן. כ׳האָב געהאַט אַ בויך פול מיט צעשטויסן גלאָז. אָבער דיין האַנט אויף מיין שטערן, האָט אַלץ אַוועקגעמאַכט. ווען דו וועסט קראַנק ווערן, חיה בינה, וועל איך פאַר דיר זאָגן תהילים.

— כאַ־כאַ! אַ דאַנק פּייווישל, ביסט אַ גוטער בחור. כ׳מוז אָבער שוין אַראָפּגיין. כ׳וועל קומען אין אָוונט.

אין פּייווישעס עלנט לעבן איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען, אַז ער זאָל ווען דערוואַרטן מיט האַרץ־קלאַפּעניש. ער איז צו אַלע אַרומיקע מענטשן געווען גלייכגילטיק. אָבער בעת ער האָט אָוונט־צייט באַמערקט אַ פּלאַם פון אַ צעטאָפּיעט שטיק חלב־ליכט, און חיה בינהס פּנים האָט פאַר אים אויפגעטויכט, האָט ער פאַר פרייד אַזש אַ הירזשע געטאָן.

— וואָס מאַכסטו, פּייווישל? כ׳האָב דיר געבראַכט אַ שעפּ טיי, ווייניק צוקער, אָבער די ווייבער האַלטן דאָס פאַר אַ רפואה.

— אַ מחיה, באמת אַ מחיה! — האָט פּייוויש געטרונקען און זיך באַלעקט — אַ שאָד וואָס כ׳וועל שוין מאָרגן מוזן אויפשטיין.

— ניין, פּייווישל, שטיי נאָך נישט אויף. די מאַמע וויל, אַז דו זאָלסט נאָך ליגן. די רייכע ווייבער, וועמענס קינדער דו פּלעגסט אַהיים־טראָגן, הייבן דיר אָן אַריינצושיקן פון כל־טוב. ווילסט אַן אייער־קיכל? איך האָב איינס פאַר דיר געגנבעט.

זי האָט האַסטיק צעקנעפּלט איר בלוזע און אַרויסגעשלעפּט אַן אייער־קיכל.

פּייווישס אויגן האָבן אויפגעבליצט. אין דער האַלב־טונקלהייט האָט עפּעס פאַר אים אַ בלענד געטאָן. זיין האַרץ האָט גענומען האַסטיקער שלאָגן. אין זיין מוח האָט זיך עפּעס גענומען מישן. און ווי מיט אַ שטומער צונג האָט ער אַרויסגעלאָזט אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען:

— האַ־הו־הע!

ער האָט ווילד אָנגעכאַפּט חיה בינהס האַנט. און ער האָט איר האַנט גענומען קוועטשן מיט אַזאַ כוח, אַז דאָס אייער־קיכל איז צעמורשט גע־וואָרן אויף פּיצינקע קרישקעלעך און זיך צעשיט אויפן ברעג שעניק ווי אַ שפּרייעלע מעל. ער האָט איר האַנט צוגעטראָגן צו זיינע ברענענדיקע ליפּן און געקושט.

זי האָט אַ ציטער געטאָן און איז אויפגעשפּרונגען. פון איר אויפ־שפּרונג האָט זיך דאָס ליכט אין איר לינקער האַנט פאַרלאָשן. זי האָט אין דער האַלב־פינצטער דערזען פּייווישס אויגן ברענען ווי שטיקער פייער.

זי האָט אַ דערשטיקטן קוויטש געטאָן און זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער לייטער.

— חיה בינה!

אָבער דערהערט האָט ער נאָר זיין אייגן ווידערקול.

⁂

צום האַרבסט־צו, בעת אויף פּיוּוישס בוידעם האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ קאַלטער ווינט, און פון די ביימער האָבן די בלעטער קופּעסווייז גענומען פאַלן, איז פּיוּויש אויפגעשטאַנען מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג. הגם זיין תמעוואַטער מוח האָט קיינמאָל נישט אַריינגעטראַכט אין זיין גורל, איז אים פונדעסטוועגן געקומען אויפן זינען, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט אים די רביצין מסתמא הייסן צוריק אַראָפּברענגען דעם שעניק, און ער וועט ווידער נעכטיקן אויף דער שלאָף־באַנק.

אָבער ווען פּיוּויש איז אין איינעם אַ פרימאָרגן אַראָפּגעקומען פון בוידעם איז אים די רביצין גאָר אַקעגנגעגאַנגען מיט אַ שייטל האַלץ אין האַנט און האָט אים מיט אַלע כוחות גענומען דעקן איבער די ביינער, אַז פון זיינע מלבושים האָט זיך אַזש אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב.

— געמיינער אָכליאָפּ, נבזהניק, קנאָבל־פּרעסער — האָט זי גע־גומען גוואַלדעווען — האָסט דאָך מיר אומגליקלעך געמאַכט חיה בינהן. וויפל טעכטער האָב איך דען מ׳שטיינס געזאָגט. שוין זאָלסטו דיר נעמען, שלאַק פון זיין ליבן נאָמען, דיינע לייזיקע שמאַטעס און פאַרשווינדן ווו דער פּעפּער וואַקסט.

פּיוּויש איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, דעם קאָפּ אַריינגע־קאָרטשעט צווישן די פּלייצעס און האָט נישט אָנגעהויבן צו באַנעמען וואָס דאָ קומט פאָר.

— וואָ־עס? — האָבן זיינע אויגן געוואָרפן שטיקער מורא.

— ער פרעגט נאָך וואָס, דער קאַטשעלאָפּ, דער בערן־טרייבער — האָט די רביצין אויפסניי גענומען קוויטשען:

— דו ווייסט אפילו נישט, כאַמאַרעץ, האַלעדריגע, אַז חיה בינה שוואַנגערט? זי איז דען נישט געווען ביי דיר אויפן בוידעם? חיה בינה, כאַליע דיך אַריין און זאָג דעם עזות־פּנים, ווען דאָס איז געשען — האָט די רביצין אויפגעפּראַלט די טיר פון צווייטן חדרל און אַריינגעשלעפּט איר טאָכטער.

חיה בינה האָט אויף פּיוּוישן געוואָרפן אַ רחמנותדיקן בליק, און איז געבליבן שטיין אַ שווייגנדיקע, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

— וואָס האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט דער לעמעך? — האָט די רביצין גענומען טופּען מיט די פיס — כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט דיר נעמען ס'ביסל לומפּן און שטעלן פּיס, ברח דודי, ברעך אויפן וועג הענט און פיס, זיי מיין טאָכטערס כפּרה!

אין פּייווישן האָט זיך עפּעס אַ ריס געטאָן. ער האָט גענומען ווילד אַרומשפּאַנען איבערן חדר. באַלד האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס רעקרוטן־קעסטעלע און גענומען שפּאַנען צו דער טיר.

חיה בינה האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ. זי איז צוגעשפּרונגען און האָט פּייווישן אָנגעכאַפּט ביים אַרבל.

— פּייוויש... פּייוויש...

ערשט איצט האָט לאָזער מלמד אַ געשריי געטאָן:

— וואָס טרייבסטו אים, קיילע? וואָס בין איך ראָטשילד? עס שטייט מיר שוין הינטער די פּלייצעס אַ צווייטער איידעם? וואַרט צו, פּייוויש! הער זיך נישט צו צו אירע קללות.

קיילע איז געבליבן שטיין אַ פּאַרטראַכטע. נאָך אַ ווייל איז זי לאַנגזאַם צוגעגאַנגען און האָט פּייווישן אַרויסגענומען פון דער האַנט דאָס רעקרוטן־קעסטל. פּייוויש איז דעם קעסטעלע נאָכגעגאַנגען ווי אַ פערד — נאָך אַ קאַרעטע.

— שטעל דיך ווי תמיד אַוועק אָפּדאַווענען, פּייוויש. די קינדער קומען באַלד אָן — האָט זיך לאָזער מלמד מיט די פינגער געקעמט די באָרד — אוודאי וואָלט איך געוואָלט, אַז ס'זאָל זיין אַנדערש. אָבער... — האָט ער אַרויסגענומען זיין טאַבאַק־פּושקעלע, אַ שמעק, אַ נאָס געטאָן און געזאָגט ווייך:

— נאַ, פּייוויש, נעם אויך אַ שמעק טאַבאַק! וואָס האָב איך דען מ'שטיינס געזאָגט צו געבן אַן איידעם? אַ גאָלדענעם זייגער, אַ שטריימל, אַ פּעלץ? — האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט מיט די אויגן צום הימל און האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן.

***

דער שמש, אַ גרייז־גרויער מיט אַן איינגעהאָרבעטער פּלייצע, אַ חלש, וואָס האָט זיין קראַנקן גוף מער סומך־געווען אויפן שטעקן אין זיין רעכטער האַנט ווי אויף קהל, האָט אין די נאָכמיטאָג־שעהן געעפנט די טיר ביי לאָזער מלמד. דער שמש האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און געזאָגט:

— לאָזער, דער רב האָט נאָך דיר געשיקט. ער בעט דיך, אַז דו זאָלסט תיכף־ומיד אַריבערקומען אין זיין בית־דין־שטוב.

דער שמש איז אַוועק, לאָזער מלמד האָט זיך מיט אַ טרויעריק געמיט אויפגעהויבן פון טיש.

— די שטאָט ווייסט שוין פון מיין בראָך — האָט קיילע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך איינגעקוקט ווי פּיזוויש זיצט זיך אַזוי געמיטלעך און גלייכגילטיק, אַקוראַט ווי ער וואָלט צו דעם ענין קיין שום שייכות נישט געהאַט.

— אוודאי ווייסט שוין קהל — האָט לאָזער מלמד געגעבן אַ טראַט רעכטס, אַ טראַט לינקס, ווי ער וואָלט אין זיין אייגענער שטוב געבלאָנ־דזשעט — מענטשן האָבן דאָך אויגן קודם צו זען וואָס עס טוט זיך ביי יענעם. כ׳בעט דיך, קיילע, אפשר האָסטו ערגעץ אַ ביסל טראָען מיר אויס־צושמירן די שטיוול — האָט ער זיך מיטן אַרבל איבערגעפּוצט דאָס טוכנע היטל.

— ווערסט אַזוי אויך געפּעלץ, שיינער מחותן מיינער. איך האָב דיך געוואָרנט, אַז דו זאָלסט דעם יונג נישט אַריינגעמען. ווער ווייסט צי די בעלי־בתים וועלן נישט אַ ליאַדע טאָג אָפּנעמען די קינדער.

— לאָז געמאַכט, קיילע! שיט מיר נישט צו קיין זאַלץ. ס׳איז מיר אַזוי אויך געגנוג אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן. מילא, מיט מיין אָרעמקייט האָב איך זיך נישט געשעמט, אָבער גיי שעם דיך נישט מיט אַ בויך פאַר דער התונה. כ׳וואָלט איצט בעסער געוואָלט זיין בלינד, אַז כ׳זאָל נישט קאָנען קוקן דעם רב אין פּנים אַריין. גיי איך קיילע, גיב אַכטונג אויף די לאָבוסעס.

לאָזער מלמד איז אויפן רבס שוועל געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. בעת דער רב האָט אויף אים געוואָרפן אַ בליק, איז אים קאַלט געוואָרן אין די ביינער. דעם רבס איידעמל איז זיך אַזוי בנעימותדיק געזעסן ביי אַן אָפענער גמרא, צוגעשאָקלט זיך, אַז די געקרייזלטע פּאות זיינען גע־פלויגן אין דער לופטן, און געלערנט מיט אַ טרילנדיקן ניגון:

ר׳ עקיבא דרש כל אתן שבתורה וכיון שהגיע לאת ה׳ אליך תירא פרש... פרש... פרש...

— מאיר בער, זיי אויף אַ רגע מפסיק.

דאָס איידעמל איז אַרויסגעגאַנגען מיט דער גמרא אין דער האַנט. אויף דער שוועל האָט ער זיך אויסגעדרייט און דעם מלמד צוגעוואָרפן אַ בליק. און הגם דאָס קעסט־איידעמל האָט לגמרי נישט געוווסט וועגן

וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט זיך לאָזערן אויסגעוויזן, אַז דער יונגערמאַן שילט אים מיט די אויגן.

— זעץ דיך, לאָזער — האָט דער רב געזאָגט און אַרויפגעלייגט אַ פּאַטשיילע אויף זיין אָפן ספר, פאַרמאַכט די אויגן, אַ רגע געוואָרפן דעם קאָפּ פון רעכטס אויף לינקס — יאָ, יאָ, לאָזער, אַזוי קאָן דער שטן אַריינ־כאַפּן אַ נשמה אין זיין נעץ אַריין. איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט אומשולדיק. און דאָך פיל איך, אַז דיין קאָפּ איז באַדעקט מיט אַ בזיון. על כן וואָס איז דאָ צו טאָן? איך וועל שיקן נאָכן הויפּט־דאָזער אפרים נאַסקאָ־וויטש און על חשבון־הקהל וועט מען דאָס פּאָרל חתונה מאַכן. ביסט מסכים, לאָזער?

— דער רב זאָל לעבן פרעגט מיך גאָר צי כ׳בין מסכים, פאַר פרייד גלוסט זיך מיר וויינען.

— נו, גוט, גוט לאָזער, זאָל מען הערן בשורות טובות פון יידן! גיי געזונטערהייט. איך וועל זיך שוין מיט דעם ענין מתעסק זיין.

— אַ יישר־כוח רב, אַ גרויסן יישר־כוח — האָט זיך לאָזער מלמד אַרויסגערוקט פון דער בית־דין־שטוב הינטערווײילעכץ — אַ גוטן תמיד, רב.

דער רב האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט און צוגעיאָגט דעם זמן־חתונה. אַ גביר האָט אָפּגעגעבן אַ סאַלע. די געמינע האָט באַשטעלט צוויי כלי־זמרים. און דאָס גאַנצע שטעטל כמעט איז זיך געקומען משמח־זיין אויף דער קהלישער חתונה.

שפּעט ביינאַכט, נאָך דער חתונה־צערעמאָניע, בעת דער מלמד מיטן ווייב זיינען אַהיימגעקומען איבערלאָזנדיק דאָס פּאָרל אין אַ קעלער־שטוב, האָט זיך לאָזער דער מחותן אַוועקגעזעצט ביים טיש אַ האַלב־שיכורער. אין די געשענקטע בגדים האָט דער מלמד אויסגעזען ווי אַן אויפגעקומענער גביר. ער האָט זיך פאַר נחת גענומען פּאַטשן אין די הענט אַריין.

— שאַ, שאַ, מחותן! — האָט קיילע זיך געבייזערט — וועסט דאָך אויפוועקן איקעלן. ס׳קינד איז מיר אינמיטן דער שמחה איינגעשלאָפן. כ׳ווייס נישט צי ער האָט עפּעס טועם־געווען פון די גוטע מאכלים, מיין אָרעם שעפעלע נעבעך.

— קיילע, איך זע איין, אַז מ׳האָט אַ גוטן גאָט — האָט לאָזער מלמד געזאָגט מיט אַ שיכורדיק געלעכטערל — אין יעדער שטראָף זיי־נער ליגט אַן אויסלייזונג. אַ וואָ! אַ וואָזשנע חתונה געווען. איך בין זאַט פון עסן און טרינקען, פון נחת און פרייד. איך האָב מיר אפילו אין חלום

נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז איך דלפֿן בן דלפֿן וועל פֿאַר חיה בינהן קאָנען מאַכן אַזאַ רייכע חתונה.

— אמת, — האָט קיילע די רביצין געזאָגט — ס׳איז טאַקע געווען אַ שיינע חתונה. מענטשן זיינען צו אונדז גוט געווען. מ׳האָט אונדז באַ־נייט און באַקליידט, אויסגעסטראָיעט חתן־כּלה, אָבער דאָך קרענקט מיך עפּעס אויף קהל. ווען דאָס, זעסטו, וואָלט געווען אויפֿן גלייכן וועג, וואָלט דיר קיינער קיין גראָשן נישט צושטייער געגעבן, נאָר ווייל עס איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ חטא, האָט זיך קהל געוואָלט איינקויפֿן אַ מצווה.

— רעד מיר נישט אויף קהל, קיילע — האָט דער מלמד געלאַכט — דו וועסט נאָך דאַרפֿן אָנקומען צו דער געמיינע. אדרבא, לאָמיך זען צי אַזאַ גביר ווי איך בין זאָל קאָנען מאַכן אַ ברית אָן קהל.

— נאַ, אָט האָסטו לאָזער נאַר. עס בריסט אים שוין. וואָס וועסטו טאָן, אַז ס׳וועט גאָר אַרויסשפּרינגען אַ מויד?

— אַ מויד? אַ מויד? — האָט זיך דער מלמד גענומען פּאַכן מיטן קאַפּל — זאָל זיין אַ מויד. דו זעסט דאָך אַז גאָט פֿאַרלאָזט נישט.

דאָ האָט זיך לאָזער מלמד אויפֿגעכאַפּט. דער גוטער וויין האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו זידן און קאָכן אין אים. ער האָט גענומעןביידע שפּיצן פּאָלעס אין די הענט אַריין און מיט אַ פֿריילעך זמרל אויף די ליפּן האָט ער זיך צעטאַנצט.

פּלוצלונג האָט זיך די טיר אויפֿגעריסן, און חיה בינה אין וועלאָן איז מיט שטורעם אַריין, אַוועקגעפֿאַלן אויף אַ באַנק און מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם אַ זאָג געטאָן:

— פֿייוויש איז אַוועק...

דער מלמד איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל. קיילע איז צוגע־שפּרונגען צו דער טאָכטער, האָט זי מיט אַ ווילדקייט אַ טרייסל געטאָן און געפֿרעגט:

— וואָס הייסט ער איז אַוועק? אַלע בייזע חלומות זאָלן מיר אויס־גיין צו מיינע שונאים׳ס קעפּ. רעד, חיה בינה.

די כּלה איז אַ ווייל געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענע. זי האָט זיך געבראָכן די פֿינגער און מיט פֿאַרטרערטע אויגן געקוקט צום דרויסן.

— וואָס שווייגסטו, חיה בינה? — האָט דער פֿאָטער געזאָגט מיט אַ פֿאַרקלעמטער שטים — גאָטעניו, כ׳האָב דאָך ערשט געטאַנצט און געזונגען.

— ער איז אַוועק — האָט חיה בינה אַרויסגעזיפּצט — ווייל כ׳האָב אים געזאָגט דעם אמת. כ׳האָב אים נישט געקענט גענאַרן... דער סוד וועט דאָך סיי־ווי אַרויסקומען... דאָס קינד איז דאָך פון וואָצעק דעם איינהייצער.

— וואָ־צעק?! — האָבן צוויי קולות מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן ווי ביי אַן אָפן קבר.

קיילע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט מיט ביידע הענט אויפן פּנים און האָט עפּעס שטיל גענומען פּליסטערן, גלייך ווי זי וואָלט געוואָרן געריירט פון זינען.

דער מלמד האָט זיך גאַנץ לאַנגזאַם אַראָפּגעזעצט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום סופיט און גערעדט צו גאָט:

— רבונו של עולם, פאַרוואָס קומט עס מיר? מיין טאָכטער וועט אַרומטראָגן איבער דער שטאָט וואָצעקס פּנים? האָט דען דער שטן פאַר מיר געקאָנט אויסקלערן אַ גרעסערע שטראָף?

— אפשר וועט עס זיין אַ מויד, לאָזער? — האָט קיילעס האַלדז געשלונגען טרערן.

— אַ מויד, אַ יונג. וואָצעקס פּרצוף — האָט דער מלמד זיך איינגעקאָרטשעט פאַר צער.

ס׳איז געוואָרן שטיל. ס׳האָט מער קיינער גאָרנישט געזאָגט. דאָס לעמפּל איז אויסגעגאַנגען. אַ חשכות האָט אַלע דריי געשטאַלטן איינגעהילט. אָבער דער ווייסער פלעק פון חיה בינה׳ס וועלאָן האָט געשוועבט אויף די פינצטערע ווענט...

די האַק

ווען דער וואַלד־סוחר סענדער אָסטראָווסקי האָט זיך מיט זיין ברייטשקע אַרויסגעלאָזט אויפן ברייטן שאָסיי, איז נאָך די אַרומיקע זומער־לאַנדשאַפט געשלאָפן. אין מזרח־ראַנד האָבן די ערשטע ראָזעווע פלעקן זיך געשלענגלט און געקעסטלט, אַקוראַט ווי מ׳וואָלט אויסגעלייגט טע־פּיכער אינעם געטלעכן וועלט־רוים. די טונקל־גרינע לאַנקעס זיינען געווען געשפּרענקלט מיט גאָלדענע פעלד־בלומען. די ברייט־פּאַרצווייגטע טאָפּאָליעס ביי די שאָסיי־ראַנדן האָבן זיך קוים־קוים באַוועגט, די צווייגן האָבן אינעם האַלב־טונקל דערמאָנט אין דינע וויברירנדיקע סטרונעס, אויף וועלכע פייגל שפּילן אויס זייער פרימאָרגן־שירה. דער טייך האָט זיך געקאַרבט ווי אַ געשפּאָלטענער שפּיגל. אויף דער אויבערפלאַך איז געווען אויסגעגאָסן אַן אָפּשיין.

סענדער אָסטראָווסקי, אין אַ יידיש היטל מיט אַ ברייטער דענקע, איז אין דער ברייטשקע געזעסן מיט אַ צעפּלאָנטערטער שוואַרץ־זילבער־נער באָרד, און נישט איינהערנדיק זיך אינעם ריטמישן אָפּקלאַנג פון די פערדישע פּאָדקאָוועס, האָט ער זיך פאַרטראַכט:

„מ׳הייבט אָן מיד צו ווערן פון אַרומלויפן אין די וועלדער. אָפּגע־דאַוונט בחיפזון. אַ שאַפע מיט ספרים, ווו ס׳ליגן איינגעקריצט אין אות גאַנצע אוצרות פונעם יידישן געדאַנק; אָבער ווען נעם איך מיר צייט אין עפּעס אַריינצובליקן? אפילו מיין עונג־שבת איז אַ געשטערטער. כ׳האָב זיך פון שטן געלאָזט אָנרעדן צו ווערן אַ לאַווניק אין שטאָט־ראַט. אפילו נאָכן שבת־דרימל קומט מען צו מיר מיט יידישע ענינים. דער יצר־הרע האָט אַ כוח. ער האָט אין מיר דערוועקט אַ תשוקה צו כבוד. די קינדער האָבן מיך אויך שטאַרק צוגערעדט. זיי גייען דאָך אויף אַנדערע דרכים; גימנאַזיע, וועלט־שפּראַכן, דיפּלאָמען. אוודאי האָב איך הנאה, ווען מיינע זין און טעכטער רעדן מיטן פּריץ קאַצבאַרעק אַ שיין לשון. ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז מיינע קינדער ווירקן אויף אים ווי אַריסטאָקראַטן.

כ׳האָב געפילט ווי אַ שפיץ מעסער האָט מיר אַ שטאָך געטאָן. אָבער צו וועמען זאָל איך דאָ האָבן טענות? צום רבונו של עולם, וואָס גיט מיר פרנסה בריווח, אַז כ׳זאָל קאָנען אויסגעבן מאַיאָנטקעס אויף די קינדערס בילדונג? ווען כ׳פאַרטראַכט זיך, בלייב איך שטיין פאַר אַ באַרג סתירות״.

פלוצלונג האָט אָסטראָווסקי אַ שטאַרקן ציטער געטאָן. ער האָט מער אָפּגעפילט, ווי דערזען, אַז זיין קוטשער פראַנצישעק, וואָס פירט אים שוין צוואַנציק יאָר איבער פּריצישע הייפן, האָט צום ערשטן מאָל זינט ער קאָן אים, נישט אַראָפּגענומען דעם קאַשקעט פאַר דער ליימענער יעזוס־סטאַטוע, האַרט ביים שאָסיי.

„וואָס איז דאָס? — האָט ער זיך במחשבה געפרעגט — ער היט דאָך די יוזלען מער אָפּ ווי דעם קאָשטשאָל אין די זונטיק־פרימאָרגנס. זאָל ער זיך אויך האָבן פאַרטראַכט און אפשר פאַרגעסן?״

אָסטראָווסקי האָט אָבער געפילט, אַז כאָטש די לופט איז מחיהדיק־וואַרעם, האָט אַן אייז־קאַלט שטראָמל אַדורכגעריזלט זיין רוקנביין. ער האָט מיט אַ געוואַלטיקן אומרו אויסגעקוקט די „מאַטקע־באָסקע״־סטאַטוע, וואָס האָט אין געצייליטע רגעס געדאַרפט אויפטויכן מיט אירע פאַרוויאַנעטע בלומען־קרענץ אויפן האַלדז. באַלד איז טאַקע אָסטראָווסקי געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל און אויסגעלופּעטע אויגן. דער קוטשער האָט פאַר דער „מאַטקע־באָסקע״ נישט אַראָפּגענומען דאָס היטל.

אָסטראָווסקי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אָנגעכאַפּט זיין קוטשער ביים אַקסל:

— פראַנצישעק! פראַנצישעק! — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם — פיר מיך תיכף צוריק אַהיים. כ׳האָב פאַרגעסן... אַ דאָקומענט... פאַרן פּריץ. דו הערסט מיך?

דער קוטשער האָט זיך דאָס מאָל נישט אויסגעדרייט מיטן פּנים צום באַלעבאָס. ער איז ווייטער געפאָרן. ער האָט נאָר געהערט די שטים פון זיין מחשבה, וואָס האָט אים אונטערגעיאָגט, צום שאָטנדיקן וואַלד. אָבער ווען אָסטראָווסקי האָט זיך ראַפּטום אויפגעכאַפּט און געמאַכט אַ באַוועגונג צום אַראָפּשפּרינגען, האָט פראַנצישעק אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און געהאַמעוועט די צוויי בולאַנעס. ער איז אַ רגע־צוויי געבליבן זיצן אַ שטומער, אַן אומבאַוועגלעכער. לסוף האָט ער אויסגעדרייט די בריטשקע און צוריקגעפאָרן.

דער איבערגעשראָקענער וואַלד־סוחר האָט דעם קוטשער שטילערהייט אַריינגעפירט אין זיין אויפנאַם־צימער. ער האָט זיך אַ צעטומלטער

אַרומגעקוקט, צוגעגאַנגען צום קרעדענץ, אַרויסגענומען אַ קאַראַפינקע און איינגעגאָסן פאַרן קוטשער אַ גרויס גלאָז וואָדקע. ער האָט זיך שווער־געמיטלעך אַראָפּגעזעצט, אַרומגעווישט זיך דעם שווייס, און מיט אַ ציטער אין זיין שטים געזאָגט:

— טרינק, פראַנצישעק!

דער קוטשער איז געשטאַנען מיטן גראַנאַטענעם קאַשקעט אונטערן לינקן אָרעם. זיינע וואָסערדיקע אויגן האָבן געבלינצלט. ער האָט אויס־געזען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז אָסטראָווסקין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דעם פּאָליאַקס געלע פּאָדקאָווע־וואָנסעס זיינען כהרף־עין ווייס געוואָרן.

— וואָס איז היינט מיט דיר געשען, פראַנצישעק? ברוגז געוואָרן מיט דיינע געטער? זינט איך פאָר מיט דיר, האָסטו קיינמאָל נישט פאַר־געסן אַראָפּצונעמען ס׳היטל פאַר דיינע הייליקייטן.

דער פּאָליאַק האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

— גאָרנישט אָזעלכעס... איך ווער טיילמאָל אַזוי טעמפּ ווי אַ טרו־קענער שייט האָלץ. מ׳קען מיך דעמאָלט אויף קינעלעך צעשפּאַלטן.

— דו זעסט דאָך, אַז טעמפּערהייט קענסטו זאָגן ליגן. איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט היינט אַרויסגעפאָרן מיט בייזע מחשבות. איך פאַרזיכער דיך, פראַנצישעק, אַז דאָס וועט בלייבן אַ סוד. איך וויל נאָר וויסן דעם אמת.

— און דער גלח וועט אויך נישט וויסן?

— דער גלח אוודאי נישט. נו?

דער קוטשער איז נאָך אַ ווייל געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ, אַ פאַרגולמטער.

— די האַק! — האָט ער ענדלעך אויסגערופן.

— וואָס פאַראַ האַק? — האָט אָסטראָווסקי אַ צעטומלטער געפרעגט.

דער קוטשער האָט זיך גענומען באַוועגן ווי אַ חיה פאַרפּלאָנטערט אין צווייגן־געפלעכט. ער איז אַרויסגעגאַנגען און אין געציילטע רגע׳ס צוריקגעקומען מיט אַ שוואַרצע פערד־דערע אונטערן אָרעם. ער האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויפגעוויקלט די קאָלדרע און אַ פינקלדיקע שאַרף פון אַ האַק האָט אַ בליץ געטאָן אין אָסטראָווסקיס אויגן.

אָסטראָווסקיס פּאָטעל האָט אַ קריץ געטאָן די פּאָדלאָגע און זיך גערוקט אויף הינטערוויילעכטס.

— און מיט דער האַק האָסטו מיך...

— כ׳מוז דעם פאַן זאָגן — יאָ! — האָט פראַנצישעק איינגענורעט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען.

— פאַרוואָס? האָב איך דיך שלעכט באַהאַנדלט?

— כ׳ווייס נישט פאַרוואָס... — איז פראַנצישעקס שטים פלוצלונג הייזעריק געוואָרן — כאַפּט עס די יאָסנע כאָלערע... באַפאַלן מיך אַ לוסט צו מאָרדן...

אָסטראָווסקי האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט. דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געצאַפּלט. ער האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט מער נישט געוואָלט אָנקוקן דעם קוטשערס פּרצוף.

— גיי, שפּאַן אויס די פערד, זאָלסט זיך מיר מער נישט ווייזן פאַר די אויגן. וואָס דיר קומט, וועל איך דיר שוין באַזאָרגן.

דער קוטשער איז אַרויס מיט אַזאַ לאַנגזאַמען טראָט, גלייך ווי די פיס וואָלטן אים געווען געפּענטעט.

אָסטראָווסקי האָט שווער אָפּגעאָטעמט, איינמאָל און נאָכאַמאָל.

„כ׳וועל מעגן גומל־בענטשן״... — האָט ער צו זיך גערעדט און האָט זיך פאָרזיכטיק אַריינגעשלייכט אין זיין עלטסטנס זון שלאָף־צימער.

— דוד! — האָט ער אים גענומען וועקן — נעם תיכף דאָס בעסטע פערד און רייט אַרויס צום פּריץ קאַצבאַרעק. וועסט אים געבן דאָס האַנט־געלט — און אָסטראָווסקי האָט אָנגעהאָנגען אויף זיין זונס האַלדז אַ לע־דער־בייטל — ווּעסט זאָגן דעם פּריץ, אַז דער טאַטע פילט זיך עפּעס נישט ביים בעסטן געזונט.

— כ׳רייט שוין אַרויס, טאַטע — האָט דוד געזאָגט און זיין שטים איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אימה.

אָסטראָווסקי האָט איבערגעוואָרט דעם זונס אַוועקרייטן. באַלד איז ער ווידער אַריין אין אויפנאַם־צימער, גענומען די האַק און זי באַטראַכט. „רבונו של עולם... ווען דו גיסט אין מיר נישט אַריין דעם שכל״...

מיט אַ נשמה־ציטער האָט ער אַוועקגעשטעלט די האַק און נערוועז גענומען שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ. אָבער די שאַרף פון דער האַק איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר זיינע אויגן.

מיטאַמאָל איז אָסטראָווסקין עפּעס איינגעפאַלן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די האַק, זי איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע, און מיט שטילע שפּרייזן האָט ער ערגעץ־ווו אַוועקגעאיילט.

ווען ער איז אַריין אין גאָרטן, האָט ער זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט,

האָט געשפּאַנט ווייטער, צום אַלטן בית־עולם. דער בית־עולם איז געלעגן קעגנאיבערן שטאָטישן בית־המדרש. ער האָט אַריינגעבליקט אין מקום־קדוש און דערזען דעם אָפּשיין פון חלב־ליכט בלינצלען, איבער די טישן, פּונקט ווי זומער־פייגעלעך וואָלטן דאָרט אַרומגעפלאַטערט אין דער לופט. אַ פאַרבענקטער גמרא־ניגון האָט זיך אַרויסגעהערט, אַזוי צאַרט-ווייך, גלייך ווי ס׳וואָלט דאָ ווער פאַרבייגעשוועבט אין אַ פּאָר ווייסע זאָקן. אויפן בית־עולם, צווישן אַראָפּגעזונקענע מצבות פון ווייטע דורות, האָט ער דאָרט ביים ראַנד באַגראָבן די האַק און אַרויפגעוואַליעט אויפן גרוב אַ פלאַטשיקן שטיין. ווען ער איז צוריקגעגאַנגען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין האַרץ האָט זיך באַרואיקט און די האַק־שאַרף שטייט אים מער נישט פאַר די אויגן. ביים פאַרבייגיין זיין האָלץ־קאַמער האָט ער דערהערט אַ געצאַפּל פון אַ פּאָר פליגל, ווען ער האָט געעפנט די טיר, איז אים אַ ווייסער האָן מיט אַ רויטן קאַם אַריבערגעפלויגן איבערן קאָפּ. ער האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט ממש דערזען ווי אינעם קאַרב פון אַ קלאָץ, טיף איינגע־שניטן, ווי אַ שאַרף, אין אַ שאַרבן, שטייט די זעלבע האַק, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהאַט באַגראָבן.

דאָס ווייסע ציגעלע

א זוניקער זונטיק נאָכמיטאָג אין אויגוסט. איך בין געבליבן זיצן ביים נאָכמיטאָג־טיש איינער אַליין. דער קירכן־זייגער פון דעם שטילינקן שטעטעלע, אין דער געגנט פון פאָנטענבלוי, האָט אויסגעשלאָגן, ווי אויף אָרגלען אויסגעשפּילט, צוויי לאַנג־צעצויגענע קלאַנגען. ס׳האָט זיך גע־דאַכט, אַז די צוויי ווייט־אָפּהילכנדיקע קלאַנגען האָבן באַוויגן די לאַנד־שאַפט, האַריזאָנטאַל איינגערעמט אין אַ הימלישן בלוי־ווייס, געשפּריצט מיט גאָלד. הגם דער יונגער סאָסנעווער וואַלד, אויפן רוקן פון אַ באַרג, איז געשטאַנען היפּשלעך ווייט פון מיין אָפן פענצטער, האָט זיך מיר אויס־געוויזן, אַז איך זע פון גאַנץ־נאָענט די באַוועגונג פון זיינע צעפּלאָשעטע קרוינען־קעפּ און צווייגן־הענט. אַ וואַלדישער געשאַרך, געשורושע און געפּליסטער, האָט געשפּילט אין מיינע אויערן. די בלוי־גאָלדענע אַזורע, וואָס האָט זיך אין זון־ליכט געשפּילט צופוסנס דעם וואַלד, איז מיר אַזוי נאָענט געשטאַנען אין די אויגן, אַז כ׳האָב ממש געהערט ווי וואָסער־ריטש־קעלעך, דין ווי סטרונעס, שפּילן אויף אַן אויסגעהוילטן שטיין מיט האַר־פּישע אָפּקלאַנגען.

דער נאָכמיטאָג־טיש, וואָס איז געשטאַנען אין אַ סאַלאָן פון אַ מיטל־אַלטערלעכן שלאָס, האָט אויף דריי זומער־חדשים געהערט צו מיין פריינד זאַגורסקי, איינער פון די מענטשן וואָס פאַרמאָגן מער האַרץ ווי פאַרשטאַנד.

באַלד נאָך מיטאָג איז מיין פריינד אַוועק שפּילן קאָרטן. זיין רוסישע פרוי, פּאַשאַ, האָט אין דער קיך געוואַשן דאָס געפעס. זי האָט געזונגען אַן אומעטיק רוסיש פאָלקס־ליד, וואָס האָט דערמאָנט אַ ווינטער־לאַנדשאַפט.

— אויב איר לאַנגווייליקט זיך, מ׳סיע, כאַפּט דערווייל אַ שפּאַציר. איך האָב נאָך אַרבעט אויף אַ שעה. איר זעט דאָך ווי עלעגאַנט מיין מאַן איז... ער לאָדט־איין געסט און... איך בעט אייך נאָכאַמאָל אַנטשולדיקט — האָט זי אַרויסגערעדט פון דער קיך.

— אָ, נעמט אייך נישט איבער, מאַדאַם פּאַשאַ! — האָב איך זיך אויפגעשטעלט און זיך לאַנגזאַם אַרויסגעשלייכט אויפן הויף.

ס׳איז צו מיר גלייך צוגעשפּרונגען מיין פריינדס זעקס-יאָריק שוואַרץ־חנוודיק ייִנגעלע, וואָס האָט געטראָגן אויפן געקרויזטן קעפּל אַ ווייס אַכטקאַנטיק היטעלע, דעם דאַשעק פּאַרוקט צום לינקן אויער. קוקנ־דיק איצט אויף דעם ייִנגעלע האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איידער נאָך איך האָב אים באַקענט. האָב איך אים שוין ערגעצווו געהאַט געזען אין אַ קונסט־אַלבום פון די גרויסע איטאַליענישע מייסטערס.

דאָס ייִנגעלע האָט זיך צו מיר גענומען טוליען.

— קומט, מ׳סיע, איך וועל אייך ווייזן דאָס שטעטל. דער פּאַפּאַ וועט נישט פריער אַהיימקומען... צום אָוונט־ברויט...

האָב איך דעם ייִנגעלע אַ קוש געטאָן און האָב געזאָגט:

— קום וואָווינקע!

ביים אַרויסגיין פון טויער איז פּלוצים אויסגעוואָקסן אַ מילך־ווייס ציגעלע מיט צוויי פּעך־שוואַרצע פלעקעלעך אַרום די אויגן. דאָס ווייסע ציגעלע, וואָס איז ווי אַ היטל נאָכגעלאָפן מיין פריינדס ייִנגל, האָט אויף מיר געווירקט ממש ווי אַ גראַפישע צייכענונג, וואָס וויל איבערשטייגן די נאַטור. די בלוי־ראָזלעכע אויגן פון דעם וווּנדערבאַרן באַשעפעניש, וואָס האָבן אויף מיר גענומען פרעמדלעך קוקן מיט אַזאַ אומבאַרירלע־כער אומשולדיקייט, האָבן מיך אַזוי טיף גערירט און באַצויבערט, אַז כ׳האָב אַזש אַנידערגעקניט און גענומען אַרומהאַלדזן, אַרומגלעטן דאָס געטאָקטע ווייסע ציגעלע, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אַ דין־ציטערדיקן געמעקע, אַן אָפּקלאַנג פון אַ תפילה אויפן לעבן...

דאָס שטעטל איז געווען באַלעבט פון פּאַריזער עלעגאַנטע מענער און קאָקעטישע פרויען, וואָס האָבן דאָ אַרומשפּאַצירט אין קאָלירגרייכע, טיף־דעקאָלטירטע זומער־קליידער, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט אָפּגעבראָנזטע פלייצעס און אָנטבלויזטע טאָרסן ביז צו די האַלבע ברוסטן. פאַרשידנפאַרביקע לוקסוס-אויטאָמאָבילן האָבן זיך שרעקנגעסווייז אַוועק־געצויגן צום שמאָלן זאַמדיקן סטשעזשקעלע, וואָס האָט זיך אַוועקגע־שלענגלט אין וואַלד אַריין.

גייענדיק אַזוי מיטן ייִנגעלע און מיטן ווייסן ציגעלע איבער די פּיטאָרעסקע געסלעך, האָט זיך אַלע ווילע אָפּגעשטעלט אַן אַנדערע דאַמע, אַראָפּגעצויגן די הענטשקעס און מיט די אויסגעצערטלטע הענט־לעך גענומען גלעטן שמייכלען, רעדן, לאַכן צום ווייסן ציגעלע. אויפן בריקל איבער דער אַזערע האָט אַן עלטערע פרוי מיט אַנטציקונג אַ כאַפּ געטאָן דאָס ווייסע ציגעלע אין די הענט און עס אַ קוש געטאָן אין

קעפל אַריין מיט דער זעלביקער ליבלעכקייט, ווי זי וואָלט געקושט אַ גערײַטן קינד...

מײַן פרײַנדס ייִנגעלע האָט זיך אויפן וועג צום וואַלד־צו עטלעכע מאָל פֿאַרשטעקט הינטער אַ בוים, געבליבן שטיין אַ צעשמייכלטער, גע־וואַרט, אַז דאָס ווייסע ציגעלע זאָל אים אויסגעפינען.

אומגעקערט אין שלאָס אַריין האָבן מיר זיך ערשט בשעת דער זון־אונטערגאַנג האָט דעם גאַנצן אַרומיקן פּייזאַזש איבערגעמאָלן מיט כלערליי שפּילעווודיקע פֿאַרבן פון דער הימלישער פּאַלעטע.

מײַן פרײַנד זאַגורסקי און זײַן פרוי פּאַשאַ זײַנען ביים אָוונט־ברויט־טיש געזעסן צעקריגטע. האָבנדיק דאָס געפיל, אַז דער ברוגז צווישן זיי איז אַנטשטאַנען צוליב מײַן וויזיט, האָב איך במחשבה באַשלאָסן מער נישט אָנצונעמען זייער אײַנלאַדונג.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך אין אַ צוויי וואָכן אַרום יאָ געלאָזט איבעררעדן. מײַן בענקשאַפֿט צום ווייסן ציגעלע האָט מיך ממש נישט געלאָזט אײַנרוען.

באַלד ביים אָנקומען, ווי נאָר כ'בין אַריין אין טויער האָב איך זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן... מאַדאַם פּאַשאַ אין אַ ווייסער שירץ איז אונדז אַקעגנגעקומען מיט אַ פּאָר צעפּלאַמטע באַקן. זי האָט איר מאַן געשיקט נאָך ווײַן. מיך האָט זי ווי תמיד מיט אַ גאַסטפרײַנדלעך שמייכע־לע אַרײַנגעפירט אין עס־זאַל, אָפּגענומען די דיסקן, וואָס מיר האָבן מיט־געבראַכט פון פּאַריז.

— ווו איז וואַווינקע? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דער מוטער און געוואַרט אויפן ענטפער: „ער שפּאַצירט אַרום מיטן ווייסן ציגעלע".

מאַדאַם פּאַשאַ האָט אָבער אַ שמייכל געטאָן און דערביי געצויגן מיט די אַקסלען.

— כ'ווייס... ער האָט זיך געמאַכט אַ ברוגז.

— זאָל ער זײַן ברוגז! — האָט מײַן פרײַנד זאַגורסקי געלאַכט, אָנקומענדיק מיט צוויי פלאַשן ווײַן — דער הונגער וועט אים קריכן אין הינטן אַרײַן, וועט ער אַליין קומען בעטן עסן.

מאַדאַם פּאַשאַ האָט מיט אַ ווונק אַרײַנגערופן איר מאַן אין דער קיך. זי האָט אים אייליק עפּעס געזאָגט...

בעת מײַן פרײַנד איז אַרויס פון דער קיך האָט ער אויף מיר גע־וואָרפן אַ בליק... ער האָט זיך גלײַך גענומען צום אויפפּאַקן די דיסקן און באַלד איז דער עס־זאַל ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בינע. די אַלט־

מאָדישע גאָבעלינען אויף די ווענט, וועלכע האָבן געווימלט מיט מאַסן־סצענעס, געוועבט אויפן אינדישן פאָלקלאָר, האָבן געדינט פאַר אַ דע־קאָראַציע צו דער אַריע „לאַ טאָסקאַ", וואָס אַן איטאַליענישער טענאָר האָט געזונגען מיט אַ שטים, ווי געגאָסן פון מעטאַל. איך האָב זיך טיף איינגעהערט אין דער מוזיק.

וואָווינקע איז געקומען צולויפן אַ באָרוועסער. ער האָט זיך אַוועק־געשטעלט ביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט, געכאַפּט אַ בליק און זיך גלייך אַנידער־געזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, אין אַ ווינקל פון סאַלאָן. ער האָט געעפנט אַ קעסטעלע, אַרויסגענומען פאַרשידנקאָליריקע הילצערנע ציגל, צוזאַ־מענגעשטעלט אַ גרינע לאָנקע, אויף וועלכער עס פּאַשען זיך ווייסינקע שעפּסעלעך; אַ פּאַסטעך ביים ברעג פון אַ טייכל שפּילט אויף אַ פּיאָלקע. ער האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויף דעם בילד, אַרויסגענומען די אויגן און געוואָרפן אַ בליק צום טיש. דער פאָטער האָט אים אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט.

— וואָווינקע, מיך באַגריסטו אויך נישט? — האָב איך געפרעגט מיט אַ שמייכל.

ער האָט אַ צוק געטאָן מיט אַן אַקסל, ווי ער וואָלט זיך איבער מיר געבייזערט און זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום טיש...

בעתן מיטאָג האָט מיין פריינד, ווי תמיד, דערציילט עפּיזאָדן פון זיין לעבן אין רוסלאַנד מלחמה־צייט. הגם איך האָב אים דערמאָנט, אַז דעם עפּיזאָד האָט ער מיר שוין דערציילט אַ צען־פופצן מאָל, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שילדערן זיינע „גנבות", וואָס האָבן אים געראַ־טעוועט דאָס לעבן.

ביים סערווירן די קאַפע האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— דו, זשאַק, וועסט דאָך, אוודאי ווי תמיד, גיין כאַפּן אַ קערטל, נו, וועל איך זיך מיט וואָווינקען אַרויסלאָזן אויף אַ שפּאַציר מיטן ווייסן ציגעלע.

ביי די ווערטער האָט מיין פריינד אַרויסגעפּריסקעט אַזאַ געלעכטער, אַז דאָס ווייסע טישטוך איז אַזש באַשפּריצט געוואָרן מיט שוואַרצע פּינ־טעלעך.

— דו ווילסט גיין שפּאַצירן מיטן ווייסן ציגעלע? — האָט ער זיך נאָך אַלץ געקאָרטשעט פאַר געלעכטער — דו האָסט עס דאָך נאַר־וואָס אויפגעגעסן...

— וואָ-עס ?!... — האָב איך אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן... די פיר פיס פון מיין שטול האָבן ווי שאַרפע ציין אַ קריץ געטאָן איבער דער גלאַנ־ציקער פּאָדלאָגע — וואָס רעדסטו, אויפגעגעסן ?... — בין איך געבליבן זיצן מיט אַ מינע, אַקוראַט ווי פּאַר מיינע אויגן וואָלט געשוועבט דעם ציגעלעס ווייסער שוואַנען־האַלדז, וואָס שפּייט מיט בלוט...

— די באַלעבאָסטע אונדזערע האָט היינט געסט, האָט זי געשאָכטן ס׳ציגעלע — האָט מאַדאַם פּאַשאַ געזאָגט מיט אַ שמייכל — ס׳איז אַ ביסל זיסלעך, אָבער זייער געשמאַק...

אין דער רגע האָט זיך דאָס ייִנגעלע, וואָווינקע, אויפגעכאַפּט און איז אַרויס אויפן הויף מיט אַ געוויין...

ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן פאַרוואָס דאָס ייִנגעלע האָט נישט געוואָלט צוגיין צום מיטאָג־טיש...

איך בין אַרויס אויפן הויף, צוגעגאַנגען צום ייִנגעלע, וואָס איז געזעסן אויפן גראָז ווי אַ קינד מיט אַ טיפן אומעט פון אַ דערוואַקסענעם... אין זיינע יונגע אייגעלעך איז געלעגן אַן אַלטע, פאַרשטויבטע וועלטפּראַגע... איך האָב אים אַ צאַרטן גלעט געטאָן איבערן קעפּל... דאָס ייִנגעלע האָט אָבער מיט בייזקייט אָוועקגעשטופּט מיין האַנט... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז פון מיר אַנטלאָפן...

דער גאָלדענער צאָן

פרץ מאַרקיש — געהיילַקט

די אלמנה פון דיכטער עליאַש סאָלאָוואַי, וואָס האָט אָקאָרשט געהאַט גערעדט מיט איר טויטן מאַן אין חלום, האָט זיך האַסטיק איבער־געוועקט פון איר טיפן קאָשמאַרפולן שלאָף. אויסגעשטרעקט די הענט ווי זי וואָלט וועמען אַרומגענומען און מיט אַ פאַרקלעמט דערשטיקט קול אויסגעשריגן:

— עליאַש?!

איר אייגענע שטים האָט אין אירע אויערן אָפּגעקלונגען ווי אַ געוואַי פון אַ שטומער צונג. זי האָט זיך איינגעהערט ווי נאָך איר אויסגעשריי איז די אַרומיקע נאַכט־שטילקייט — נאָך טיפער אַנטשוויגן געוואָרן. ס'האָט זיך איר עקשנותדיק אויסגעוויזן, אַז דער שאָטן פון איר מאַן הוידעט זיך אויף דער וואַנט, קעגנאיבער דעם שרייב־טיש. זי הערט ממש סקריפּען זיין פעדער. און אָט באַלד — אַ געשורשע. ס'האָט ווער צעריסן אַ בלאַט, אַ ווייסער בויגן פּאַפּיר גיט אַ פלי אין קיישל אַריין.

זי איז מיט אַ ווילדן צאַפּל אַרויס פון בעט, אַריינגעקראָכן אין אירע שטעק־שיך, און זייענדיק נאָך געגצלעך אַריינגעוועבט אין דער וועלט פון איר חלום, האָבן אירע ליפּן געגומען פליסטערן:

— עליאַש! האָסט דאָך מיר ערשט געזאָגט: פייניק זיך נישט! דו זעסט דאָך אויס ממש טויטער ווי איך... איך בין לפחות לעבעדיק, ווי אַלע קידוש־השם־יידן אין זכרון פון פאָלק. כ'האָב דאָך דיר שוין מער ווי איין מאָל געזאָגט, אַז נאָך אַלע גרויזאַמע טאָרטורן, האָב איך זיך נישט געוואָלט מודה זיין אין זייערע פינצטערע שקרים. איך האָב מיין נסיון אויסגעהאַלטן. מיין האַרץ איז געבליבן ריין ווי דער לויטערער אָפּגלאַנץ פון אמת. אויב מיין קני האָט זיך איינגעבראָכן, איז עס נאָר געווען אַ פיזישע שוואַכקייט, אָבער נישט חלילה קיין הכנעה. איך בין פאַר די וואַנדאַלן נישט געפאַלן

כורעים און נישט געבעטן רחמים אויף מיין לעבן. איך בין פֿאַר אַנדערע טויט, אָבער אין דיר, שושנה, לעב איך. כ׳באַדויער נאָר וואָס די שרעק פֿאַר מיין לעבן, וואָס איז שוין איצט פֿאַרשוווּנדן לעבט נאָך אַלץ אין דיר... פֿעבוס, דער גאָט פֿון ליד, האָט מיך פֿאַר יציאת־נשמה געהייסן מודה זיין, אַז כ׳האָב געדינט און תפילה געטאָן צו פֿאַלשע געטער. פֿאַר אים האָב איך זיך יאָ מודה געווען. כ׳האָב דאָ געטראָפֿן אַלע קרבנות וואָס די רעװאָלוציאָנערע „אויסלייזער״ האָבן אָוועקגעשיקט אויף יענער וועלט. די מתים האָבן דאָ די לעבעדיקע פֿאַרברעכער פֿאַרמשפּט צום טויט. האָסט מיך כאָטש געפֿאָלגט, שושנה, און פֿאַרברענט די לידער און פּאָעמעס וואָס האָבן, צו מיין גרעסטער שאַנדע, באַזונגען די וואַמפּירן, וואָס האָבן אויסגעזויגן דאָס בלוט ביים אמת פֿון לעבן און פֿון דער קונסט?

אַ דערשיטערטע פֿון איר מאַנס קול, וואָס האָט נאָך אַלץ אַרויסגערעדט פֿון איר אונטערבאַוווּסטזיין, האָט זי אָנגעצונדן אַ ליכט.

ס׳האָט פֿאַר איר אויפֿגעטויכט אַ גרויסע אַכטפּאַכיקע ביכער־שאַנק. די שויבן זיינען געווען פֿאַרלאָפֿן מיט אַ פֿאַרעלע, אָבער זי האָט פֿונדעסטוועגן גלייך דערבליקט די מיטלסטע פֿאַך אין דער ביכער־שאַנק, וואָס איז זינט איר מאַנס אַרעסט פֿאַרבליבן אַן אָפּגעליידיקטע... דער פּירקאַנטיקער פֿינצטערער חלל, גלייך צו אַ גרויסן שטויס ציגל אין אַ פּיראַמידע פֿון ביכער וואָס מיגניעט מיט פֿאַרשידענע פֿאַרביקע טאָוולען און גאָלד־געליישטע רוקנס, האָט איר איצט אַ שטאַרקן שלאָג געטאָן אין האַרץ אַריין... זי איז אַ פֿאַרשטיינערטע געבליבן שטיין מיטן ליכט אין דער האַנט און האָט געפֿילט ווי ס׳האַרץ פֿאַלט איר ממש פֿון לייב אַרויס... איר שרעק איז געווען אַזוי גרויס, כאילו אַ שונאס האַנט וואָלט אויף דער אָפּגעליידיקטער פֿאָליצע, צוריק אָוועקגעשטעלט איר מאַנס ווערק אין יידיש. זי האָט נישט באַנומען פֿאַרוואָס גראָד איצט אין אַ חצות־שעה, נאָך אַ לענגערער צייט ווי איר עליאַשס ביכער זיינען פֿון דאַנען פֿאַרשוווּנדן, האָט דער פּוסטער ווינקל אין שאַנק, איר אַזאַ מוראדיקן שלאָג געטאָן איבערן מוח... פֿאַר קעלט האָט זי אויף זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ מאַנטל, און ווי געיאָגט פֿון עפּעס אַן אומפֿאַרשטענדלעכן אומרו, האָט זי זיך צוגעשלייכט צום שרייב־טיש.

זי איז געבליבן שטיין, ווי בעת אַ תפילה, פֿאַר אַ גרויסן פּאָרטרעט. אַ מענער־קאָפּ, וואָס האָט מיט זיין געטאָקטקייט דערמאָנט אין אַ קלאַסיש־גריכישער סטאַטוע, האָט זיך פֿאַר איר אַנטפּלעקט מיט אַזאַ נייקייט און פֿרישקייט, אַקוראַט ווי אין דער רגע וואָלט זיך איר אויסגעדוכטן, אַז

זי האָט נאָך דאָס פּנים קיינמאָל נישט געזען... אַ שוואַרצע קרוין פון געדיכטע פאַנטאַסטיש־שיינע לאָקן, האָט דער יונגערמאַן געטראָגן אויפן קאָפּ, ביז אין האַלבן שטערן אַריין, אין זיינע גרויסע פּאָעטיש־פאַרחלומטע אויגן, אין וועלכע ס׳האָט זיך באַנאַנד מיט אַ לעבנס־לוסט אָפּגעשפּיגלט אַ גלויבן אין אַ נייער וועלט פון פרייהייט און גערעכטיקייט, האָט געברענט אַ גליענדיקער פייער פון אַ שאַפערישער נשמה וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט צו וועבן אַ טעפּיך פון פערזן צו פאַרוואַנדלען דעם טראַגיזם פון לעבן — אין האַרמאָנישע, העל־טענערדיקע, מוטיקע געזאַנגען. דער סודותדיקער דינער שמייכל וואָס האָט ווי אַ געטלעך חן־פינטעלע געשוועבט אויף זיינע פיין־פאַרמירטע ליפּן, האָט די אלמנה ממש דערשיטערט מיט זיין צויבער און מיטן טראַגיזם פון בלייבן בלויז אויפן לייוונט אומבאַרירט... אַ געדאַנק האָט זי געטרייסט, אַז אפילו די ווערים האָבן דעם שמייכל נישט געוואָלט אויפפרעסן, אויס באַציאונג צו שיינקייט... אַ שוואַרצע סאַטינענע רובאַשקע מיט אַ שטייענדיק קעלנערל אין האַלדז אַריין, באַצירט מיט ווייסע פּערלמוטערנע קנעפּ, האָט איר אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן... אַ געפלאָכטענער גאַרטל אַרום זיין שלאַנקער יונג־בחורישער טאַליע, רעכטס פאַרבונדן מיט אַ נאָכבאָמבלדיקער טראָלד, האָט שטראַם פאַרצויגן איר האַלדז און זי געשטיקט... די דאָזיקע בלוזקע האָט אין איר זכרון אויפגעלעבט די יוגנט פון אַ רעוואָלוציאָנערן טרובאַדור, וואָס גייט אַרום צווישן אַרבעטער־פאָלק מיט אַ לירע אין האַנט און שפּילט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין וועגן נייע זוניקע קאַיאָרן.

קוקנדיק אַזוי פאַרגאַפט, פאַרליבט און אינערלעך פאַרוויינט אויף איר מאַנס יוגנט־פּאָרטרעט, האָט שושנה געוואָלט פון זיך אַרויסשרייען, אָבער איר קול איז איר געבליבן פאַרקלעמט אין דער קעל... זי האָט איצט אויפסניי נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איר עליאַש איז אויף אַן אכזריותדיקן אופן אומגעבראַכט געוואָרן פון זיינע אייגענע אידעען־ברידער און דערצו נאָך — אויף דער ערד פון זיין אויסגעחלומט פּאָטערלאַנד, וואָס ער האָט אַ לעבן־לאַנג באַזונגען...

זי האָט אויפגעשלאָסן אַ שופלאָד און אַרויסגענומען אַ מאַנוסקריפּט. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט ווי אַן איינגעבראָכענע און אַ היפּשע ווייל זיך איינגעקוקט אין איר מאַנס כתב־יד. זיין שריפט האָט איצט דערמאָנט אין די ליבעס־בריוו, וואָס ער האָט איר געפלעגט שיקן ווען זיי זיינען געווען צעשיידט. דאָס ווערק וואָס שושנה האָט איצט באַטראַכט, איז געווען איר מאַנס לעצטער, אומפאַרענדיקטער ראָמאַן.

זי האָט אַ פֿאַרביטערטע אַ בלעטער געטאָן און גענומען לייענען מיט אַן אינערלעך פֿאַרשלונגען געוויין.

„דעם גאַנצן וועג אין געסטאַפּאָ האָט דער עסעסאָוויעץ אים גע־שלאָגן מיט דער גומענער בייטש. דער אָרעמאַן איז גייענדיק געפֿאַלן עטלעכע מאָל און אַ צעשלאָגענער געגאַנגען ווייטער"...

— אָרעמער עליאָש! — האָבן אירע ליפּן גענומען פֿליסטערן — דו האָסט דיך נעמעך איבערגענומען מיטן גורל פֿון דעם געטאָ־ייד, וואָס די עסעסאָווצעס האָבן אים צעשלאָגן. בעת דו האָסט געשריבן די שורות האָסטו נאָך געגלייבט, אַז אונדזערע שונאים באַשטייען נאָר פֿון עסעס־אָווצעס... דו האָסט דיר בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דער ראַסן־האָס לעבט אויך צווישן אייגענע פּאַרטיי־חברים... דערביי האָבן זיי נאָך מיט דיר אָפּגעשפּילט אַ צינישע און גאַליקע קאָמעדיע... אַ טאָג פֿריער האָבן זיי אויף דיין קאָפּ אַרויפֿגעזעצט אַ קרוין, אַ טאָג שפּעטער — אַראָפּגענומען צוזאַמען מיט דיין וווּנדער־שיינעם קאָפּ... זאָג מיר, עליאָש, מיין טויטע קרוין, וואָס האָסטו מיך עפּעס אויפֿגעוועקט אין מיטן שלאָף גראָד אין דער נאַכט?... ביסט מיך חלילה חושד, אַז כ'האָב דיך פֿאַרגעסן?.. ניין, אַפֿילו אויף אַ רגע — אויך נישט. און נישט בלויז איך גופֿא האָב דיך נישט פֿאַרגעסן, נאָר דאָס גאַנצע פֿאָלק דעקלאַמירט דיינע לידער. דאָס פֿאָלק אין אויסלאַנד דערמאָנט טאָג איין, טאָג אויס, דיך און דיין מאַרטירער־טויט...

זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און ווי געיאָגט פֿון עפּעס אַ געשפּענסט, האָט זי אַ ווילדן שפּרייז געטאָן און ווידער געבליבן שטיין מיטן ליכט אין האַנט ביי דער אָפּגעליידיקטער פֿאָליצע פֿון דער ביכער־שאַנק. דאָס מאָל, האָבנדיק נאָך פֿאַר די אויגן איר מאַנס יוגנט־פּאָרטרעט, איז די פּירקאַנטיקע ליידיקייט אין ביכער־שאַנק פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿאַרקראַטעוועט תפֿיסה־פֿענצטערל. צווישן די קראַטעס האָט זי געזען שוועבן איר מאַנס קאָפּ... זיינע דינע ליפּן — אויפֿגעשוואָלן... זיינע פֿאָ־דער־ציין — אויסגעהאַקט... אָרום זיינע אויגן — בלויע און שוואַרצע פֿרענגעס... די לאָקן — אַראָפּגעשאָבן... דער גאָלער שאַרבן — דאָ און דאָרט — אויפֿגעשפּאָלטן... איבער זיין מוח זיינען צעשלענגלט בלוט־ליניעס... זיין גוף — איינגעהילט אין אַ צעפּליקט אַרעסטאַנטן־העמד...

— גאָט מיינער! — האָט זי אויסגערופֿן מער מיטן האַלדז ווי מיט איר נאַטירלעכער שטים — זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און זיך איינגע־קאָרטשעט, איינגראָבנדיק דעם קאָפּ אין די אַקסלען.

זי האָט מיט ציטערנדיקע ליפּן באַלויכטן דאָס אייזערנע בעטל, אין וועלכן ס׳איז געשלאָפן איר זון גרישאַ. זיין קאָפּ איז געווען פאַרנורעט אין די קאָלדרעס. זי האָט אויסגעשטרעקט איר לינקע האַנט. די שרעק אין איר האָט זיך פאַרמאָסטן אים אויפצוּוועקן, אָבער איר איינגעקראַמפּטע האַנט האָט זיך לאַנגזאַם צוריקגעצויגן, גלייך ווי זי וואָלט זיך פּאַוואָלינקע געזוקט אויף הינטערווייליעכץ. זי האָט עפּעס איצט נישט געוואָלט זען איר זונס פּנים — דאָס אָפּבילד פון איר מאַן אין דער יוגנט. אויפן שעפּסן־פעלעכל ביי איר זונס בעטל האָט זי דערבליקט אַן אויפגעבלעטערט בוך. זי האָט אויפגעהויבן דאָס בוך און באַטראַכט דאָס שער בלאַט.

„ער לייענט שוין ווידער דאָסטאָיעווסקיס „דניעוּוניק״ — איך געדענק דאָך ווי ער האָט דאָס ווערק געהאַט געלייענט אין סאַמע פרילינג פון זיין לעבן. ער איז דעמאָלט געווען פול מיט התלהבות און האָט שטאַרק געגלויבט אין דער מיסיע פון ליטעראַטור און קונסט. אויף אַלע אויפנאַמעס האָט ער געפּלעגט דעקלאַמירן: פּעטן, נעקראַסאָוון, אַנדרעי ביעלין, אַלעקסאַנדער בלאָקן, פּושקינען און לערמאָנטאָוון. וואָס ציט אים שוין ווידער צום „דניעוּוניק״?

זי האָט אַ בלעטער געטאָן דאָס בוך און איר בליק איז געפאַלן אויף אַן אַפּזאַץ:

„די נאַטור, נישט נאָר וואָס זי אָנערקענט נישט, אַז איך האָב רעכט צו פאָדערן ביי איר דין־וחשבון, נאָר זי ענטפערט אפילו נישט״...

זי האָט באַטראַכטנדיק אַוועקגעלייגט דאָס ווערק, געוואָרפן אַ בליק אויפן גוף פון איר איינגעקנוידערטן זון, איינגעהערט זיך אַ ווייל אינעם אומרואיקן ריטם פון זיין אָטעם־הויך און מיט אַ שרעקלעכן געזשום אין מוח — אומגעקערט זיך אין איר צימער. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס מעשענע לייכטערל מיטן צעטאָפּיעטן ליכט אויפן שרייב־טיש און זיך צוגעשלייכט צום פענצטער.

די שטאָט איז אין דרויסן געלעגן אַזוי נאַכטיש-שטיל. אַקוראַט ווי אַ געמאָלן בילד אויף אַ מילכשטראָמיקער, סאַמעט־בלויער לייוונט, געשפּרינקלט מיט זילבערנע שטערנדלעך און געשטרייפט מיט פייער־ליניעס. אויפן לאַנדשאַפט געמאָלן אין זילבער־טאָן, האָבן זיך געצייכנט קופּאָלן איבער קופּאָלן, טורעמלעך, קאַרניזן, און אומצאָליקע קופּער־קאָלירטע גלאָקן פון נאָענטע און וייטע צערקווס. אַ רויט שטיק געוואַנד אויפן שפּיץ פון אַ קופּאָל האָט, ווי אַ בלוטיקע כוואַליע, זיך אויפגעטורעמט פאַר אירע אויגן און זיך פאַרלוירן. אַ באַגילדעטער שטערן אויף אַ מלוכה־

געביידע, האָט אַרויסגערופן אַ שוידערלעכן ציטער אין איר האַרצן. דאָס בילד ווי אויפגעהאַנגען אין די רוימען, האָט זיך אין אירע אויגן באַוויגן: אַ רגע הויך און העכער, אַ רגע — נידעריק און נידעריקער. די ווינטער־גאַסן זיינען געווען ווי איבערגעצויגן מיט פערלמוטער און ווי באַשפריצט מיט בלוט־פלעקן. אין די אויסגעלאָשענע שויבן פון שכנותדיקע פענצטער, האָבן זיך געריסעוועט כלערליי פאַנטאַסטישע בלומען און פיגורן, וואָס האָבן דערמאָנט אין גלאָז־מאַלערייען.

זי האָט דערפילט אַ שוידער אין די ביינער. ס׳האָט איר גענומען קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן. זי האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און איז צוריק־געגאַנגען אין בעט אַריין. זי האָט זיך איינגעקוקט ווי דאָס אויסגעלאָשענע ליכט האָט איבערגעלאָזט אין דער לופט אַ דין בלוי פעדעמל וואָס האָט זיך אינעם אַרומיקן חשכות צעשלענגלט, אַקוראַט ווי אויף מאַנס שרייב־טיש וואָלט עפּעס פאַרברענט געוואָרן...

„כוויס נישט פון וועמען פריער צו טראַכטן: פון מיין טויטן מאַן, צי פון מיין זון. ווער ווייסט? צי ער לעבט זיך חלילה נישט אַריין אין די פינצטערע מחשבות פון דאָסטאָיעווסקיס אַליינמערדער... אָרעמער זון מיינער! הייסט עס, אַז מיר האָבן קיין רעכט נישט צו פאָדערן ביי דער נאַטור אַ דין־וחשבון. און ביי וועמען — יאָ? ביי גאָט? די נאַטור ענטפערט נישט. און גאָט ענטפערט דען יאָ? וויפל; קשיות האָט אים מיין אלמנה׳דיק האַרץ שוין געשטעלט זינט מיין מאַנס טויט? טאָ פון וועמען באַקומען אַ תשובה? וועלכע פראַגע מאַטערט מיך אַמשטאַרקסטן?... יאָ, אָט איז עס! צי האָב איך געדאַרפט אָננעמען די אַנטשעדיקונג פאַר מיין מאַנס קאָפּ?... מיין גרישאַ דרייט זיך טאַקע זינט דעמאָלט אַרום ווי אַ געסמטער... ער שפּייט מער ווי ער עסט און רויכערט. זיין שווייגן שרייט פון מיר אַרויס. ער איז מסתמא באַהערשט פון אַ נקמה־געפיל, וואָס געפינט נישט קיין אויס־לייזונג"... — האָט זי געטראַכט מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך איינגעקאָר־טשעט, וואָרפנדיק זיך פון רעכטס אויף לינקס כאילו זי וואָלט זיך מיט אַלע כוחות געוואָלט אַריינרייסן אין דער וועלט פון שלאָף.

צומאָרגנס אין דער פרי בעת שושנה האָט געעפנט אירע אויגן, האָט זי אין איר צימער געזען אַרומשפּאַנען איר זון גרישאַ. ער האָט געטראָגן דעם בעסערן אַנצוג, וואָס ער פלעגט אים נאָר אָנטאָן צו אַן אויפנאַמע. אין זיינע הענט פאַרקניפּט אויף הינטן, גלייך ווי ער וואָלט חלילה געווען געשלאָסן אין קייטעלעך, האָט געפלאַטערט עפּעס אַ פּאַפּירל.

— גרישאַ! — האָט די מוטער אויסגערופן מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם.

גרישאַ איז מיט אַ ווילדן שפּרייז אויסגעוואַקסן ביי זיין מוטערס בעט. ער איז אומגעשיקט אַ פּאַל געטאָן אויפן ראַנד פון בעט. ער האָט זיין מוטער איצט מער ווי תמיד אַרומגעהאַלדזט און אויסגעקושט. און נאָך אַ ווייל געזאָגט:

— מ׳רופט אונדז...

— וואָסערע צרות קומען שוין ווידער אויף אונדזערע קעפּ? — האָט שושנה אַרויסגעריסן דאָס פּאַפּירל פון איר זונס האַנט, און מיט אַ פּאָר אויסגעלופּעטע אויגן גענומען לייענען:

פּראָקוראָר דימיטרי דזשובאָוו?!

איר האַלדז האָט אַ קריי געטאָן — ער וויל אויסצאַפּן אונדז ס׳לעצטע ביסל בלוט... — האָט זי קראַמפּהאַפּט אָנגעכאַפּט איר זונס האַנט און זי גענומען קנייפּן... — ער רופט שוין ווידער... האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געענדיקט אונדזערע צרות? וואָס קען דאָס זיין, גרישאַ?

— כ׳ווייס נישט — האָט ער זיך מיט פאַרבראָכענע הענט אויפגעכאַפּט — ביי זיי ווייסט מען אפילו נישט דאָס, וואָס מען ווייסט יאָ... רעהאַביליטאַציע קען אַמאָל אין זייערע ווערטער־ביכער באַדייטן עפּעס אַנדערש... לאָמיר נישט פאַרלירן קיין צייט, מאַמושקאַ; מ׳דאַרף זיין פּינקטלעך — האָט ער אַרויסגענומען די „איינלאַדונג״ פון דער מוטערס האַנט און זי נאָך אַמאָל באַטראַכט.

ער איז מיט שווערע טריט צוגעגאַנגען צום שופלאַד, אַרויסגענומען זיין פאָטערס פאַרבליבענע מאַנוסקריפּטן, געמאַכט אַ טראָט רעכטס, אַ טראָט לינקס, און לסוף געבליבן שטיין אין מיטן צימער אַן אַפּהענטיקער...

שושנה האָט מיט אַ פּאָר צעפּינטלטע אויגן באַטראַכט איר זון. ער האָט אויסגעזען ווי אַן איינגעבראָכענער העלד וואָס איז אין מיטן קאַמף מיד געוואָרן זיך צו ראַנגלען מיט זיין אייגענעם טראַגישן גורל. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וואַרפט ער זיך ערגעץ־ווו אַוועק אין אַ ווינקל און שרייט אויס: „גענוג! כ׳קאָן נישט מער״...

— ווו לויפסטו מיט די מאַנוסקריפּטן, גרישאַ?

— כ׳וויל זיי ערגעץ פאַרשטעקן... ביז דו וועסט דיך אָנטאָן וועל איך זיין צוריק. כ׳מיין ביים דראַמאַטורג לאַפּאָו. ער האָט דאָך דעם פּאַפּאַשאַ שטאַרק פאַרערט. אפשר וועט זיין געפיל פאַר גערעכטיקייט גובר זיין די שרעק? — האָט זיך זיין שטים געוואָרגן אין דער קעל.

— ניין, גרישאַ! — האָט זיך שושנה מיט ביידע הענט צוגעהאַלטן

די שליפּן — זאָל געשען וואָס ס'איז באַשערט, אָבער טראָג מיר נישט אַרויס דיין טאַטנס האַרץ... לאָז אַלץ שטיין און ליגן. לויף בעסער אַריבער צו די צוויי אלמנות פון דיין טאַטנס אינטימסטע קאָלעגן און פרעג זיי, צי זיי זיינען אויך געדופן געוואָרן. ס'קאָן זיין, אַז איצט איז אויף אונדז געקומען די ריי זיך „מודה" צו זיין...

גרישאַ האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן האַנט-זייגערל. ער האָט מיט ווילדער באַוועגונג צוריקגעלייגט די מאַנוסקריפּטן און איז אַן אַנטשוויגענער אַרויס פון צימער.

— וואָס קאָן דאָס זיין, גאָט מיינער?! — האָט שושנה זיך אַליין געפרעגט און זיך גענומען אַנטאָן מיט אַזאַ כאַפּ־לאַפּעניש, גלייך ווי אין איר דירה וואָלט פלוצלונג אויסגעבראָכן אַ שריפה.

בעת זי האָט זיך אָנגעטאָן דאָס שוואַרצע היטעלע מיט דער שוואַרצער וואָלקע, האָט זי זיך צוגעשטעלט צום שפּיגל. זי האָט דערזען איר אויסגעמוטשעט פּנים — פאַרקראַטעוועט מיט דינע שוואַרצע פעדים. אין דער ווינטעוודיקער פּרימאַרגן־טונקלקייט, האָבן זיך אויפן אָוואַל פון איר פּנים אָפּגעשאָטנט שוואַרצע קעסטעלעך, ענלעך צו פרענגעס פון אַ נאַגייקע. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַן אומשולד און אַ שטיק וועלט־טרויער, וואָס באַזעצט זיך לרוב אין איידעלע נשמות. ביים שפּיגל שטייענדיק האָט זי זיך דערמאָנט, אַז איר זיידע ר' יואל האָט געפלעגט זאָגן, אַז בעת אַ מענטש מיט אַ פאַרפלעקטער נשמה שטעלט זיך אַוועק פאַר אַ פאַרפאַטשקעטן שפּיגל, קומט ער נאָך־אַלץ אַרויס ריינער, ווי אַ זינדיקע נשמה פאַר אַ ריינעם שפּיגל.

ביי דעם געדאַנק האָט זי דערהערט איר זונס לויפנדיקע טריט. ער איז אַריינגעקומען אַ צעיאַכמעטער, מער איבערגעשראָקן ווי פריער, און האָט מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם אַ זאָג געטאָן:

— קום מאַמושקאַ! דו ביסט די איינציקע אלמנה פון די דערמאָרדעטע שרייבער און קינסטלער, וואָס איז געדופן געוואָרן... כ'האָב געקלונגען צו... נישט וויכטיק, לאָמיר גיין!

— די איינציקע?! — האָט זיך שושנה אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, און האָט מיט אַן אָפן מויל, גרייט צו אַן אויסגעשריי, אָנגעקוקט איר זון.

— יאָ די איינציקע... — האָט גרישאַ אָנגענומען זיין מוטערס אָרעם און זי אַרויסגעפירט.

זי איז געזעסן אין טראַמוואַי ווי באַטויבט פון אַ פרישן קלאַפּ איבערן מוח. דער טראַמוואַי-גלאָק האָט אין איר געמיט איצט אָפּגעקלונגען ווי

דער טויט־דערמאָנענדיקער געברעמזע פון די צערקווע־גלאָקן בעת אַ לוויה־צערעמאָניע... זי האָט מיט אַ פּאָר שטאַרע אויגן געקוקט אויפן געווימל פון מענטשן, אויף באַקאַנטע גאַסן, אָבער זי האָט די געביידעס נישט מער דערקענט. אַלצדינג איז פאַר איר בליק געווען פאַרנעפּלט. דער דרויסנדיקער נעפּל האָט אין אירע אויגן אָנגענומען פאַרמען פון אומגעהויער־גרויסע און לאַנגע שלאַנגען, וואָס האָבן זיך געוויקלט און געקנוילט וואָס אַמאָל אַלץ ענגער און ענגער אַרום איר האַלדז, אין וועלכן ס׳האָט זיך ווי אַ שטעכנדיקער ביין, אָוועקגעשטעלט — אַ נישט אויסגעוויינטע טרער. געדאַכט האָט זיך איר, אַז אָט־אָט וועט זי מיט אַ באַנומען קול עפּעס אויסשרייען. אָבער זי איז געבליבן זיצן אָן אַנט־שוויגענע און האָט אפילו נישט דערזען אירע טראַמוואַי־שכנים, וואָס האָבן געקוקט אויף אירע שוואַרצע מלבושים, ווער מיט מיטלייד, ווער מיט חשד...

דערנאָך האָט זי עפּעס ווי אין אַ חלום דערפילט, אַז איר זון פירט זי איבער ברייטע מאַרמאָרענע שטיגן. זי שפּאַנט אין אַ גרויסן רחבותדיקן רוים, וואָס הגם ער איז פאַרזען מיט אומצאָליקע פענצטער, איז נאַכטיש־פינצטער. די מילך־ווייסע באַלאָנען און דינע ליכט־פעדעם צייכענען זיך ווי גאָלדענע אָדערן אין אַ קרייז, דערמאָנען אין פאַרזשאַווערטע האָקעס פון אַ „תליה״. זי זעט ממש ווי מענטשלעכע גופים הוידלען זיך און דרייען זיך... בראַנדיקע פּנימער פון געהאַנגענע מיט אויסגעשטרעקטע צונגען, קוקן אויף איר פון אַלע זייטן... טריט, טריט און טריט, הילכן נאָכאַנאַנד אויף די צעפּינקלטע רויט־ווייסע פּאַסאַדזקעס. טירן עפענען זיך, טירן פאַרמאַכן זיך. דאָ פירט מען אַריין אַ גרופּע מענער און פרויען, דאָרט — פירט מען אַרויס... לופעס פון ביקסן שטעכן זיך אויף אַ ווייל אַריין אין אירע אויגן און פאַרשווינדן. אָבער די אָפּגייענדיקע טריט פון די אָוועקגעפירטע מענטשן, הערן נישט אויף אָפּצושלאָגן אין איר מוח...

ס׳איז קוים פאַראיבער אַ האַלבע שעה איז זי שוין געזעסן אין אַ גרויסן זאַל, דעקאָרירט מיט רעוואָלוציאָנערע בילדער און פּאָרטרעטן פון די קרעמל־פירער. זי האָט געהערט ווי אַ הייזעריקע שטים האָט צו איר געזאָגט:

— אייער זון מעג אויך אַריינקומען.

זי האָט פאַר זיך געזען אַ ברייטביינערדיקן, גראָבן טיפּ מיט אַן אומגעהויער גרויסן גלאַטיק־אָפּגעגאָלטן קאָפּ, זיין פּנים איז געווען קאַנ־

טיק, די אויגן מאַנגאַליש־לענגלעך. די אויבערשטע ליפּ — אַ גאַנץ דינע, די אונטערשטע — אַזוי דיק ווי אַן אויפגעשוואָלענע. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט דער ביטערקייט פון אַ חיה, וואָס דערפילט, אַז דעם קרבן באַפאַלט אַ טויט שרעק...

שושנה האָט אים דערלאַנגט די קאָמאַנדיראָווקע. דער פּראָקוראָר האָט אַ ווײַלע געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעשפּאַרט איבער אַ דיקן פּאַק פּאַפּירן. באַלד האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַן אויסגעקרומטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן:

— דאַ, דאַ. די לאַגע איז אַזעלכע — האָט ער געוואָרפן אַ בליק דאָ אויף דער אלמנה אין שוואַרצן, דאָ אויף איר זון — פאַרבליבן פון אייער מאַן און פאָטער אַ קעגנשטאַנד, וואָס מ'האָט ערשט איצט צוגע־שיקט אונדזער פּראָקוראַטור. אָט קערן מיר אייך דאָס צוריק. אונטער־שרייבן!

שושנה האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אונטערגעשריבן.

— איר זעט איצט דעם אמת. ביי אונדז ווערט גאָרנישט פאַרפאַלן — האָט דער פּראָקוראָר אַרויסגענומען פון אַ שופלאַד אַ קליינטשיק שאַכטעלע און עס מיט אַן אַמטלעכער גלייכגילטיקייט געעפנט.

פון שאַכטעלע האָט אַרויסגעקוקט אַ גאָלדענער צאָן.

שושנה האָט אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן קוויטש, אַראָפּגעגליטשט זיך פון שטול און געפאַלן אין חלשות — — —



פאריזער דערציילונגען

קאַשמאַרן אין אַ מאַי־נאַכט

דער אַלגעמיינער שטרייק פון יענע מאַי־טעג, וואָס איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן פון איבער צען מיליאָן אַרבעטער, האָט שוין די דריטע וואָך פּאַראַליזירט די לאַנד־באַוועגונג. די גאַסן זיינען געווען באַהערשט פון דער שטודירנדיקער יוגנט. אין לאַטייניש קוואַרטאַל האָבן נאַכט נאָך נאַכט געפּלאַקערט אויטאָמאָביל־באַריקאַדן, בולוואַר־ביימער, אַרויס־געזעגט און אונטערגעצונדן פון אויפגעברויזטע, צעבושעוועטע סטודענטן פון כלערליי פאַקולטעטן און ליצייען. די אויסגעפּלאַסטערטע שאָסיי־שטיינער פון „בול־מיש", „אָדעאָן", ביז אַריבער צום מעדיציניש פאַקול־טעט, זיינען געווען אַרויסגעריסן און צעוואָרפן איבערן גאַנצן קוואַרטאַל. די ערד איז פאַרן אויג געלעגן אַ נאַקעטע, אַ געשפּאָלטענע, אַ גילעכער־טע. די קאָפּע־שויבן — אויסגעבראָזגעט. אויף די טראָטואַרן — בערג פון גלאָז־קרישקעס. פאַרבייגייער האָבן דאָ געשפּאַנט מיט אַ וואַקלדיקן טראָט ווי אויף אויסגעהוילטע אייז־קריעס.

אַרום אַכט אַזייגער אָוונט האָט זיך מיכאַל בערגמאַן, איינער פון די איינזאַמע פּען־מענטשן, אַוועקגעזעצט אויף אַ טעראַסע, מיט איין פּראָ־פיל צום רעפּובליק־פּלאַץ; מיטן צווייטן פּראָפיל — צו די „גרויסע בול־וואַרן".

ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אינעם געדיכטן, איבערגעפּאַקטן המון, וואָס האָט נאָכאַנאַנד פאַרבייגעשטראָמט, האָט זיך פאַר זיינע אויגן אַוועקגעשטעלט אַ גאַסן־בילד, ענלעך צו מלחמה־אויסברוך.

מענטשן האָבן געשפּאַנט האַסטיק, צעטומלט און איבערגעשראָקן. די נייגעריקע אַרום די ציַיטונגס־קיאָסקן זיינען געשטאַנען ווי אָן אייב־געמויערטע וואַנט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אַוועקשווענקען פון די ברייט־צעפּלאָסענע מענטשן־כוואַליעס. ביים גאַנצן בענזין־מאַנגל האָט דער ענגער אויטאָמאָבילן־פאַרקער זיך אָפּגעשטעלט, פאַרטייעט ווי אַ גע־פרוירענער טייך. פּאָליציישע פּייפלעך האָבן פון נאָענט און ווייט געזשומעט.

קאָנדוקטאָרן האָבן זיך אַריינגעזידלט אין די אָפענע פענצטערלעך. פאַר אויפרעגונג האָבן זיי אומאויפהערלעך געטרובעט און פאַרטויבט די גאַסן. זקנים האָבן זיך פאַרבייגעשלייכט מיט די הענט אויף די אויערן. אין אַלע ראַגעס — „אויטאָסטאָפּניטשקעס״, וואָס האָבן לאָקנדיק געשמייכלט צו די פאַרבייפאָרער. די טאַבאַק־עטאַלאַזשן זיינען געווען באַלאַגערט. אָרעמע מענטשן האָבן פאַר נויט געררויכערט גראָבע ציגאַרן. די געשלאָסענע מעטראָ־איינגענג האָבן דערמאָנט אין תפיסה־שטאַכעטן. ביי דער סאַמע לעצטער מעטראָ־שטיג זיינען געלעגן וואַגאַבונדן אויסגעבעט אויף פּאַפּיר און האָבן נחת־רוחדיק אַריינגעשנאַרכעט אין דער צעשריגענער שגעוו־דיקער וועלט אַריין. אויף די מעטראָ־פּאַרענטשן האָבן געריטן אַ כנופיה הפקר־יונגען, אַכבראַשניקעס און שקאָציש געפיפן, געשמיצלט צו פאַר־ביישוועבנדיקע מיידלעך. די פענצטער פון די פאַרקראַטעוועטע בענק זיינען, נוסח כינע, געווען פאַרשטעלט מיט טאָוולענע וואַנט־צייטונגען, באַשטאַכן מיט רויטע פענדלעך. די איבערגעפולטע מיסט־קעסלען ביי די טראָטואַר־ראַנדן, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַן עיפושדיקן ריח, האָבן נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן די אומאָרדענונג און לאַנד־איבערקערעניש.

מיכאַל בערגמאַן איז געזעסן פאַרטראַכט:

„דאָס מאָל איז נישט דער אַרבעטער־קלאַס דער ערשטער אַרויס אין קאַמף, נאָר די סטודענטשאַפט און פּראָפעסאָרשאַפט, וואָס וואַרפן אָפּ די אַלטע אָפּגעלעבטע מעטאָדן, דעם פּראָווינציאַנאַליזם, מאָנען אַ בילדונגס־סיסטעם אויף גאַנץ נייע יסודות, פאַררופן זיך אויף דער מאָדערניזאַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער צי איז צו אַזעלכע פאָדערונגען אומ־באַדינגט נויטיק אַזאַ טייוואָנישער צאָרן? אויסגעוואָרצלטע ביימער מיט אונטערגעבראָכענע צווייגן, ווי וויסעביינער, רופן דאָך אַרויס אַ שטאַרקערן ציטער ווי אַ טויטער מענטשישער גוף. דערמאָנען נישט אַמאָל די אונטערגעצונדענע אויטאָמאָבילן אין נאַצישע אויטאָ־דאַ־פעס? דער־ביי האָט דער שטן־המשחית אַריינגעכאַפּט די יונגע רעוואָלוציאָנערן אין אַ ברייטער נעץ פון סתירות. אויב באַנייאונג, טאָ פאַרוואָס איז די סאָרבאָנע באַצירט מיט פּאָרטרעטן פון אַלטע רוצחישע דיקטאַטאָרן? אפשר שרייט גאָר פון דער יוגנט אונטערבאַוווסטזיניק אַרויס דער אימת־המוות פאַר אונדזער אַטאָמישער צוקונפט?״

מיטאַמאָל, אין סאַמע גרעסטן טראָטואַר־געדראַנג, האָט פאַר בערג־מאַנען אויפגעטויכט דאָס געשטאַלט פונעם אַלטן אַנאַרכיסט, קלמן קאַ־דישעוויטש. במשך פון יאָרן איז בערגמאַן געווען צוגעווינט צו זען זיין

פריינדס טונקל־הויטיק פּנים אַנגעצמאַרעט, אַנגעבלאָזן. איצט אָבער האָט בערגמאַן אויפגעציטערט פון קאַדישעוויטשעס אויפגעלויכטענע אויגן.

— וואָס מאַכט איר? — האָט קאַדישעוויטש זיך צוגעזעצט צו בערגמאַנס טישל און אים חבריש אַ העמערל געטאָן אויפן אַקסל.

— פאַסקודנע שטימונג — האָט בערגמאַן שטיל געזאָגט — מיר, געוועזענע קאַצעטלער זיינען ממש צעשמעטערט פון דער דאָזיקער בהלה. דער אומרו, דער אומרו. מ׳געפינט זיך נישט קיין אָרט. מ׳קאָן ביינאַכט נישט איינשלאָפן. אויב כ׳שלאָף אַמאָל יאָ איין, זע איך נאָכאַנאַנד יענע קאַצעטישע בילדער. די לעצטע נאַכט האָב איך אַ געוואַלטיקן געשריי געטאָן. אין מיין איינזאַמקייט האָב איך מסתמא נאָר איבערגעשראָקן מיין שאָטן.

— איך, זעט איר, בין פון דעם דאָזיקן אויפברויז זייער צופרידן — האָט קאַדישעוויטש געביילט אַ פויסט — זאָל זיך אַלצדינג איבער־שטאַרצן ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש. איך האָב דאָך אייך תמיד געזאָגט, איר האָט געלאַכט, אַז מיר זיינען אַריינגעפאַלן מיט דער מענטשהייט. מ׳דאַרף דעם מענטש איבערשאַפן מיט גאַנץ אַנדערע איינגשאַפטן. אונדזער אידייע, דער אַנאַרכיזם, שפּאַנט היינט אין גאַס מיט אַ שטאָלץ־דערהויבע־נער שוואַרצער פאָן.

— כ׳בעט אייך לאָזט מיך אָפּ — האָט זיך בערגמאַן אַ וואַקל גע־טאָן — די שוואַרצע פאָן דערמאָנט מיך אין אַ לוויה.

— ריכטיק — האָט קאַדישעוויטש פאַרביסן די ליפּן — מיר ווילן דאָך טאַקע באַגראָבן די אַלטע וועלט און בויען אַ נייע.

— כ׳האָב באַזוכט די סאָרבאָנע — האָט בערגמאַן געזאָגט — די סטודענטן וואָס באַוווינען איצט דעם האַרטן פּאַרקעט און די שטיגן פון די פאַקולטעטן רופן אַרויס סימפּאַטיע ביי די טויזנטער נייגעריקע באַזו־כער. דאָס בעטלען אַ ביסל טאַבאַק, זעט ביי די באַזוכער אויס נאַטירלעך, גלייך ווי ס׳וואָלטן עס געטאָן אַרעסטאַנטן. די פּאָרנאָגראַפישע צייכע־נונגען, וואָס רופן אין ערשטן אויגנבליק אַרויס געלעכטער, ווירקן גלייכ־צייטיק ווי קאַריקאַטורן צום פאַרעלטערטן סאָרבאָנע־סיסטעם. אויפשריפטן איבער אויפשריפטן. די ווענט האָבן דאָרט דאָס וואָרט. איר קאָנט דאָרט לייענען ציטאַטן פון די סאַמע איינפלוסרייכסטע גייסטער, אָבער דערביי איז אַלצדינג אַ זאַמלונג פון סתירות, וואָס האָבן געקרייציקט אונדזער יאָרהונדערט. אַלע רעוואָלוציאָנערע פּענער פלאַטערן, אָבער ביי דעם אַלעמען זעט די יוגנט אויס צעמישט און משוגע. ס׳פעלט איר אַ נאָך־

נישט אַנטפּלעקטע פּאַן. די בחורים און מיידלעך לויפן אַרום אין די קולואַרן און פּאַרמיסטיקטע הייף ווי אויף קרייצוועגן. איר הערט אינעם דאַרטיקן געוויש ווי דער מענטש פון מאָרגן שרעקט זיך פאַר עפּעס. ער צווייפלט ממש צי ער עקזיסטירט, צי זיין אָנשטרענג צו באַנעמען פילאָ־זאָפישע שיטות און וויסנשאַפטלעכע מעטאָדעס, איז נישט אַמאָל אונ־טערגעוואָרפן די קאַפּריזן פונעם מעכאַנישן גולם, וואָס קאָן אין אַ רגע אַלצדינג חרוב מאַכן און פאַרוואַנדלען אין שטויב.

— איר האָט נאָך נישט אָנגעכאַפּט דעם אַקס ביי די הערנער — האָט קאַדישעוויטש, לויט זיין שטייגער תמיד אָפּצופרעגן יענעמס איינשטעלונג, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער ברייט — געדעכט זיינען די עקזיסטענציאַליסטן וואָס זאָגן, אַז דאָס „זיין" איז אייביק אין באַוועגונג. זאייך דאַכט זיך, אַז ס'אי שוין אַ „יש", אָבער פּאַקטיש דאַרף עס ערשט ווערן רעאַליזירט. דערווייל איז אַלצדינג וואָס איז געווען און איז, נישט מער ווי אַ פּראָיעקט. איר זעט נישט דעם צוזאַמענשטויס פון אַלטן דור מיטן נייעם. דער זון, וואָס באַוועגט זיך לויט די נייע לעבנס־שטראָמען, פּרעגט אָפּ און באַקעמפט דעם פאָטערס איינגעזעסענע היפּאָקריזיע און קאָנפאָרמיזם. די דאָזיקע אָפּפרעגונג איז ביים היינטיקן טאָג חל אויפן גאַנצן כדור־הארץ.

— און וואָס מיינט איר, מיין ליבער קאַדישעוויטש, אַז ווען דער היינטיקער זון וועט ווערן אַ פאַמיליע־מענטש, וועט ער צוליב קאַריערע נישט ווערן דער זעלבער היפּאָקריט, קאָנפאָרמיסט ווי דער פאָטער?

אין דער רגע האָבן זיך גענומען דערטראָגן ווייט־אָפּהילכנדיקע קולות, אויסגעשריגענע פון טויזנטער יונגע שטימעס. די קעלנערס האָבן מיט שרעק און נערוועזיטעט פלינק אַריינגעכאַפּט די טישלעך און שטולן. אין געציילטע רגעס זיינען אַלע אַרומיקע קאַפעען געווען פאַרהאַמערט און אויסגעלאָשן. דער געדראַנג אויף די טראָטואַרן איז ממש געווען אומדערטרעגלעך. נייגעריקע האָבן פאַרריסן די קעפּ אין דער הויך און זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער. יונג און אַלט זיינען אַרויפגע־שפּרונגען אויף די בולוואַר־בענק. בערגמאַן האָט קאַדישעוויטשן אָנגע־כאַפּט ביי אַ האַנט און ווי יונגע בחורים זיינען זיי אַרויף אויף אַ באַנק. זיי האָבן זיך איינגעקוקט ווי די גאַנצע לענג און ברייט פון בולוואַר סט. מאַרטין איז געדיכט איבערגעשטאָפּט פון אַ פאַרשידנפאַרביקער מאַסע, וואָס באַוועגט זיך ווי צעפּליאָשעטע כוואַליעס אין ים. דער באַרגיקער באָדן הויבט די פאַליעס אַרויף; דער טאַליקער מאַכט זיי אַראָפּפליען ווי אַריינגעפאַלן אין פלאַכינקע וואַסער־גריבער. ס'פלאַטערן אין דער לופט

גאַנצע וועלדער פון רויטע און שוואַרצע פענער, אויפשריפטן אויף טאָוולען, אויף לייוונט, אויף פאַפירענע באַנדעראָלן, אויף לענטעס פיגורירן די פאָדערונגען פון סטודענטישע סינדיקאַטן. גרויסע פאָרטרעטן פון באַרימטע רעוואָלוציאָנערן שוועבן איבער קעפּ. ס׳פאָרן אָן רויטגעקרייציקטע לאַסט־וואָגנס, אָפענע און פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן, מאָטאָציקלעטן און ראָווערן. סטודענטן אין ווייסע גלאַנציקע רעגן־מאַנטלען שטעלן זיך אַוועק אין די ראָגעס אָנפירן מיטן פאָרקער. אייניציקוויז ווערט די גאַסן־באַוועגונג אָפּגעשטעלט. ס׳הערן זיך דורך טאָוולענע טרובעס איבער־רופן:

— צו דער בערזע!

ערשט איצט נעמט דער סטודענטישער המון האַסטיקער שטראָמען. כלערליי אויסגעשרייען קעגן דער אַלטער אָרדענונג, מלוכה־מענער און פּאָליציי פאַרטויבן די לופט. אָבער די זוכער פון „נייע מאָטיוון" נעמען דערווייל באַגייסטערט זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

ס׳שפּאַנען פאַרביי צעהיצטע, אויפגעברויזטע בחורים מיט שטאַרצן פון מיסט־קעסלען אין די הענט. זיי דערמאָנען אין אַלטע רוימער מיט די שוץ־בלעכן קעגן שפּיזן און פיילן. פונעם דיסהאַרמאָנישן כאָר הערט מען אַרויס די צאַרטע שטימעס פון צעכראַסטעטע סטודענטקעס, וואָס טראָגן לרוב שמאָלע הויזן און ברייטע פּאַסקעס מיט גלאַנציקע שנאַלן. דאָ ביילט מען פויסטן; דאָרט רופט מען מיטביידע הענט דעם מענטשן־ווימלעניש אויף די טראָטואַרן:

— לע טראָטואַר אַוועק נו! (די טראָטואַרן מיט אונדז).

צווישן דער סאָרבאָנע־יוגנט שיילט זיך דאָ און דאָרט אַרויס אַן אַלטער ווייסבערדלדיקער פּראָפעסאָר, וואָס קאָן קוים־קוים דערכאַפּן דעם אָטעם פונעם האַסטיקן גאַנג, אָבער פעסט אַריינגעריגלט אין דער יוגנטקייט, שלעפּט ער זיך מיט און זינגט נאָך די רעוואָלוציאָנערע לידער. פאַר אַ געניט אויג איז דאָ לייכט אויפצוכאַפּן די אַריינגעשמוגלטע אַוואַנטוריסטישע „שוואַרצע בלוזקעס" און אונטערוועלטניקעס אין העלע קאַשקעטלעך, רויטע שאַליקלעך, געקעסטלטע העמדער, הויזן מיט גלייכע טאַשן, רויע פּרצופים, ביי דעם און יענעם — שראַמען פון מעסער־שניטן.

דער סטודענטן־געווימל איז געווען אַזאַ געדיכטער און דער טראָט אַזאַ צאָרנדיק־פאַרביסענער, אַז דאָס נייגעריקע אויג האָט קוים באַוויזן אויפצוכאַפּן שטריכן און פאַרבן. סטודענטן: לאַנגע האָר, צעשויבערטע טשופּרינעס, באַקנבערד, דינע און דיקע וואָנצעס, צוגעשניצטע ראַמקע־

בערדלעך, גאָמבע־פּענדזלען, העלע און טונקעלע רעגן־מאַנטלען, לרוב מיט שליפעס, מולטיקאָלירטע גאַרניטורן, אָפּענע שרייענדיקע מיילער. סטודענטקעס: צעלאָזענע האָר, קורץ־געשוירענע „אַלאַ גאַרסאָן", הויכע האָר־טורעמס, געפאַרבטע און אומגעפאַרבטע אויגן־דעקלעך, געשמינקטע און מאַטע ליפּן, אַקסלען באַהאָנגענע מיט האַנט־בייטלען, לעדערנע רייזע־טאַשן אָנגעפּילטע מיט באַנדאַזשן און פלעשלעך יאָד. דער צוג איז אַן אומ־ענדלעך לאַנגער. נאָך אַ שעה איינקוקן זיך, דערזעט מען ערשט ווי פון גאַנץ ווייט פּליסט אַהער אַ נייער שטראָם. אַ פאַרביקער ווולקאַן פון פּענער שוועבט איבער קעפּ. די אָנקומענדיקע מאַניפעסטאַנטן זיינען אַזוי ענג געקניפּט און געבונדן, אַז ס׳איז ממש אוממעגלעך צו דערזען אַ ברוק־שטיין. פונעם פאַרכמאַרעטן הימל הייבט פּלוצלונג אָן טריפן אַ דריבנע רעגנדל. איבער מאַרשירנדיקע קעפּ עפענען זיך שוואַרצע און קאָלירטע שירעמלעך, און פאַרביקע קאַפּושאָנען פון פּלאַסטיק. די אָפּגייענדיקע האָבן איבערגעלאָזט ווידערקלאַנגען; די אָנקומענדיקע האָבן אויפסניי גענומען הודזשען, רעווען, הויבן פּענער און פויסטן, און מיט אייליקע טריט נאָכ־לויפן דעם פאַרצוג. איינציקווייז זיינען די נאַכטיקע גאַסן געוואָרן אָפּגעליי־דיקט, ווי אויסגעקערט מיט אַ פרימאָרגן־בעזעם.

אַראָפּ פון דער באַנק, האָבן די צוויי פריינד, לאַנגזאַם גענומען שפּאַ־צירן צום רעפּובליק־פּלאַץ. קאַדישעוויטש האָט אין זיין ציגאַרן־שפּיצל אַריינגעפּאַסט אַ שטיקל ציגאַרעט, פאַררויכערט, אויסגעהוסט זיך און געזאָגט:

— די יוגנט האָט אַ כוח. ס׳וועט טרויעריק ווען מ׳דערמאָנט זיך, אַז מיר זיינען שוין אָפּגעשטאַנענע מענטשן. די שטודירנדיקע יוגנט וועט מער־ווייניקער איר ציל דערגרייכן, אָבער מיר? די איינזאַמקייט איז גרוי־זאַם. דערביי גיי איך קעגן שטראָם. איך בין אפילו צעפליקט און צעריסן מיט מיינע היגע חברים אַנאַרכיסטן, הגם זיי זיינען נישט קיין טיפּישע קאַריערע־יעגערס, בין איך אין אַ גאַנצער ריי פראַגן מיט זיי נישט מסכים. איך בין פון אייך, בערגמאַן, אויך נישט באַגייסטערט, אָבער איר זייט דאָך אויך איינזאַם. איר גייט דאָך כלומרשט אויך קעגן שטראָם קאָנפאָרמיסטן.

— איר הייבט שוין ווידער אָן צו שיטן זאַלץ אויף די ווונדן — האָט בערגמאַן נערוועז פאַררויכערט אַ ציגאַרעט — אויב אַזוי, זאָג איך אייך אַ גוטע נאַכט.

בערגמאַן האָט זיך אויסגעדרייט צום אַוועקגיין, אָבער קאַדישעוויטש האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אַקסל.

— הערט נישט וואָס איך זאָג. ס'רעדט דאָך צו אייך אַ פאַרביטערטער. איך רייס דאָך אָפּטמאָל זיך גופא אויך אַראָפּ. איך פאַרשמיר פאַרטיקע פּייזאַזשן, כ'צערייס אויסגעשליפענע דערציילונגען. איך ווייס דאָך, אַז מיין נאָן־קאָנפאָרמיסטישער כאַראַקטער, דערפירט מיך תמיד צו ווערן פאַרשוויגן. אויב איר דרוקט זיך יאָ, בין איך אייך חושד אין חניפה, כ'האַלט אייך פאַר אַ „פּליייצע־גלעטער".

— זאָל איך אייך צום צווייטן מאָל זאָגן אַ גוטע נאַכט?

— לויפט נישט. פאַרטראָגט אַ ביסל קריטיק. פאַרשטייט איר דען נישט אַז אַ פאַרשוויגענער מוז האָבן אַ קרבן. ווען כ'בין אַליין, פייניק איך זיך גופא.

אין דער רגע איז מיט שטורעם אָנגעפלויגן אַ טשאַטע טויבן. נאָך די טויבן האָט זיך אין דער לופט געשלענגלט אַ דין קייטעלע פון פייגלפליגל.

די צוויי חברים האָבן זיך איבערגעקוקט, און איידער ס'האָט ווער באַוויזן עפּעס צו זאָגן, איז פון בולוואַר וואָלטער אָנגעפאָרן אַ גאַנץ לאַנגער צוג פון אַש־גרויע פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן. דורך די קליינטשיקע שטאַכעטן־פענצטערלעך האָבן אַרויסגעבלישטשעט קאַסקעס און מאַשינגעווער. לויערנדיקע אויגן האָבן אַדורכגעבליצט די שטאַכעטן־פענצטערלעך, דער רעשיקער פּאָליציייאישער אָנגעפאָר האָט אויף די פאַרבייגייער אָנגעוואָרפן אַן אימה.

קאַדישעוויטש איז צוגעגאַנגען צו אַ טויער און באַרירט אַ קליאַמקע.

— כ'וויל זען — האָט ער געזאָגט — צי בשעת אַ סכנה וועט כאָטש זיין ווו אַנטרינען צו ווערן. ס'וועט ווידער זיין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי. אָבער די גאַס האָט היינט די מאַכט. דערשרעקט אייך נישט. לאָמיר ווייטער גיין איינזאַפּן דאָס זעלטענע נאַכט־בילד.

די קאַפּעען אַרום דעם רעפּובליק־פּלאַץ, וואָס פלעגן ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען אַריין זיין באַלעבט, העל־בליציק באַלויכטן, און כלערליי מעלאָדיעס האָבן זיך אַרויסגעהערט פון די שפּיל־שענקלעך, זיינען איצט געווען טויט־שווייגנדיק, פאַרשלאָסן און פאַרטושקעט. ס'האָבן אויף דיר נאָר געקוקט גלעזערנע טעראַסע־ווענט, שטולן מיט די פיס אין דער הויך, פינצטערע שויבן, אַדורכגעשטרייפטע מיט דינע אָפּשיין־פּעדימלעך פון ראַגאָווע גאַז־לאָמפּן. די אויסשטעל־פענצטער פון די אַרומיקע מאַגאַזינען — אויסגעלאָשן. די רייך־געקליידעטע מאַנעקינען אין דער פינצטער, האָבן געווירקט ווי לעבעדיקע קאָקעטקעס. אויפן קאָפּ פון

דער רעפּובליק־סטאַטוע, אויף דער „מאַריאַננע״, האָט געפּלאַטערט אַ רויטע פאָן, וואָס האָט איבערגעשראָקן דעם געפּיל פאַר פרייהייט. אין דער לופט האָט מען געפילט אַ בייסיקן, טערפּקע ריח פון לאַקרימאָזשען־גאַז, וואָס האָט זיך איבערגעטראָגן פון באַסטיליע־פּלאַץ, ווו די פּאָליציי האָט זיך אָקאָרשט געהאַט באַנוצט מיט טרערן־באָמבעס. די נייגעריקע פאַרביי־גייער, מענער און פרויען, האָבן נאָכאַנאַנד גענאָסן, און געהאַלטן די נאָז־טיכלעך איבער די פאַרטרערטע אויגן. ביי דער גאַנצער אומעטיקייט און סכנות־נפשות זיינען דאָ אין די ראָמקעס פון די הויז־טויערן געשטאַנען אַ היפּש ביסל איינגעטוליעטע פּאָרלעך מיט צוזאַמענגעהאָפטענע ליפּן.

ביי אַ שטאָם פון אַ בוים — אַ געזעמל שווייגנדיקע מענטשן. אויפן טראָטואַר איז געלעגן אַן איינגעפּלאַטשיקטע טויב אין פּראָפיל. דאָס טויטע אויג איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ ווייס־בלענדנדיקן הייטל. ס׳איז געווען קענטיק, אַז די פון גאַז־דערשטיקטע טויב ווירקט אויף די צושויער פיל שטאַרקער ווי אַן אָוועקגעפאַלענער מענטש. קאַדישעוויטש האָט מיט קאַלטבלוטיקייט אַרויסגענומען פון טאַש אַ בלאָק, אויסגעהוסט זיך, און גענומען צייכענען די טויטע טויב. און ווי נאָר ער האָט אָנגע־צייכנט די ערשטע ליניעס, האָבן די מענטשישע אויגן פאַרלאָזט דעם אָריגינאַל און זיך גענומען שאַרף איינקוקן אין קאַדישעוויטשעס צייכענונג.

— ווונדערבאַר! אַ מייסטער! — האָט מען געהערט אויסרופן.

קאַדישעוויטש האָט אויף בערגמאַנען געוואָרפן אַ נצחונדיקן בליק און האָט זיך שווערלעך אַרויסגעפּלאָנטערט פונעם נייגעריקן עולם.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן, האָט קאַדישעוויטש אונטערגעטראָגן בערגמאַנען דעם בלאָק און מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ געזאָגט:

— נו, איצט כאַפּט איר אַ בליק און לאָמיך הערן אייער מבינות.

— פאָרמאַליסטיש גענומען איז עס טאַקע ווונדערבאַר. אָבער ביי מיר איז דאָך דער עיקר דאָס טויטע אויג, וואָס לאָזט איבער אַ שוידער. ווען איר וועט דעם קאָנצעפּט מאָלן, וועלן מסתמא די פאַרבן אייך העלפן אַרויסצושלאָגן דאָס ווייסע אויג־פינטעלע. אייער פינגער־שפּראַך ביים צייכענען, האָב איך אייך שוין געזאָגט, איז זייער אַ ריינע.

— גייט בעסער אַהיים שלאָפן! — האָט קאַדישעוויטש זיך צעהוסט אַן אויפגערעגטער — זאָגט נישט קיין מבינות אויף קונסט. איך וועל אייך שוין מסתמא נישט וועלן זען לאַנגע חדשים. כ׳נויטיק מיך נישט אין אייער גייסטרייכקייט.

בערגמאַן איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. ער האָט נאָכגעקוקט

קאַדישעוויטשעס אויפגערעגטע טריט. ער האָט ממש געזען זיין חברס פּלייצעס בייזערן זיך נאָך.

אַ געקרענקטער פון קאַדישעוויטשעס זידל־ווערטער, האָט זיך בערג־מאַן אוועקגעשלייכט צום פאָבור די טעמפּל. די גאַס איז געווען אָפּגע־ליידיקט, שטיל, פאַרחושכט, פּאַרטומאַניעט. געציילטע טריט האָבן אָפּגע־הילכט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן און פאַרשוווּנדן. אָבער ווען בערגמאַן איז צוגעקומען צום ראָג פון בולוואַר בעלוויל, האָט ער דערזען ווי דער קרייצוועג איז שוואַרץ פון אַ המון נייגעריקע מענטשן. מענער־קולות האָבן געהודושעט. פון ביידע בולוואַר־זייטן האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות פּאָליציי־וואָגנס און אייניקע קעטשלעך פון „גיכע הילף".

— וואָס איז געשען? — האָט בערגמאַן אַ צעטומלטער געפרעגט ביי אַ פראַנצויז, וואָס איז געשטאַנען אַן אָפּגעזונדערטער אונטער די פּלאַכטעס פון אַ שיך־געשעפט.

— איר האָט נישט געהערט די לעצטע ראַדיאָ־אינפאָרמאַציעס?

— ניין, מ'סיע, געווען אין גאַס, מ'קאָן היינט נישט דערזיצן אין שטוב.

— די מוסולמענער האָבן דאָך נאָכמיטאָג אונטערגעצונדן די געשעפטן און רעסטאָראַנען פון די טוניסער יידן. באַפאַלן די סינאַגאָגע פון זשיליען־לאַקרוא, געברענט און פאַרניכטעט כלי־קודש. די יידישע יוגנט האָט געשטעלט אַ מעכטיקן ווידערשטאַנד, אָבער די מוסולמענער, באַגלייט פון אַ האָרדע נעגערס, האָבן געבילדעט אַ ריזן־קאָמאַנדע, וואָס זאָל האָבן געקומען אָרגאַניזירטערהייט פון דער סאָרבאָנע, אַזוי זאָגט מען.

בערגמאַן האָט דעם פראַנצויז אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן און האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן:

— איר זייט אַ ייד?

— יאָ, מ'סיע.

— טאָ גייט בעסער אַהיים. די מוסולמענער האָבן זיך נאָך נישט איינגעשטילט.

בערגמאַן איז אַוועק אַן אויפגעטרייסלטער. פאַרשידענע מחשבות האָבן זיך געקרייצט אין זיין מוח. ערשט איצט, נאָך דער דאָזיקער ידיעה, האָט אים אַ פחד גענומען באַהערשן. ער האָט זיך במחשבה געפרעגט: „צו וועלכע גוטע יאָר דאַרף ער זיך אַזוי שפּעט געפינען אין גאַס. פאַר־ענטפערט האָט ער זיך, אַז די שטומע ווענט יאָגן אַרויס, בעת די גאַס,

ובפרט אין אַזאַ קאַכעדיקער צייט, ציט צו און האַלט דעם מענטש אין שפּאַנונג".

בערגמאַן איז מיט מידלעכע טריט אַריין אין אַ שמאָלינק געסעלע. ס'האָט דאָ אפילו אַ פויגל נישט פאַרבייגעשוועבט. אָבער גאָר אומגעריכט, ווי פון ד'ערד אויסגעוואַקסן, האָבן דאָ אַ פּאָר דיקע נעגערישע ליפּן און אַ געקרויזלט אַלזשעריאַניש קעפּל, אים ביסטרע אַ בליץ געטאָן אין אויג אַריין, און איידער בערגמאַן האָט באַוויזן צו מאַכן די סאַמע מינדסטע באַוועגונג, האָט אַ האַנט, ממש פון שטאָל אויסגעהאַמערט, אַרומגעקלאַמערט זיין מויל מיט אַזאַ קראַפט, אַז זיינע ציין האָבן קעגן זיין ווילן שאַרף אַריינגעשניטן זיינע יאַסלעס, ביינערדיקע פויסטן האָבן מיט אַ געוואַלטיקער רציחה אים אַריינגעקלאַפּט אין די שלייפן. בערגמאַן, מיט אַ פּאָר אונטער־געבראָכענע קניען, האָט זיך אַ קנויל געטאָן אויפן טראָטואַר און געבליבן ליגן אַ באַטויבטער ווי אין הינערפּלעט.

ווען בערגמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון לעטאַרגיע האָט אים אין מוח געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. אַ מינוט-צוויי איז ער געווען געגליכן צו אַ טויטן, וואָס פילט נישט מער די יסורים פון לעבן. איינציקוויז איז צו אים צוריקגעקומען דער באַוווסטזיין, ער האָט געוומען באַטאַפּן זיינע ליידיקע טאַשן. דער פּאָרטפעל מיטן געלט, די דאָקומענטן, דאָס האַנט־זייגערל, אַלצדינג איז פאַרשווונדן. זיינע ציין האָבן געבלוטיקט און גע־פלעקט דאָס העמד און די מאַרינאַרקע־קליאַפּעס. ער האָט מיט אַלע כוחות אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און ווי דורך אַ נעפּל, האָט ער דערזען אויף יענער זייט טראָטואַר, פּונקט קעגנאיבער, שפּאַצירט זיך לאַנגזאַם אַ יונג אַרומגעקלאַמערט פּאָרל, וואָס שטעלן זיך נאָך יעדן שפּאַן אַוועק ביי דער מויער, און זייערע ליפּן גיסן זיך צונויף אין אַ לאַנגדויערנדיקן קוש.

— מ'סיע־דאַם, איך בעט אייך, רופט אַרויס די גיכע־הילף! — האָט בערגמאַן אויסגעשריגן זיצנדיק אויפן באָדן.

דאָס פּאָרל האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט. זיי האָבן אויף אַ רגע נישט געוואָלט אַרויס פון זייער ערדישן גן־עדן. זיי האָבן אין זייער וועלט פון אומשולד נישט געוואָלט אַריינלאָזן דעם ריח פון בלוט און מאָרד. דאָס פּאָרל האָט לאַכנדיק אַוועקגעטענצלט, איבערגעלאָזט די הילף־רופן אין פוסטן געסל.

על־פּי נס איז נאָך אַ לענגערער ווייל אַנגעפאָרן אַ פּאָליציייִש קעטשל, וואָס האָט בערגמאַנען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל סט. לואי. דאָס לאַנגע וואַרטן אויף אַ דאָקטאָר האָט אים ממש דערפירט ביז משוגעת.

ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן צו פילן אַ שרעקלעכן ציין־ווייטיק. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק איינגעקאַרטשעט, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף דער וואַנט. אַ קראַנקן־שוועסטער האָט טעלעפאָנירט. פאַר אומגעדולד און צעשטרייטקייט איז ער נישט געווען בכוח אויפצונעמען קיין איינאיינציק וואָרט.

זיינע ליפן האָבן געפליסטערט:

— מיר האָבן שוין קעגן זיך נעגערס אויך.

דערביי האָט די איראָניע פון גורל אים צוגעשפילט, אַז דער סאַ־ניטאַר, וואָס האָט אים אויף אַ רעדלדיק וועגעלע אַוועקגעפירט אין דער ראַדיאָלאָגישער אָפּטיילונג, זאָל זיין אַ יונגער נעגער. פאָרנדיק אויפן וועגעלע איבערן רחבותדיקן באַבוימערטן און בלומען־באַקראַנצטן שפּי־טאָל־הויף, האָט בערגמאַן מעשה־צוריקגעקומענער צו זיך דערטאַפּט אין זיין ברוסט־טעשל אַ האַלב־איינגעבראָכענעם ציגאַרעט. ער האָט דעם נעגער געבעטן אַ שוועבעלע, ער האָט נישט געענטפערט, ער האָט זיך אָפּנים געהאַט דערוווסט פון דער שפּיטאָל־קאַרטע, אַז בערגמאַנס רויב־מערדער זיינען געווען מוסולמענער און נעגער.

אין אַ שעה אַרום איז בערגמאַן מיט אַ געפּיל פון אַ תפיסה־באַפרייטן אַרויס פון שפּיטאָל־טויער. אַ בלאַסלעך־בלויער הימל און ראָזעווע מזרח־וואָלקנדלעך, האָבן שוין אָנגעזאָגט דעם טאָג־אויפגאַנג. דער גאַנצער אַרום איז נאָך טיף געשלאָפן. די גאַס „גראַנזש־אַ־בעל" איז געווען אָפּגע־ליידיקט. די פּוסטקייט האָט אים אונטערגעיאָגט. פון די שפּיטאָל־ביימער האָבן פייגעלעך אַרויסגעפּישטשעט. אין דער לופט האָט געשוועבט דער געטלעכער סוד פון נאָך־נישט פאַרגעקומענע געשעענישן. צוקומענדיק צו זיין פאַרמאַכט טויער האָט בערגמאַן פרייער אָפּגעאָטעמט און זיך דער־פרייט. אָבער ווען ער האָט זיך אין אַ ווייל אַרום צוגעשטעלט צום שאַנק־שפּיגל, האָט אים אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן. בלויע שטראָמען אונטער די אויגן, שוואַרץ־רויטע פלעקן ביי די שלייפן, אויפגעשוואָלענע ליפן. ער האָט זיך דערזען ווי אַ מאָנסטער. ער האָט זיך אַוועקגעריסן פון שפּיגל, גלייך ווי ער וואָלט פון זיך גופא געוואָלט אַנטלויפן. אַ פאַרביטער־טער און מיט אַ שווער געמיט האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. זיין בליק האָט גענומען אַרומשוועבן אויפן ציפערבלאַט פון קאַמין־זייגער. ערשט איצט האָט ער צוריקבאַקומען דעם געפיל פאַר צייט. דאָס אָפּוואַרטן די גיינטע שעה ווען ס'עפענען זיך די אַפּטייקן, האָט אים נישט געלאָזט איינדרימלען.

„ווער ווייסט ווי לאַנג איך וועל זיך מיט אַזאַ פּרצוף־פּנים נישט קאָנען באַווייזן פאַר מענטשן".

אַרום אַכט אַזייגער האָט מען אָנגעקלאַפּט אין בערגמאַנס טיר. ער האָט לכתחילה אויפגעצאַפּלט. אָבער אַ באַקאַנט קול האָט אים באַרויקט. קלמן קאַדישעוויטש איז אַריינגעקומען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער פּאָדלאָגע און האָט זיך מידלעך אַוועקגעזעצט.

— איר האָט זיך מסתמא גוט אויסגעשלאָפן, בערגמאַן. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעוואַנדערט ביז אין אייער קוואַרטאַל אַריין. איך האָב פאַר אייך נישט קיין גוטע בשורה — האָט ער געזאָגט דאָס יידיקע ציגאַרן־שפּיצל — איר האָט עפּעס געהערט וועגן פּאָגראָם אויפן בעלוויל?

— יאָ, קאַדישעוויטש, כ'האָב געהערט.

— יידן דערציילן, אַז די טוניסער יוגנט האָט מיט אַן אָוונט פריער געפייערט צה"לס נצחון, בשייכות מיט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. די מוסולמענישע שכנים זיינען אויפגעבראַכט געוואָרן און אָרגאַניזירט אַ נקמה־אַקט. איך האָב מיך שוין, אין מיין איינזאַמקייט, טויזנטער מאָל געפרעגט: וואָס טו איך דאָ? פאַרוואָס בין איך נישט אין ישראל? אָבער מיר ליגן אַלע ווי אַ וואָרעם אין כריין. איך מיין אייך אויך.

דאָ האָט קאַדישעוויטש אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזעענדיק בערגמאַנס פּנים האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן:

— וואָס איז מיט אייך געשען?!

בערגמאַן האָט מיט האַרצווייטיק געשילדערט דעם רויב־אָנפאַל. קאַדישעוויטש האָט בשעת־מעשה געבלאָזן מיט די ליפּן, גלייך ווי ער וואָלט פונעם יידיקן ציגאַר־שפּיצל אַרויסגעלאָזט שלענגלעך רויך.

— איר זייט אַ מזלדיקער מענטש — האָט קאַדישעוויטש געזאָגט און ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן — מוסולמענער און נעגערס זאָלן וועמען באַפאַלן אַן מעסערס איז אַ זעלטנהייט. ווען זיי וואָלטן אייך דערשטאָכן וואָלט אין דער איצטיקער בהלה קיין האָן נישט געקריייט. איר האָט באמת אַ שטערן אין הימל. דערווייל זיינען שוין פאַרצייכנט עלף טויטע סטודענטן, איר וואָלט געווען דער צוועלפטער. איר דאַרפט מיר צאָלן אַ גלעזל.

בערגמאַן האָט געוואָרפן אַ דורכדרינגלעכן בליק אויף קאַדישעוויטשן, און ער האָט זיך אין גרויס איילעניש גענומען אָנטאָן.

— כ'מוז אַראָפּגיין זוכן אַן אַפּטייק.

— גוט — האָט זיך קאַדישעוויטש אויפגעשטעלט צום אַוועקגיין

— לעולם בין איך איך געקומען אַריינזאָגן וועגן אייער פסעוודאָ־קריטיק אויף מאָלעריי. היות ווי דער גורל האָט דאָך אייך שוין אַריינגעזאָגט, לאָז איך אייך איצט אָפּ, ווייל איך בין נישט קיין פאַרביסענער כאַראַקטער. קומט מיך די וואָך נישט זען. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב מאָמענטן פון אָפּגעשלאָסנקייט. איך וויל דעמאָלט קיינעם פון מיינע באַקאַנטע נישט אָנקוקן, ובפרט אייך מיט אַזאַ פּנים.

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. קאַדישעוויטשעס אָפּגייענדיקע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין בערגמאַנס מוח.

אין אַ ווייל אַרום איז בערגמאַן צוריקגעקומען פון דער אַפּטייק. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים שפּיגל מאַסאַזשירן דאָס פּנים מיט דער פּאָמאַדע „העמאָקלאַר”; איינגעשמירט די אָנגעווייטיקטע יאַסלעס מיט „פּירלוועקס”; איינגענומען אַ גאַנצע שלאָף־טאַבלעטקע „נאַטיסע־דינע”; איינגעוויקלט זיך אין די קאָלדרעס איבערן קאָפּ אַריבער, און ווען דער שלאָף האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, האָבן די קאָשמאַרן פון דער לעצטער מאַי־נאַכט זיך צונויפגעגאָסן מיטן קאַצעטישן אימת־מוות־לעבן פון דער פאַרגאַנגענהייט.

שבת-ליכט

די ליטעראַרישע שטוב האָט זיך געפונען אין אַ שמאָלינק טונקל געסל בשכנות מיטן „קאַראַ־די־טעמפּל״. בערל הירשמאַן, איינער פון די פאַרמלחמהדיקע פּאַריזער שרייבער, אַ פּאַטער פון דערוואַקסענע זין און טעכטער ראוי לחופה, האָט אינעם דאָרטיקן געסל פאַרנומען אַ באַשיידן דירהלע פון צוויי שטובן מיט אַ קיכל.

דאָס הויז איז געווען אַלט, און אַרומגעשיילט, די פּאַסאַדע אַ שוואַרצע ווי פאַררויכערט נאָך אַ שׂרפה. די שטיגעלעך האָבן דערמאָנט אַ פאַרזשאַווערטע זעג מיט אויסגעביסענע ציין. אין די צוויי שטיבעלעך אויפן ערשטן שטאָק — אַן אַלט ביסל מעבל. דאָס וויכטיקסטע מעבל־שטיק איז אין דער דאָזיקער אָרעמער וווינונג געווען די האַלב־איינגעבראָכענע קאַנאַפּע מיט די אויסגעשפּרייטע פליגל, וואָס איז געשטאַנען אַן אַריינגעקוועטשטע צווישן די צוויי פענצטער.

אויף דער דאָזיקער קאַנאַפּע אין סאַמע מיטן, גלייך ווי אויף אַ כסא־הרבנות איז תמיד ביים אויפנעמען געסט, אַנערקענטע און שופלאַד־שרייבער, געזעסן דער בעל־הבית, בערל הירשמאַן, דער הדרת־פּנים מיטן הויכן תלמיד־חכמדיקן שטערן, אויסגעבלייכטע באַקן אַרומגעקראַנצט מיט אַ פעך־שוואַרצער געפלעגטער באָרד. בערל הירשמאַנס קאָפּ איז תמיד, אפילו גייענדיק אין גאַס מיט אַ שווער־אָנגעפּראַפּטער לעדערנער טעקע, געווען געבויגן צום לינקן אַקסל. צוליב „פּרנסה ר׳ יעקל״ איז הירשמאַן געווען דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון ניו יאָרקער „פאָרווערטס״. בדרך־כּלל איז ער געווען שטאָלץ פון זיינע קאָרעספּאָנדענצן אין דער סאַמע גרעסטער יידישער טאָג־צייטונג. אָבער דערביי האָט ער בלב ובנפש געוואָלט, אַז די יונגע ליטעראַטן, מאָלער, מעטאַלפּלאַסטיקער, אַקטיאָרן און מעצענאַטלעך, וואָס האָבן באַזוכט זיין גאַסטפריינדלעכן „ליטעראַרישן סאַלאָן״, זאָלן אים בעיקר האַלטן פאַר אַ בעלעטריסטישן טאַלאַנט בחסד־עליון: פאַר אַ מייסטער פון דער קורצער דערציילונג, ביי וועמען די ספּור־המעשה איז נישט מער ווי אַן אויסרייד צו אַ פּסיכאָ-

אַנאַליטישער שטודיע. ער האָט זיך טאַקע איינגערעדט אַז אין זיינע דער־ציילונגען, וואָס ער האָט פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט, דערגרונטעוועט ער זיך אַ לאַ טשעכאָוו, מאָפּאַסאַן, צום סופער־עגאָ, צום „איבעראיך" אין דער מענטשישער נשמה. אָבער די סאַלאָן־באַזוכער, לרוב יונגע טאַ־לאַנטן, מער הונגעריקע ווי זאַטע, וואָס האָבן זיך געפלעגט דערכאַפּן ס'האַרץ, בפרט אין די שווער־פּראָסטיקע ווינטער־אָוונטן, ביי הירשמאַנס טיש, און דערביי געזעסן זייער צוקונפט אין ראָזעווע פאַרבן, האָבן נישט געוואָגט אָפּצופרעגן הירשמאַנס איינרעדענישן און איבערראַשונגען פון זיין טאַלאַנט און דערגרייכונג.

הירשמאַנס אשת־חיל טויבעלע אַ קליינטשיקע, דיקער ווי לענגער, אָבער מיט אַ באַחנט צעשמייכלט פּנימל, איז אין דער דאָזיקער ליטעראַ־רישער שטוב נישט געווען די טאָן־געבערין, נאָר דאָס גוטע מאַמישע האַרץ, וואָס האָט אָפּגעפּילט ווער פון אירע שטאַם־געסט איז הונגעריק, געקוועלט אין געלט, אָדער אַ בעל-חוב איבערן קאָפּ אַריבער. און הגם אַזאַ „גרויס געברויך" ווי טויבעלע איז נישט געווען ביכולת יענעם צו העלפן, האָט זי אָבער שוין אויסגעפונען אירע גבירים וואָס האָבן דעם נצרך אויפגעזוכט אין דער „קאַפּע עמך", אויפן פּלאַס דע לאַ רעפּובליק, און אים אויף אַן אומדירעקטן אופן בלשון נסתר פאַרגעלייגט אַ הלוואה.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן האָט אין דער ליטעראַרישער שטוב בדרך־כלל געהערשט אַ שטילקייט. הירשמאַנס קינדער זיינען נישט געווען קיין אוניווערזיטעט־סטודענטן נאָר בעלי־מלאכות און אַנגעשטעלטע, וואָס האָבן זיך אַליין געדאַרפט פאַרדינען אויפן לעבן. זיי האָבן ווער פריער, ווער שפּעטער איילנדיק, אָפּגעגעסן און צוריקגעלאָפן צו דער אַרבעט. ווען ס'יונגוואַרג איז אַוועק, איז הירשמאַן אַריין אין צווייטן צימער אַוועק־געזעצט זיך ביים שרייב־טיש. זיין שרייב־מאַשינקע האָט אין יענע שעהן נאָכאַנאַנד געטיקטאַקעוועט און אַריינגעשיקט אין דער אויפנאַם־שטוב אַ קלינג־קלאַנג, וואָס האָט דערפרייט טויבעלעס האַרץ, אַקוראַט ווי ס'וואָלט דאָ געזעסן אַ תלמודיסט און אויסגעברומט אַ זינגענדיקן גמרא־ניגון. אָבער הירשמאַנס שרייב־מאַשינקע, בפרט בעת ער האָט אָפּגעקלאַפּט אַ דערציילונג, האָט זיך אָפטמאָל אָפּגעשטעלט. ער איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער באַהערשט פון ספקות.

„אין דער וויזיע איז די טעמע געווען אַזוי רייך... איצט אָבער, ווען זי איז שוין רעאַליזירט... זעט עס מיר עפּעס אויס ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער שיינקייט איז פאַרלוירן געוואָרן".

ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן פּרץ-פּאָרטרעט. פּרצעס קלוגע, גוט־

מוטיקע אויגן האָבן געלאַכט. „הייב אָן נאָכאַמאָל. איך האָב אויך יעדע זאַך צענדליקער מאָל איבערגעאַרבעט. דער „זיידע" האָט אפילו געדרוקטע זאַכן איבערגעמאַכט. ווער הייסט דיך אַרבעטן אָן רוח־הקודש? דער אָדלער אפילו וואַרט אויף אַ גינסטיק וועטער איידער ער הייבט אויף זיינע פליגל צו אַ הויכן אַפפלי".

נאָך אַ ווייל האָט זיך דאָ אין די נאָכמיטאָג שעהן אַריינגעשטעלט דער יונגער דערציילער משהלע כלאַדני, וואָס איז מיט אַ קאַרג יאָר צוריק אַראָפגעקומען פון וואַרשע מיט אַ בענדל שריפטן „פּאָליטישע אַרעס־טאַנטן". דאָס איז געווען אַ קליינגעוווקסיקער ברונעטער יונגערמאַן מיט אַ געטאָקט פּנימל, דינע ליפּן, כיטרע אייגעלעך הינטער קליינרונדיקע ברילעכלעך. ער האָט געהערט צו דער ראָמאַנטישער מאַרקסיסטישער יוגנט וואָס האָט זיך געקרייזט און געקעמערלט אַרום דער חודש־שריפט „דער פּריינט", געשלאָפן ווי אין רייזענס ליד אויף דער „האַרטער באַנק" פון טלאָמאַצקע און דערביי געהאַט רויטלעכע צעפּלאָמטע בעקלעך פאַר נחת פונעם צעבליטן ניי־אויפגייענדיקן יידישן קולטור־לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד...

כלאַדני האָט זיך אין הירשמאַנס „ליטעראַרישער שטוב" גלייך גע־לאָזט דערקענען ווי אַן אומבויגזאַמער עקשן, וואָס גייט אין לעבן, פריי פון סענטימענטאַליזם, מיט פעסטע שריט צום ציל. ביי די הירשמאַנס איז ער הינטער די אויגן געקרוינט געוואָרן מיטן צונאָמען „דאָס ווייסע לעבערל". אָבער הירשמאַן גופא, ווי אַ ליבהאָבער פון יונגע טאַלאַנטן, האָט אים מקרב־געווען און געליבט זיין פעסטגעזעצטן רייפן סטיל, הגם בעת אַ וויכוח פלעגט ער כלאַדנין אַלע מאָל פאַרוואַרפן, אַז ער איז טרוקן ווי אַן אויסגעמאַרכטער ביין, און מ׳פילט נישט קיין שפּור פון מיטלייד צום גורל פון זיינע פּאָליטישע מאַרטירער־העלדן.

הירשמאַן האָט דעם יונגן שרייבער אָפטמאָל געעצהט איבערצוגיין צו אַן אומאַנגאַזשירטער, אומטענדענציעזער טעמאַטיק. משהלע כלאַדני, וואָס איז בדרך־טבע געווען אַ נערוועזער, האָט געצוקט מיטן רעכטן אַקסעלע, און נאָך יעדער פראַזע זיך אָנגעכאַפּט ביים מיטלפונקט פון די ברילן־דרעטלעך. אויף הירשמאַנס אָנווייזונג האָט ער ווי בכלל אויף יעדן פאַרשלאָג, געענטפערט דריי מאָל: „אוודאי, אוודאי, אוודאי".

נישט געקוקט אויף דעם איז זיך כלאַדני, ווי אַ „לינקער שטיוול" אין געמוז־שיך, ווייטער געגאַנגען זיין עקשנותדיקן גאַנג, וואָס איז בפירוש געווען דער היפוך צו זיין צוגעשטימטן „אוודאי". ער האָט ווי יעדער פאַנאַטישער מאַרקסיסט פון יענער תקופה געהאָפט אַז דער „רוי־טער משיח" וועט אין אַ טאָג אויך אַראָפּקומען קיין פראַנקרייך און פאַר־

וואַנדלען דאָס „צוריקגעשטאַנענע לאַנד" אין אַ סאָוויעטישן גן־עדן. זיינע ווערק וועלן דעמאָלט דערשיינען אין אַ מלוכה־פֿאַרלאַג: דער קינסטלער וועט, ווי אין סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד גופֿא, זיין אַ געקרוינטער, אַ באַלוינטער און אַ געשוינטער. אָבער לעת־עתּה, ביז די ישועה וועט קומען, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ וואַליזקעלע און פֿאַרשפּרייט אין יידישע קאַפּעס זיין בענדל דערציילונגען, געוווינט אין אַן אָרעם־נעבעכדיק האָטעלעכל, דאָרט און דאָ איבערגעכאַפּט, און לסוף געבליבן הונגעריק.

משהלע כלאָדני האָט זיך שטילינקערהייט צוגעשלייכט צו דער קאַנאַפּע, וועלכע איז פֿון די פֿרימאָרגן־שעהן ביז אין שפּעטלעכן נאָכמיטאָג אַריין, געווען באַוואָרפֿן מיט כלערליי זשורנאַלן מארבע פּנות העולם. ער האָט מעשה־שטן גראָד אַרויסגעשלעפּט פֿונעם פֿאַרוויקלטן צייטונג־געפּעק דעם תּל־אביבער זשורנאַל „נייוועלט" וואָס איז בשעתו געווען אַ שם־דבר אין די תּפֿוצות. און הגם דאָס תּנ"ך־לאַנד איז כלאָדנין געווען ווייניקער צום האַרצן ווי להבדיל ביראָ־בידזשאַן, האָט ער מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם גענומען לייענען די שילדערונגען פֿונעם ארץ־ישׂראלדיקן לעבן. דערביי האָט ער בגנבֿה אַריינגעבליקט צום העלן פֿלעק פֿון דער קוך־וואַנט.

די קיך האָט טויבעלע געלאָזט אַרומצוימען מיט העלע דיקטן־ברעטלעך, געהייסן אויסשניידן אַ פּירקאַנטיק פֿענצטערל, אין וועלכן איר קאָפּ האָט זיך בעת די מאָלצייטן און כּיבודים באַוויזן ווי אין אַ קוואַדראַטנער ראַם. איינער פֿון דער פֿריילעכער „כאַלאַסטריע", זאַטער מאָגן, האָט דאָס קיכן־ווענטל פֿאַרגליכן צו אַן אָרעמער טעאַטער־דעקאָראַציע. אָבער די מאכלים וואָס טויבעלע האָט פֿון דעם קיכל אַרויסגעטראָגן האָט די שרייבער־פֿלעיאַדע געלויבט ביז אין דעם זיבעטן הימל אַריין...

הגם פֿאַרטיפֿט אינעם „נייוועלט"־אַרטיקל, האָט כלאָדני פֿונדעסטוועגן דערבליקט טויבעלעס קאָפּ אינעם קיכן־פֿענצטערל. איר שטים האָט געקלונגען ווייך־צערטלעך, אַקוראַט ווי אַ מאַמע וואָלט גערעדט צו איר קינד.

— כלאָדני, כ'האָב פֿאַר אייך אַ גרויסאַרטיק מאכל, לעבער מיט קליסקעלעך, מיין מאַן און קינדער האָבן געלעקט די פֿינגער, כ'ווייס, אַז איר זענט זאַט, אָבער אַזאַ פּאָטראַווע קען אַ זאַטער אויך פֿאַרדייען... זאָגט מיר נישט אָפּ. גייט צום טיש. די צייטונגען וועלן אייך נישט אַנטלויפֿן.

כלאָדני האָט כלומרשט געצויגן מיט די אַקסלען, אָבער ער איז זייער גערן געגאַנגען צום טיש. אויסגעטוישט אַ וואָרט מיט דער גאַסטפֿריינדלעכער באַלעבאָסטע, געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, געלויבט די מאכ־

לים, און איידער מ׳האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן, זיינען די טעלער שוין געשטאַנען אויסגערייניקטע מיט קרישקעס ברויט. נאָכן עסן האָט זיך כלאַדני געעפנט זיין בלעכן טאַבאַק־שאַכטעלע געדרייט זיך אַ גאַנץ דיקן ציגאַרעט, פאַררויכערט מיט אַ האַלב־פאַרזשאַווערטן אָנצינדער, וואָס האָט געהאַט אַ קנויט ווי פון אַ הבדלה, אויסגעהוסט זיך, און מיט לאַנג־זאַמע טריטלעך איז ער אַריין אין צווייטן צימער.

— כ׳בעט אייך, כלאַדני, שטערט נישט מיין מאַן — האָט זיך טויבע־לע געבעטן — רעדט נישט, ער וועט דאָך נישט קאָנען אַרבעטן.

— זיכער... זיכער... זיכער... — האָט כלאַדני לויט זיין רגילות דריי מאָל איבערגעחזרט זיין צושטימונג, אָבער ער האָט תיכף אַ פרעג געטאָן:

— כ׳בעט אייך הירשמאַן, האָט איר אָוועקגעשיקט אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן וויקטאָר מאַרגעריטס פּראָצעס?

— וואָס פאַר אַ פּראָצעס?

כלאַדני האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט — איך בין דאָך אַ „גרינער" ווייס איך און איר נישט? די גאַנצע פּאַריזער פּרעסע איז דאָך פאַרכאַפּט פון דעם פּראָצעס. איר האָט נישט געהערט, אַז וויקטאָר מאַרגעריט דער מחבר פון „די בחורטע" האָט אַרויסגעלאָזט אַ ראָמאַן „דער קערפּער איז דיינער", אַזוי דאַכט זיך איז ער טיטולירט. ער באַרעכטיקט די אַבאָרטן, וואָס זיינען איצט אין פראַנקרייך זייער שטרענג פאַרבאָטן. מ׳האָט דאָך אַרעסטירט אַ גאַנצע ריי דאָקטוירים אַבאָרטן־מאַכערס. דער ראָמאַניסט האָט נישט צוגעלאָזט קיין אַדוואָקאַט. ער גופא פאַרטיידיקט זיין טעזע אַז דער קערפּער געהערט דער פרוי... און זי קאָן במילא מאַכן...

— ווו האָט איר דאָס געהערט?

— ביי פילאַווסקין. ער האָט נישט קיין צייט. דער זאַל אין יוסטיץ־פּאַלאַץ איז איבערגעפּולט מיט זשורנאַליסטן, שרייבט די פראַנצויזישע פּרעסע. דאָס איז דאָך אַ סאָציאַלע טעמע. די פרוי בכלל ובפרט די אַרבע־טער־פרוי קאָן זיך נישט פאַרגינען צו האָבן קינדער. אין ראַטנפאַרבאַנד זעט איר...

— לאָזט אָפּ, לאָזט אָפּ — האָט אים הירשמאַן איבערגעריסן — ווי נאָר איר שטעלט אַריין דעם ראַטנפאַרבאַנד ווערט צווישן אונדז אַ מחלוקת. טויבעלע מ׳וועט וועמען פון די קינדער אָוועקשיקן אין געריכט אַריין. כ׳דאַרף מאַכן אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן אַזאַ פּראָצעס. יאָ, וויקטאָר מאַרגעריט איז דעם יידישן לייענער־עולם נישט פרעמד. אַ דאַנק אייך,

כלאַדני, אָבער קומט צו מיר אַרויף אין אָוונט. כ׳וועל איצט אַ ביסל אַרבעטן.

— אוודאי... אוודאי... אוודאי...

אָבער דאָס מאָל האָט זיך כלאַדני אויפגעשטעלט ס׳קעלנערל פון זיין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, זיך געזעגנט, און איז אַוועק.

יעדן שבת נאָכמיטאָג האָט זיך ביי די הירשמאַנס באַוויזן לייבוש לענטשנער. אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען באַשעפטיקט אין אַ טאָג־צייטונג ווי אַ טיש־אַרבעטער. לענטשנער אַ ברוינהויטיקער אַלטער בחור אין אַ גראַנאַטענעם באַסקישן בערעט, האָט דאָ אין דער „ליטעראַרישער שטוב״ אַריינגעבראַכט אַ טאָן פון ציניזם. אויסגעבילדעט האָט אים עסטרייכס הויפּט־שטאָט ווין, וווּ ער האָט לאַנגע יאָרן פאַרבראַכט ווי אַ דרוקער־אַרבעטער און אַ ליטעראַטור־פאָרשער. זיצנדיק ביי די הירשמאַנס אין אַ קרייז פון יונגע ליטעראַטן האָט ער אָפּטמאָל גערעדט מיט גרויס התלהבות וועגן גאָטהאָלד, לעסינג, אַרטור שניצלער, יאַקוב וואַסערמאַן, עלזאַ לאַסקער, שילער און עריך מאַריאַ רילקע. היינעס העברעאישע מעלאָדיעס און „דער רבי פון באַכראַך״, פלעגט ער ציטירן בעל־פּה. און הגם לענטשנער האָט געהערט צו די גרויסע פאַרדינערס, איז ער געווען אַ מוסטער פון אַ קמצן, וואָס האָט זיך אפילו נישט פאַרגונען אָפּצועסן אַ מאָלצייט אין סאַמע ביליקסטן „פרי פיקס״. מיטאָג־שעה איז ער אויסגעוואַקסן אַרום זיין שמוציק האָטעלכל מיט אַ לאַנג פראַנצויזיש ברייטל אונטערן אָרעם, און מיט אַ דריי שניטקעס וווּרשט אין דער האַנט. גייענדיק אַזוי אַ פאַרטיפטער אין דער נייעסטער צייטונגס־אויסגאַבע, איז אים אָפּטמאָל אונטערגעשפּרונגען אַ הונט און אַרויסגעכאַפּט די שניטקעס וווּרשט. די יידישע פאַרבייגייער האָבן אַרויסגעלאָזט אַ הילכיק געלעכטער. אָבער לענטשנער האָט זיי ציניש אַ זאָג געטאָן:

— דער הונט מיינט, אַז איך וועל מיר גיין קויפן אַנדערן וווּרשט...

אָבער מיט אַלע זיינע חסרונות איז לענטשנער געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט. איידער הירשמאַן האָט אַרויסגעשיקט אין דער וועלט אַריין אַ שאַ־פונג, האָט ער זי פריער געפלעגט פאַרלייענען לענטשנערן. און הגם לענטשנערס קריטיק איז געווען באַגלייט מיט עזותדיקייטן, שטעכווערטלעך און קיבעצעריי האָט זיך הירשמאַן פונדעסטוועגן נישט געקאָנט באַגיין אָן זיין מבינות.

איינמאָל אין חודש האָט זיך צו די הירשמאַנס אַריינגעשטעלט דער לעבנס־לוסטיקער רעפּאָרטאַזשיסט און נאָוועליסט דוד טאָביאַש. דאָס איז

געווען אַ העכסט עלעגאַנטער יונגערמאַן, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געריזט פּאָר אַ פּירמע פון לוקסוסאָווע דאַמען־אַרטיקלען. דער דאָזיקער סימפּאַ־טישער רעפּרעזענטאַנט, איז אין יענער פאַרמלחמהדיקער תקופה געווען פון די געציילטע יידן אין פּאַריז, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל.

דודל טאָביאַש איז געווען דער אייגציקער צווישן דער שרייבער־משפחה וואָס האָט ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער „קאָמי־וואָיאַזשאָר" אַ גאַנץ יאָר געקאָנט באַזוכן דעם „קאָט־ד'אַזיר", די פּיטאָרעסקע בערגיקע און טאָליקע דרום־שמעטלעך, דעם מיטללענדישן ים אין שטילע און שרייענ־דיקע שעהן, די קאָסינאָ אין מאָנטע־קאַרלאָ מיט אירע רולעטקע־שפּילערס וואָס זיינען לויט טאָביאַשעס פאַנטאַסטישע דערציילונגען, לרוב באַשטאַנען פון אַלטע אָפּגעלעבטע מאַרקיזן, גרעפינעס, דיפּלאָמאַטן, אַקטריסעס מיט וועלט־נעמען, קורטיזאַנטקעס, בעל־תאווהניקעס, שאַרלאַטאַנען און שטילע בכבודיקע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט באַצווינגען זייער נעבעכ־דיקן גורל און ווערן רייך אַ דאַנק דעם „מזל־רעדל".

ווען טאָביאַש איז צוריקגעקומען פון אַ רייזע איז ער קודם־כל פאַרפאָרן צו דער „קאַפע עמך" אויפן רעפּובליק־פּלאַץ, וווּ עס האָבן זיך טאָג־טעגלעך, נאַכט־נאַכטלעך, פאַרזאַמלט פעך־מענטשן, אַקטיאָרן, מאָלער, סקולפּטאָרן, פאַרדינער און אַרבעטסלאָזע. די אָפּגעלאָזטע פאַרטשאַדעטע קאַפע מיט די געשפּאָלטענע און מאַטע ווענט־שפּיגלען איז טאָג און נאַכט געווען אָנגעפּראָפּט מיט אַ יידיש רעדנדיקן עולם. געדיכטע רויך־וואָלקנס זיינען דאָ אַרומגעשפּרונגען אין דער לופט ווי שוואַרצע קעץ. די פּאָד־לאָגע איז געווען באַלייגט מיט אַ דיוואַן פון ציגאַרעטן און ציגאַרן־שטיקלעך. די טישלעך זיינען געווען פאַרוואַליעט מיט שניידערישע טואַלעט־לעך, מיט פּעקלעך איינקויף, מיט געטוישטע ביבליאָטעק־ביכלעך, און צייטונגען צום לייענען און צום פּאַקן. אויף די האַלב צעקרישלטע שפּיג־לען האָבן געקלעפּט אַפישן פון פיר יידישע טעאַטערס: דראַמע, קאָמעדיע, אָפּערעטע און „פּיאַט"־פאָרשטעלונגען. דערביי האָבן די שפּיגלען דער־ציילט וועגן פאָרטראָגן פון: ד"ר יוסף קרוק, י.ב. צפור, לעאָ גלעזער, מוניע נאַדלער.

די וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם גערויש־האַרמידער פונעם אינעווייניקסטן „בינשטאָק" האָבן זיך באַזעצט אויף דער טעראַסע, וואָס האָט זיך אין די אָוונט־שעהן מיט יעדער רגע אַלץ מער אויסגע־ברייטערט, ביז די קאַפע־טישלעך, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געווען אויף רעדלעך, האָבן כמעט דערגרייכט דעם טראָטואַר־ברעג.

נאָך האַלבער נאַכט, ווען די „קאַפּע עמך" איז שוין כמעט געווען פּוסט, דאָ און דאָרט זיינען נאָך האַלב־דרימלדיק געבליבן זיצן אַ צווײ־דריי איינזאַמע אימיגראַנטן, זיינען מיט גערויש און געפּילדער אַנגעקומען די טעאַטער־טרופּעס, באַגלייט פון דירעקטאָרן, מוזיקער, סופלאָרן, טעאַ־טער־ליבהאָבערס, בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן אויף די בינע־מענטשן געקוקט ווי אויף געטער.

דודל טאָביאַש האָט אין דער „קאַפּע עמך" געהאַט זיינע פאַרערער, לרוב לינק־געשטימטע פּאַטראָנען און שטיק־אַרבעטער וואָס האָבן זיך גייסטיק דערצויגן אויף דער יידישער ליטעראַטור. ווען טאָביאַש איז אויסגעוואַקסן ביי זייער טישל, זיינען די דאָזיקע פאָלקס־מענטשן אויפ־געהייטערט געוואָרן. זיי האָבן באַזייטיקט די דברי־חול און גענומען שיטן מיט שבחים:

— שלום עליכם, ר' דוד טאָביאַש, אייערע רעפּאָרטאַזשן פון ניצע, קאַן און אַוויניאָן, האָבן מיך ממש דערקוויקט. די שילדערונגען פון טייך ראָן זיינען אויסערגעווײנלעך שיין. ווען מ'לייענט אייך זעט מען אײן, אַז מיר פאָלקס־מענטשן ווייסן גאָרנישט. אַ דאַנק אייערע רעפּאָרטאַזשן — האָב איך זיך ערשט דערוווּסט וועגן גירוש־פראַנקרייך אינעם 14־טן יאָרהונדערט.

— און די היסטאָרישע שטעטלעך קאַרפּאַנטראַס און אַוויניאָן, וואָס איר שילדערט אַזוי פּרעכטיק, קאָן מען אויך נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט — האָט אַ צווייטער זיך געריסן צו נעמען אַ וואָרט — אינטערעסאַנט איז דאָס קעניגרייך פון די פּויפּסטן, דער וווּנדערבאַרער פּאַלאַץ ווו די גערודפטע, געפּלאָגטע יידן האָבן געפונען אַ מקום־מנוחה אין אַזאַ שרעק־לעכער עת־צרה.

— איך האָב גאָרנישט געוווּסט — האָט אַ דריטער אַריינגערעדט — אַז ר' לוי בן גרשום וואָס האָט אונדז צוגענומען דעם היתר צו האָבן עטלעכע פרויען האָט גאָר געלעבט אין אַוויניאָן. מ'איז פאַרהאָרעוועט, דאגות פּרנסה, מ'האָט נישט קיין צייט צו געניסן פון דעם גרויסן אוצר וואָס יידן האָבן דאָ און דאָרט אָנגעזאַמלט. וואָס קומט אָבער אַרויס? אין אַן עת־צרה לאָזן מיר דאָך אַלץ איבער אין פרעמדע הענט... אייך, טאָביאַש, קומט אַ גרויסן יישר־כוח. ווייל ווי פאַרהאָרעוועט מ'זאָל נישט זיין לייענט מען אַ צייטונג. פון אייערע זאַכן האָט מען באמת אַ נחת־רוח.

טאָביאַש איז געזעסן אַ צעשמייכלטער און בעת ער האָט מיט זיין קאַכנדיקן טעמפּעראַמענט אָנגעהויבן צו דערציילן פאַנטאַסטישע מעשה־לעך, איז שוין קיינער מער נישט געקומען צום וואָרט. די יידן האָבן אים

אויסגעהערט מיט געוואַלדיקער שפּאַנונג. און ווען איינעם איז אַמאָל איינגעפאַלן אַ פראַג צו טאָן: צי דאָס איז טאַקע אמת? האָבן די איבעריקע אים ממש געוואָלט עוקר מן השורש זיין.

נאָכן באַזוך אין דער „קאַפּע עמד”, אַנגעזעטיקט פון שבחים, האָט זיך טאַביאַש ערשט אַוועקגעלאָזט צו די הירשמאַנס. זיין דערשיינען איז תמיד געווען אַן איבערראַשונג. די דריי טעכטער האָבן אים אויפגענומען ווי אַ רייכן אָנקל וואָס איז געקומען פון אַ ווייטער רייזע. ער האָט די מיידלעך תמיד אויסגעטיילט מתנות: אַ פלעשעלע פּאַרפום, אַ שטיקל שמעק־זייף, סוווענירן פון „קאָט ד'אַזיר”. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט טריב־קען זיין גלעזל טיי, אַרומגעקוקט זיך, דערוואַרט עפּעס אַ מיינונג וועגן זיינע אָפּגעדרוקטע רעפּאָרטאַזשן, אָבער די יונגע ליטעראַטן האָבן זיינע שאַפונגען צום טויט פאַרשוויגן. טאַביאַשעס באַגייסטערונג וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער „קאַפּע עמד” האָט זיך דאָ אינעם ליטעראַרישן סאַלאָן פאַרלאָשן. אָבער אויב ער האָט אַמאָל ביי די הירשמאַנס זיך באַ־געגנט מיט לענטשנערן האָט דער ציניקער אים יאָ געזאָגט אַ וואָרט:

— אָ, טאַביאַש, דער שיקסע־קריכער איז דאָך גאָר געקומען. דו קריכסט אַרום ביים ים, ביים ראַן טייך, איז דאָך נישט קיין וווּנדער וואָס דיינע רעפּאָרטאַזשן זיינען וואַסערדיק — ס'איז אויסגעבראָכן אַ געלעכ־טער, און דער גוטמוטיקער טאַביאַש האָט מיטגעלאַכט.

**
*

אַ קאַלטער נאָוועמבער אָוונט. דער ווינט האָט נאָכאַנאַנד געהודזשעט. אויף די פּאַריזער טראָטואַרן זיינען אַרומגעפלויגן גאָלד־געלבלעכע, האַלב פאַרטריקנטע בלעטער. אויף אַ רגע האָט דער ווינט זיי צונויפגעיאָגט צופוסנס פון דיביימער־שטאַמען, צונויפגעוועבט פון די בלעטער אַ גאָלדקאָליריקן דיוואַן, אַ רגע זיי אַ הייב געטאָן אין דער לופטן, צעריסן זייער באַהעפט און זיי צעוואָרפן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס. די האַלב נאַקעטע ביימער־צווייגן, האָבן פון מינוט צו מינוט אַ גע־שריי געטאָן און אַנטשוויגן געוואָרן. דער הימל האָט געווירקט פאַרן אויג ווי טונקעלע אייזבערג, ערטערווייז געשנירלט מיט רויטע אָדערן.

אין דעם דאָזיקן פרייטיק אָוונט האָט לאַזאַר פּילאָווסקי אַריינגעפירט אורבאַכן מיט עסטושאַן צו די הירשמאַנס. דער לאַנגער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווייס טישטעך. די ברענענדיקע ליכט אין די מעשענע לייכטערס האָבן צוגעגעבן אַ שבתדיקע שטימונג דער בעל־הביתישער

שטוב, וואָס איז איצט מער ווי אין די וואָכן־טעג געווען באַזעצט פון שטאָם־געסט, און ליטעראַרישע־ביילאַגעס, וואָס האָבן זיך נאָר געוויזן אין די פרייטיק אָוונטן.

טויבעלע איז אַ דערפרייטע אַנטקעגנגעגאַנגען די געסט:

— אָ, פּילאָווסקי! איר זייט דאָך שוין ביי מיר גישט געווען אַ שאָק מיט יאָרן.

— ס׳דאַכט זיך אייך, טויבעלע. פאַרנומען... פיזישע און גייסטיקע אַרבעט, אַ פאָרטראַג. איך שטעל אייך דאָ פאָר מיינס אַ טיש־אַרבעטער לייב אורבאַך און די שיינע עסטושאַ.

די שטוב־מענטשן האָבן זיך מיט איבערראַשונג איינגעקוקט אינעם יונגן פּאָרל. טויבעלע האָט די ניי געקומענע געסט באַזעצט ביים טיש, בשכנות מיטן סאַלאָן בעל־הבית, וואָס האָט פון עסטושאַן נישט אַראָפּ־געגומען די אויגן. הירשמאַן האָט זיך מיט אַן אויפגעלויכטן שמייכעלע געקעמט די באָרד מיט צוויי פינגער. נאָך אַ ווייל האָט ער אורבאַכן אַ פרעג געטאָן:

— איר זייט שוין לאַנג אין פּאַריז?

אורבאַך האָט זיך אין דער דאָזיקער שטוב גלייך דערפילט היימיש. ס׳האָט אים עפּעס אַרומגענומען אַ משפּחהדיקע וואַרעמקייט. ער האָט אין קורצע שטריכן געצייכנט זיין וואַנדער־וועג, געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן יידישן לעבן אין בערלין און בריסל. די שטוב־מענטשן האָבן זיך שטילער־הייט איינגעהערט. ביי עסטושאַן האָט זיך אַוועקגעשטעלט די בעל־הביתטע טויבעלע און די יינגסטע טאָכטער טעמעלע וואָס האָבן באַוואונדערט עס־טושאַס וויאָלעט קלייד מיט אַ פּאָר אַנגעבלאָזענע בופאַן־אַרבל. די מאַמע און טאָכטער האָבן צאַרט געגלעט דעם שטאָף און זיך אויסגעפרעגט אויף דער שניידערקע. הערנדיק ווי עסטושאַ פירט אַן אַטעליע פון דאַמען־קליידער, האָט זיך טויבלע איבערגעוווּנקען מיט דער טאָכטער און בעת זיי זיינען אַריין אין דער קיך צוגרייטן דעם כיבוד האָבן זיי זיך אַ היפּשע ווייל געסודעט, אַז עסטושאַ וועט זיי מסתמא נישט אָפּזאָגן צו אַרבעטן פאַר זייער הויזגעזינט...

דודל טאָביאַש וואָס איז אין דער ליטעראַרישער סביבה געווען דער סאַמע גרעסטער פלירטאָווניק און איז תמיד געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מעשיות וועגן זיינע ליבע־אַוואַנטורעס אין די בערגיקע שטעטלעך פון „קאָט ד׳אַזיר״; וועגן די באָרוועסע פּרימיטיווע מיידלעך וואָס איינע האָט זיך אים איבערגעגעבן פאַר אַ שנירל קרעלן מיט אַ פאַלשן פּערלמוטער,

איז געזעסן אַ באַצויבערטער פון עסטושאַס שיינקייט. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, גענומען שפּאַנען מיט אַן אויפֿגעוואַכטן אומרו, און נאָך אַ הפסקה האָט ער אורבאַכן געפֿרעגט מיט אַ געלעכטערל:

— כ׳בעט אייך, אורבאַך הייסט איר?

— יאָ, אורבאַך.

— ווו האָט איר גענומען די דאָזיקע לאָרעליי? זי איז אַ יידישע דייטשקע?

פּילאָווסקי האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

— דאָס איז אַ ראַדאָמער מיידל, טאַביאַש, אַ נייטאָרין. אוודאי קאָן מען זי נישט פֿאַרגלייכן מיט פּרצעס נייטאָרינס, וואָס שטעפּן זיך אויס גרויע צעפּ, אָבער זי מוז זיצן צוגעשמידט צו דער מאַשין און זיך פֿאַרדינען אויף אַ חופּה־קלייד...

— אומגלויבלעך! — האָט טאַביאַש ווי דעקלאַמירט — ווען איך זאָל די מאַדמואַזעל עסטושאַ טרעפֿן אין אַ קאַסינאָ, אַזוי ווי זי גייט און שטייט, וואָלט איך זי אָנגענומען פֿאַר אַ יונגער פּרינצעסין.

לענטשנער וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל און געבלעטערט אַ דייטשע צייטונג האָט אַ רוק געטאָן זיין שטול נעענטער צום טיש און אויף זיין עזותדיקן שטייגער אַ זאָג געטאָן:

— דאָס מאָל טאַביאַש, קענסטו רעדן צו דער לאָמפּ... מיר מענער האָבן דאָך אויך אויגן... אָבער מיר זיינען צוריקגעהאַלטן. דיינע קאָמפּלימענטן שאַקירן דאָך די איבעריקע פֿרויען... דיר פֿעלט אַ ביסל טאַקט...

— איך דערגרייך די שענסטע פֿרויען אַ דאַנק מיין טאַקט... איך פֿאַרמאָג וויגער טאַקט...

ווי נאָר דאָס געלעכטער האָט זיך איינגעשטילט האָט הירשמאַן אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש, און מיט אַן אומדרייסטער שטים געזאָגט:

— מיינע ליבע פֿריינד, איך וויל אייך מהנה זיין מיט אַ נייער שאַפֿונג, וואָס כ׳האָב ערשט די וואָך פֿאַרענדיקט. זעענדיק אַרום מיין טיש אַזעלכע פֿיינע געסט, האָב איך גרויס חשק אייך פֿאַרצולייענען די דערציילונג. אָבער נאָכן לייענען זאָלט איר פֿאַרגעסן אין אונדזער גאַסטפֿריינטלעכקייט און זיך אַרויסזאָגן אָביעקטיוו, גלייך ווי איר אַלע וואָלט געווען מיינע רעדאַקטאָרן. טויבעלע, אַלע געסט זיינען שוין סערווירט?

— יאָ, מיין מאַן.

— זייער גוט, קאָן איך אָנהייבן. די דערציילונג הייסט „שבת ליכט״.

הירשמאַן האָט אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם זיין נייע שאַפונג. אַ רגע־צוויי זיך איינגעקוקט אין די מאַרגינעסן, און די האַנט־צושריפטן וואָס האָבן אויסגעבעסערט די שרייב־מאַשינקע, אַרויסגעלאָזט אַ צעפּיעשטשעט הוסטל און אָנגעהויבן פאַרליינען.

הירשמאַן האָט דערציילט, אַז אַ יונג, שיין קריסטלעך מיידל וואָס האָט געאַרבעט אין אַ שניידער־אַטעליע, האָט זיך ביז משוגעת פאַרליבט אין אַ יידישן בחור זשאַק. דעם בחורס עלטערן פרומאַקעס האָבן נישט דערלאָזט צום שידוך; סיידן דאָס מיידל זאָל זיך מגייר זיין. דער ראַבינאַט האָט אָבער געטענהט אַז מגייר זיין מעג מען נאָר אַ פרעמדע וואָס וויל זיך באַהעפטן מיט דער יידישער אמונה, אָבער נישט בכדי צו טאָן אַ גליק־שידוך. דער חתן האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט דאָס מיידל. ער איז מיט איר אַוועק אין דער רעפאָרמיסטישער סינאַגאָגע און אויסגעפּועלט, אַז די כלה וועט זיך במשך פון אַ יאָר אויסלערנען אַלע יידישע דינים און מנהגים, און זי וועט זיי טאַקע אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. דאָס מיידל האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט, אָבער נאָך דער חתונה איז זי גבהל ונשתומם געוואָרן פון איר מאַנס אויפפירונג.

פרייטיק צונאַכטס, ווען דאָס יונגע ווייבל, די גרת צדק, האָט זיך אָוועקגעשטעלט בענטשן ליכט, האָט זיך איר מאַן אַוועקגעזעצט מיט נאָך דריי חברים שפּילן קאָרטן. די גרטע וואָס האָט די יידישע טראַדיציעס גענומען טויט־ערנסט איז דעם מאַן באַפאַלן מיט קולות און היות ווי דאָס קאָרטן־שפּילעריי האָט זיך איבערגעחזרט, פאַרשעמענדיק די שבת-ליכט, האָט די מחלוקת דערפירט צו אַ גט...

בעת הירשמאַן האָט פאַרענדיקט די פאַרלייענונג, האָט ער צוריק פאַרוואָרפן זיין קאָפּ צום לינקן אַקסל, אָנגעקוקט זיינע טיש־זיצערס מיט אַ פּאָר פאַרווייכטע סאַמעטענע אויגן און אומגעדולדיק געוואָרט אויף אַ וואָרט.

דער ערשטער האָט זיך אָנגערופן לענטשנער.

— די דערציילונג וועט ביים יידישן לייענער זיכער אויסנעמען, אָבער פאַר מיר איז עס אַ זיבעלע...

— וואַ־עס? האָט הירשמאַן אַריבערגעפרעגט.

— אַ שוואַך נפשל... האָט זיך לענטשנער געקוויקט מיט זיין שאַרפּ־זין — אייער דערציילונג ר׳ בערל, קלינגט ווי אַן אַנעקדאָט. אוודאי איז ביי וועלט־מייסטער אויך פאַראַן דערציילונגען און נאָוועלן, וואָס זיינען געבויט אויף אַנעקדאָטן. טשעכאָווס מעשה מיטן נאָס, וואָס באַשפּריצט

דעם נאַקעטן פליך פון אַ הויכן באַאַמטן, און דער ניסער איז פאַר שרעק צו פאַרלירן דעם פאָסטן געשטאָרבן, איז אויך באַזירט אויף אַ פּאַראַגראַם, אויף אַ הלצה, אָבער דער קאָמיזם איז אַוועקגעשטעלט אין הינטערגרונט. אין פאָדערגרונט שטייט דער איבערגעשראָקענער מענטש אין זיין פּסיכישן צושטאַנד, זיין אומרו וואָס דערפירט אים צום טויט. ביי אייך, ר׳ בערל איז דאָס אַנעקדאָטישע אין פאָדערגרונט. די גאַנצע מעשה־נורא ווירקט ווי אַ וויץ.

משהלע כלאָדני, וואָס איז מחמת היימישקייט געשטאַנען ביים פענצטער און זיך געדרייט אַ גראָבע ציגאַרעט, האָט נערוועז אַ צוק געטאָן מיטן רעכטן אַקסעלע און ביים אַרויסשטעקן די צונג אַרומצוקלעפּן דאָס פּליסל, האָט ער צוגעוואָרפן אַ וואָרט:

— מ׳דאַרף די דערציילונג אַפּשוימען...

טויבעלע וואָס האָט זיך זעלטן־ווען אַריינגעמישט אין די ליטעראַרישע אַפּשאַצונגען האָט זיך דאָס מאָל יאָ אָנגערופן:

— וואָס הייסט עפּעס אַפּשוימען, וואָס איז עס אַ יויך?

— כ׳מיין אַרומשלייפן, אַרויסוואַרפן די איבעריקייטן.

— איך האַלט עס פאַר אַ גאַנץ גוטער זאַך — האָט פּילאָווסקי געזאָגט צו הירשמאַנען — ביי אונדז מאַרקסיסטן, אינטערנאַציאָנאַליסטן, איז דאַך דאָס נישט קיין טעמע. דאָס מיידל דאַרף זיך נישט מגייר זיין, דער בחור דאַרף זיך נישט שמדן, וויילביידע רעליגיעס זיינען דאַך אַפּיום... אָבער ביי קליינבירגערלעכע לייענער וועט דאָס אויסנעמען. דאָס רעדט צום פינטעלע ייד... וואָס זאָגט איר אורבאַך? —

— איך? האָט זיך אורבאַך גענומען באַוועגן — איך בין דאָך נישט קיין שרייבער, נישט קיין קריטיקער. כ׳האָב דאָ פאַר זיך בלויז פאַכלייט.

— נו, ווייל מע דאַך טאַקע הערן אַ וואָרט פון אַ גוטן לייענער — האָט הירשמאַן געזאָגט און האָט זיך פאַרהיקעט — רעדט גאַנץ פריי. דאָס נעגאַטיווע איז מער באַלערנדיק ווי שבחים.

אורבאַך האָט זיך אויפסניי אַרומגעקוקט. ער האָט זיך אויף אַ רגע־צוויי פאַרטראַכט און גענומען רעדן, פאַרקוקנדיק זיך אויף זיינע בעגל:

— בעלעטריסטיק איז ביי מיר קודם־כל מאַלעריי. אויב איינער דערציילט אַ סיוזשעט מיט די זעלבע מיטלען ווי ער וואָלט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן אַ שרפה, איז דאָס ביי מיר נישט קיין ליטעראַטור. איך זוך אין אַ דערציילונג אַטמאָספערע, אַ העלד וואָס איז גענצלעך אָפּגעבונדן

פון מחבר, אַ קאָנפליקט ענלעך צו דער דראַמע, דער מענטש מיט זיין אינערלעכן געראַנגל, די אומלעזבאַרע קאָסמישע פּראָבלעמען וואָס וואַקסן איבער אונדזער באַגרענעצטן שכל... איך קאָן נישט פאַרטראָגן מחברישע דיאַלאָגן, ווייל יעדער מענטש איז דאָך אַן עולם־קטן מיט אַ באַזונדערער שפּראַך און צוגאַנג צום קלענסטן ווי צום גרעסטן פּראָבלעם. אונדזער ליבן פריינדס „שבת ליכט" ליידט פון אומוואָרשיינלעכקייט. וועט זיך דען אַ פאַרליבטע פרוי גטן צוליב אַ פרעמדער רעליגיע מיט וועלכער זי איז נישט אָרגאַניש, בלב ובנפש, פאַרבונדן. און ווען זי וואָלט אפילו יאָ געווען פאַרבונדן האָט די ליבע געדאַרפט באַזיגן די רעליגיע. אָבער מ'קאָן די דערציילונג ראַטעווען צוגעבנדיק צום פינאַל אַ חנדל.

— דהיינו? האָט הירשמאַן אורבאַכן אָנגעקוקט מיט אַן אָפּן מויל.

— דהיינו? היות ווי די יונגע פרוי האָט צוליבן קאָרטן־שפּילן ביי די שבת־ליכט איינגעזען, אַז איר מאַן נעמט לחלוטין נישט ערנסט זיין רעליגיע, האָט זי געעפנט דעם האַנט־בייטל אַרויסגענומען איר צלמל און עס צוריק אָנגעטאָן אויפן ווייסן האַלדז. ס'איז אויסגעבראַכן אַ הילכיק געלעכטער.

גראַד אין דער רגע האָט מען געהערט אַ קלאַפּ אין טיר. אַ צעיאָכ־מעטער, מיט אַ פּאָר צעפּאָכטע פּאָלעס, די פּעך־שוואַרצע טשופּרינע צעשויבערט פון ווינט, איז מיט היימישער גדלות אַריינגעקומען דער יונגער שרייבער ראובן רובין.

— אָ, רובין! — האָט טויבעלע און הירשמאַן ווי מיט איין קול אויסגערופן — וואָס זעט מען אייך עפּעס לעצטנס אַזוי זעלטן? — האָט טויבעלע געפרעגט.

רובין האָט זיך אַרומגעקוקט, פריינדלעך באַגריסט די בעלי־הבתים און די געסט, אַ קאַפּיטשקע לענגער זיך איינגעקוקט אינעם פרעמדן פּאָרל, פאַרביסן זיינע גראָבע ליפּן ביים באַטראַכטן עסטושאַן.

— מען האָט דאָך אַ פּריוואַט לעבן אויך — האָט רובין געזאָגט און זיך צוגעזעצט צום טיש — אַ יונגע פרוי צוויי קליינע קינדער צו דער־נערן. ערב ניי־יאָר שטעלט זיך אָפּ ביי אונדז די אַרבעט, וועל איך האָבן מער צייט. דערוויל קאָן איך ביי שרייבערייַ, בפרט ביי בעלעטריסטיק, פאַרדינען וואָסער אויף קאַשע — האָט ער זיך צעלאַכט.

— איר האָט היינט אַ סך פּאַרשפּעטיקט — האָט טויבעלע געזאָגט ביים אָנגיסן אַ גלעזל טיי פאַר רובינען — מיין מאַן האָט געלייענט אַ נייע זאַך „שבת ליכט". מ'האָט דאָ געהערט זייער אינטערעסאַנטע אָפּ־

שאַצונגען. דער יונגערמאַן מיטן שיינעם מיידל, אורבאַך הייסט ער, האָט מיין מאַן אַ ביסל אַריינגעזאָגט, אָבער ער האָט עס געמאַכט אַזוי באַחנט, אַז ס׳איז געווען אַ מחיה צו הערן.

ס׳איז אויף אַ ווייל געוואָרן טומלדיק. אַ פיר־פינף טיש־זיצערס האָבן גענומען רעדן מיטאַמאָל. הירשמאַן האָט מיט אַ האַנטבאַוועגונג איינגעשטילט דעם גערויש.

רובין האָט נערוועז און גאַווהדיק עפּעס גענומען זוכן אין דער בוזעם־קעשענע — אויב איר זייט נישט מיד, וואָלט איך אייך גערן גע־וואָלט לייענען אַ קורצע נאָוועלע.

— אדרבה, אדרבה — האָט הירשמאַן געפּלאַמט פאַר נייגעריקייט.

דער עולם האָט זיך איינגעקוקט ווי רובין נעמט איבערציילן די זייטלעך פון זיין מאַנוסקריפּט. ער האָט דערביי געהאָט אַ פּאָר אויפגעלויכ־טענע אויגן און אַן איראָנישן שמייכל, גלייך ווי פאַרן לייענען וואָלט ער געזאָגט: „זייט וויסן, רבותי, אַז איך האַלט פון מיר זייער שטאַרק".

— די נאָוועלע הייסט: „מיין אַלטע שכנה מיטן הונט".

רובין האָט מיט אַ פיינער קלאָרער דיקציע אָנגעהויבן לייענען. ער האָט געשילדערט אַ פראַנצויזישע זקנה, וואָס לעבט אין דחקות, אָבער פאַר איר שיינעם וויס־געלאָקטן פודל־הונט איז נישט פאַראַן קיין צו טייערע זאַך אויף דער וועלט. די אַלטע באָדט דעם הונט ווי אַ קינד. בעת זי קעמט אים אויס זינגט זי דערביי דאָס פּאָפּולערע ליד „ווען מען ליבט איז מען אייביק אַלט צוואַנציק יאָר"... ווינטער טראָגט דער הונט פאַרשידנקאָלירטע מענטעלעך פון פלאַנעל. אַ גאַנץ יאָר — גלעקלעך אויפן האַלדז. די זקנה קויפט איר באַליבטן הונט דיטאָ דאָס בעסטע פלייש. זומער און ווינטער גייט זי מיטן הונט שפּאַצירן אין קוואַרטאַל־פּאַרק. אין שיינע וועטערן זעצט זי זיך אויף אַ באַנק און שטריקט עפּעס, כאַפּנדיק דערביי אַ שמועסל וועגן זיך און איר דיטאָ מיט אַ ווילד פרעמדער פרוי. דער הונט זיצט לרוב קעגן איבער דער בעל־הביתטע און קוקט איר אין די אויגן אַריין. אויב איר הונט כאַפּט אַמאָל אין פּיסק אַריין אַ קליין באַלעמל און טראָגט עס צו די צעהוליעטע, פריילעכע קינדער, ווערט די זקנה ממש משוגע פאַר פרייד. זי האָט דעם איינדרוק אַז איר דיטאָ איז אַ געראָטן קינד וואָס שפּילט זיך.

אָבער אין אַ געוויסן ווינטער־פרימאָרגן איז די אַלטע מער נישט אויפגעשטאַנען צוגרייטן דעם פרישטיק פאַר איר הונט. זי איז אין בעט געבליבן ליגן אַ שטייפע, אַ געפרוירענע... זי איז געשטאָרבן פון הונגער...

דער הונט ביי איר בעט, דערציילט דער מחבר, האָט הויך געוויינט מיט אַ מענטשיש קול...

נאָך אַ שטילשווייגנדיקער הפסקה, האָט הירשמאַן געזאָגט:

— יידן האָבן נישט ליב קיין הינטישע טעמעס.

— ס׳איז זייער פאַלש — האָט זיך לענטשנער געבייזערט — יידן זיינען דאָך די גרעסטע צער־בעל־חיימניקעס. אויב מיר האָבן נישט ליב קיין הינט ווי העלדן אין אַ ליטעראַריש ווערק, פאַרוואָס האָט מען ביי אונדז איבערזעצט דזשעק לאָנדאָן, טשעכאָווס „די דאַמע מיטן הינטל״ און ווער קען איצט געדענקען אין וועמענס ווערק ס׳פיגורירן אַלץ הינט?

— אין מיינע רעפּאָרטאַזשן זיינען אויך אָפטמאָל פאָראַן הינט, וואָס זיינען מיר נויטיק צו דער אַקציע — האָט טאָביאַש געזאָגט און אונטערגעשמייכלט.

— אין מיין באַנד „פּאָליטישע אַרעסטאַנטן״ וויסן דאָך אַלע, אַז איך האָב אַ דערציילונג וועגן אַ הפקר־געוואָרענעם הונט, ווייל זיין פויערישער בעל-הבית האָט פאַר אים נישט געוואָלט צאָלן קיין שטייערן — האָט משהלע כלאָדני ממש געצאַפּלט פאַר אויפרעגונג.

— אין דער קונסט איז נישט קיין אונטערשיד צי דער הויפּט־העלד איז אַ מענטש אָדער אַ הונט — האָט פּילאָווסקי געזאָגט — וואָס טוט זיך מיט אייך, הירשמאַן. איר פרעגט דאָך נישט בלויז אָפּ די ליטעראַטור, נאָר אויך די מאָלעריי און סקולפּטור. וואָס זאָגט איר אורבאַך?

— איך בין צופרידן וואָס כ׳בין אַריינגעפאַלן אין אַ סביבה פון פּראָזאַאיקער. אין בערלין האָב איך געהאַט אַ ליטעראַרישן סאַלאָן פון בלויז פּאָעטן און פּאָעטעסעס. רובינס נאָוועלע איז, לויט מיינע השגות, אַ קליין קונסט־ווערק. אָבער דער אַקצענט פאַלט נישט בלויז אויף דער שיינער שילדערונג, נאָר בעיקר אויף דער טעזע, וואָס באַקלאָגט זיך אויף דער מענטשישער פאַלשקייט. פאַרוואָס האָט די דאָזיקע זקנה אָוועקגעגעבן איר לעבן פאַר דעם הונט, ווייל די שטומע צונג האָט צו איר גערעדט הינטיש געטרייע ווערטער... דער וואָס איז אַנטוישט אין דער מענטשישער היפּאָקריזיע, בינדט זיך מיט לייב און לעבן צו צו דער חיה...

אורבאַך האָט זיך אויף אַ ווייל פאַרטראַכט.

— יאָ... אפשר דאַרף, רובין, פאַרקירצן דעם דיאַלאָג אין פּאַרק? די אַלטיטשקע איז דאָך אַנטוישט אין מענטש בכלל, בפרט אין אירע קינדער, טאָ צו וואָס זאָל זי אַ ווילד פרעמדער פרוי דערציילן עפּיזאָדן פון איר לעבן? אַ אַ מחבר מוז דאָך האָבן אַ זכרון. די שטומע סצענע,

ווען די זקנה גלעט דעם הונט, לאַנגזאַם, פּאַוואָלינקע, און וואַרעמט זיך אירע קאַלטע הענט אינעם הונטס פעל, דער הונט מיטן אַרויסגעשטרעקטן לעקער קוקט אויף איר מיט אַ פּאָר קנעכטישע געטרייע אויגן, רעדט דאָך מער ווי דער דיאַלאָג. אָבער בדרך־כלל, איז דאָס אַ קינסטלערישׂ געמעל, וואָס מאַכט אויף פילבאַרע נאַטורן אַ גאַנץ שטאַרקן רושם, אַזוי דאַכט זיך מיר.

בעת אורבאַך האָט גערעדט האָט רובין געהאַט באַשלאָסן צו בלייבן גלייכגילטיק. ניין, ער וועט זיך נישט איבערנעמען פון דעם פרעמדן יונגנמאַנס שבחים. אפשר טוט ער ווי דעם בעל־הבית און אַנדערע שרייבער. אָבער ווי נאָר אורבאַך האָט געענדיקט זיין וואָרט, איז רובין אינסטינקטיוו אויפגעשפרונגען און אים פעסט געדריקט די האַנט.

— כ׳וואָלט גערן געוואָלט האָבן אייער אַדרעס, אייער טעלעפאָן־נומער — האָט רובין געזאָגט מיט אַ שמייכל און בעת־מעשה געקוקט אויף עסטושאַן. איינציקוויז האָבן זיך די טיש־זיצערס אויפגעשטעלט, דער עולם האָט זיך גענומען גרייטן צום אַוועקגיין. דאָ און דאָרט איז ווער געבליבן שטיין מיט איין האַנט אין אַ פּאַלטאָ־אַרבל און ממשיך געווען דעם שמועס. טאַביאַש איז אַ צעשמייכלטער צוגעקומען צום יונגן פּאָרל, און מער דרייסט ווי באַקאַנט געזאָגט:

— מ׳סיע אורבאַך, מאַדמואַזעל עסטושאַ, איך וואָלט גערן געוואָלט אַז מיר זאָלן ווערן אינטימע פריינד. איך וויל אייך מיטן גרעסטן כבוד אַהיימפירן. מיין אויטאָמאָביל שטייט גרייט. און אפשר וואָלט איר גאָר געוואָלט צופאָרן?... כ׳ווייס... אַביסל פאַרברענגען אויפן מאָנפּאַרנאַס?

— ס׳איז נישט מעגלעך, טאַביאַש, מיר זיינען אַרבעטער, נאַט אייך מיין טעלעפאָן־נומער. איך וווין דערוויל ווי אַ סוב־לאָקאַטאָר. קלינגט מיר אָן זונטיק אין דער פרי. נאָכמיטאָג וועלן מיר קאָנען אַביסל פאַרברענגען אויפן מאָנפּאַרנאַס. אפשר וועט מיין פּאַטראָן פילאָווסקי אויך האָבן צייט.

— מ׳סיע אורבאַך, איך וויל אייך דאָ אָפּט זען אין מיין שטוב — האָט טויבעלע געזאָגט, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף עסטושאַס אַקסל — קומט ווען איר ווילט. וואַרט צו, איך גיי מיט אייך מיט. איך פיר מיך אַזוי, איך באַגלייט מיינע געסט ביז צום ראַנג פון מיין אָרעם געסל.

די געסט זיינען אַוועק. הירשמאַן איז אַליין געבליבן זיצן ביים טיש. אָרום איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. אָבער אין אים האָט עפּעס גערוישט... אין די אויערן אַ געזשום... אין האַרצן — אַן אומצופרידנקייט... ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די צאַנקנדיקע שבת־ליכט. ס׳איז פון זיי נישט מער

געבליבן ווי צוויי שוואַרצע קנויטלעך, צעשוווּמען און צעטאָפּיעט חלב. כהרף־עין איז איין ליכט אויסגעגאַנגען. אַ דינער רויך־פּאָדעם האָט אַ וויילינקע געשנירלט אין דער לופט. אין דער רגע האָט זיך הירשמאַנען אויסגעוויזן, אַז ס׳האָט ווער צעריסן זיינע מאַנוסקריפּטן. ער האָט זיך לאַנגזאַם־שווערלעך אויפגעהויבן, אַ פּאַרטראַכטער אַריין אין צווייטן צימער, אָנגעצונדן די טיש־לאָמפּ און זיך אַוועקגעזעצט אָנשרייבן אַ צווייטן וואַריאַנט „שבת ליכט״.

די צוויי געטינס...

איך וויל איצט גאָר נישט דערציילן. אַלע סיוזשעטן האָבן זיך אומגעקערט צו זייער שורש — צום לעבן גופא. זיי זיינען ווי עכטע פערל צוריק אַריין אין ים, אַראָפּגעלאָזט זיך אויפן סאַמע דנאָ, געבליבן ליגן ווי די קאָלירטע שטיינער אין תהום, וואָס פינקלען נאָר פאַר די אייביקע אויגן פון די שטערן. די סיוזשעטן ווילן מער נישט ווערן קיין רעפּראָדוקציעס; זיי ווילן בלייבן אָריגינאַלן ווי הימל, ערד און ים.

***

אין אַ יולי־פרימאָרגן, בעת דער מזרח־הימל האָט גענומען אויס־שפּילן זיין שטילע פאַרבן־סימפאָניע וואָס מ׳דערהערט מער מיטן אויג ווי מיטן אויער, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. אויפגעוועקט האָבן מיך די געטלעכע, הימלישע קאָלירן, געמאָלן אויף וואָלקנס וואָס צערינען און צעשווימען ווי די סאַמע דינסטע אומהאַפּטיקסטע טיולן, אָבער זיי זיינען פונדעסטוועגן דויערהאַפטיק ווי די אייביקייט גופא...

איך האָב זיך געפונען אין אַ קליין פּיטאָרעסק דערפל פון דרום־פראַנקרייך.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער און אויפגערוקט מיין פאָרהאַנג מיט אַ מאַניער פון איינעם וואָס ציט אַרויף אַ טעאַטער־קורטינע.

אַ בראשיתדיקע שטילקייט, אַ שלום־ושלווהדיקייט האָט מיך אַרומ־גענומען און וואַכעדיקערהייט — מיך פאַרוויגט מיט דער צויבער־מעלאָדיע וואָס האָט במשך פון דורות געשפּייזט די גרעסטע שטערבלעך־אומשטערב־לעכע גאונים פון דער וועלט־מוזיק.

די אייביקע וועלט־מעלאָדיע, צעפלאָסן ווי אַ ים פון טענער אין דער הימלישער אַטמאָספערע, האָט אויף מיר געווירקט ווי דער ריטמי־

שער געפּליסטער פונעם אורקוואַל פאַר אַלע מענטשישע סימפאָניעס אין מינאָר און מאַזשאָר.

אַפּאָלאָן, דער גאָט פון האַרמאָניע, האָט אויף אַן אויגנבליק אויפ-געטויכט און פאַרשוואונדן. אויף זיין אָרט האָט זיך אין די הימלישע רוימען באַוויזן — די געטין אָרפעע. איר נאַקעטער גוף איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייס־בלויען צעפלאַטערטן טיול, אַקוראַט ווי זי וואָלט געווען אַנ־געטאָן אין וואָלקנס. אין אירע צאַרטע הענט האָט אַ שפּיל געטאָן אַ לירע, וואָס האָט איבערגעלאָזט אין דער לופט אַ דינעם ציטער פון אַ פרויען־האַרץ, אַ פאַרליבטס אין דער געטלעכער האַרמאָניע. בעת אין מיין האַרצן האָבן נאָך וויברירט די געטלעכע טענער פון אָרפעעס לירע, האָבן זיך צו מיינע אויערן דערטראָגן ווונדערלעכע פאַסטאָראַלע אָפּקלאַנגען פון אַ פלייט...

מיינע אויגן האָבן געגומען אַרומבלאָנדזשען, אַמאָל אינדערהויך, אַמאָל אינדערנידער... כ׳האָב דערבליקט דעם העל־גרינעם וואַלדפלעק אויף דער ערד, וואָס האָט זיך ווי געקאַרבעטע ים־כוואַליעס ווייט און ברייט צעגאָסן און צעפלאָסן איבער אַ שטח פון צענדליקער קילאָמעטער. דער וואַלד גופא האָט געשפּילט מיט אַ דין־דינעם שטיל־סודותדיקן גע־שאַרך. די וואַלדבלעטער האָבן ווי וואַרעמע שטראַלן באַרירט זייער לע־בעדיקן אָטעם. איך האָב זיך איינגעהערט: די אָפּקלאַנגען פון דער פלייט קומען טאַקע פון וואַלד. און בעת כ׳האָב זיך גוט איינגעקוקט, האָב איך אויף אַ ווייסער שמאָלער סטעזשקע, צווישן די ביימער־שאָטנס דערקענט דעם וואַלד־גאָט — פּאַן. זילבערנע לוזשעס וואָס האָבן אין צעשלענגלטע וואַסער־ליניעס געפלאָסן דורך אויסגעקרומטע, אויסגעהאַרבייטעטע שטיי־נער־טונעלן, האָבן מיט אַ געפּליעסקע געוואַשן זיינע נאַקעטע פיס. אויף זיין קאָפּ האָט געשוועבט אַ ווייס פייגעלע וואָס האָט מיט אַ דינעם גע־צוויטשערבאַגלייט דעם אומשטערבלעכן ניגון פון זיין פלייט. ביידע מע־לאָדיעס האָבן זיך האַרמאָניש צונויפגעגאָסן און פון דעם אַלליאַזש האָט אין מיין האַרצן דערוואַכט אַ בענקשאַפט נאָך אַ צערטלעריי וואָס מאָנט זיך נישט קיין מאַטעריעלן לוין... געקרענקט פון דער בענקשאַפט און באַ־צויבערט פון דער וואַלד־מעלאָדיע, האָט זיך מיר פאַר איינזאַמקייט אַזש געוואָלט וויינען... אָבער ס׳האָט זיך מיר דווקא פאַרוואָלט פאַרוואָרפן מיין קאָפּ אויף אַ פרויען־האַלדז.

ס׳האָט זיך באַוויזן טהאַליאַ, די גריכישע געטין פון דער קאָמע־דיע. זי האָט געטראָגן דעם וועלט־חוזק אויף אירע ליפּן. איר פּנים איז געווען קלאָונישמעסיק צוגעפּאַרבט. ביי דעם גאַרטל פון איר פּילקאָלירין

קלייד האָבן געהאָנגען אַ טויט מאַסקעס. טייל האָבן מיט זייער דעמאָנישן אויסזען אַרויסגערופן אַ טויט־שרעק; אַנדערע — אַן אויפטרייסלענדיק געלעכטער.

„מיין ליבער פרינץ!״ האָט זי אויסגערופן מיט אַ פול מויל געלעכ־טער. „דו זוכסט אומשטערבלעכקייט? כאַ־כאַ־כאַ! און צוליב דעם ביסטו מקריב דיין שטערבלעך לעבן? דו קומסט מיר פאַר זייער קאָמיש... אַנשטאָט געלט צו קאָנען לעבן אין וווילטאָג, ציילסטו נאָכאַנאַנד — מאַנוסקריפטן־בלעטלעך... וואָס איז דאָס דען מער ווי שאָטנס פון דיינע אייגענע שוואַכ־קייטן דווקא אַרויסצווייזן גייסטיקע שטאַרקייטן... דו ווילסט זיין קלוגער ווי דער וועלט־שכל, וואָס הייסט דיר נישט מער זיין ווי אַ פאַרבייגייענ־דיקער שאָטן... דו ווילסט דורכאויס זיין אַ ליכטפלעק, מיינענדיק אַז דו וועסט אייביק בלייבן?... כאַ־כאַ־כאַ! נאַרישער פרינץ! ווייסטו דען נישט אַז דיין נאַכט איז לענגער, אין שטח און אין צייט, ווי דיין טאָג?... און אַז די פינצטערניש שלינגט איין גרעסערע ליכטפלעקן ווי דיינעם... וואָס האָסטו זיך אויפגעכאַפּט אַזוי פרי ווען אַנדערע מענטשן שלאָפן נאָך?... דו ווילסט קאָפּירן די געטלעכע פרימאָרגן־שיינקייט? ווילסט ווערן אַן ערזאַץ־גאָט?... טאָ פאַר וואָס זשע ביסטו איינזאַמער ווי אַ גייסטיקער בעטלער, וואָס קאָן זיך טאָקע נישט אויסבעטן אויף די האַרטע ברעטער פון דער שטאָט־ביבליאָטעק, אָבער דערפאַר שלאָפט ער איצט רואיק אין סאַמע רייכסטן האָטעל־צימער... קוק אַריבער און זע דאָס פאַנטאַסטישע ליכט וואָס שלאָגט אַרויס פון זיין פענצטער! ער איז נישט איינזאַם... כאַ־כאַ־כאַ! אויף זיין נאַכט־טישל ליגט אַן ערלעכער ליבעס־בריוו פון זיין פרוי וואָס געפינט זיך אין אַ קוראָרט; און ביי זיין רעכטער האַנט שלאָפט איצט זיין געליבטע אַ נאַקעטע... דו קענסט אים דען נישט? ער לייענט דאָך דיינע ביכער... ער איז דיר דאָך דאַנקבאַר וואָס דו האָסט אים אַזוי קלוג געמאַכט, בעת דו ביסט געבליבן אַ באַעוולהטער נאַר... כאַ־כאַ־כאַ!״

„טהאַליאַ! טהאַליאַ!״

זי איז פאַרשוווּנדן.

אויף איר אָרט האָט זיך אַוועקגעשטעלט מעלפּאָמענע, די געטין פון דער טראַגעדיע. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ קלייד. אַ ווייסע פאַר־וויאַנעטע רויז, האָט ווי אַ טויטער גוף פון אַ טויב, אַראָפּגעקוקט פון איר לינקן אַקסל. איר טיף־טראַגיש פנים מיט האַרטע טיפע שטריכן, ווי אויפגעשניטענע גרודעס ערד, האָט מיך ממש דערשיטערט...

„טרויעריקער ריטער! וואָס ווילסטו פון טהאַליאַ? זי לאַכט דאָך אויס דיינע שוואַכקייטן און ליידנשאַפטן, דיין בענקשאַפט און טרויער... זי פילט נישט די דראַמע פון דיין לעבן... זי ווייסט נישט אַז דיין נשמה איז ווי דורך אַ כישוף געפאַנגען פון אַ דראַנג צו קאָנטעמפּלאַציע... און אַז אין דיין האַרץ גליט אַ געטלעכער פּונק וואָס באַהעפט דיך מיט די אייביקע קאָסמישע פּראָבלעמען, וואָס דו קענסט נישט לייזן, און דו קענסט נישט פון זיי אַרויס ווי אַ פאַרפּלאָנטערטע פליג אין אַ געדיכטער נעץ פון שפּינגעוועב... איך פיל דיין טראַגיזם... אין דיינע אויגן, ווי אין צוויי שוואַרצע שפּיגלען, וויגט זיך ווי אויף אַ וואָגשאָל די אייביק טראַגיש־מענטשישע פראַגע: „זיין אָדער נישט זיין?" דער טרויער נאָך דיין אויס־געקוילעטער פאַמיליע מלחמה־צייט, האָט זיך ווי מיט אַ פייערדיקן זיגל איינגעבריסן אין דיין לייב... איך ווייס אַז דיין עלנטקייט מאַטערט דיך און פאַרשאַפט דיר גרויסע יסורים... דיינס אַ זיפץ אין אַן איינזאַמער מינוט, רופט מיך אָפּטמאָל אַרויס... אָבער וואָס קאָן איך דיר העלפן?... איך בין דאָך אַליין דער וועלט־טראַגיזם, וואָס אָן מיר וואָלט דאָך דער מענטש נאָך געווען אַזאַ נידעריקע בריאה, אַז ער וואָלט אפילו נישט געוווסט אין די סאַמע טראַגישסטע מאָמענטן, אַז ער איז טראַגיש..."

„הער נישט וואָס זי רעדט, פּרינץ מיינער!" האָט טהאַליאַס קול אַ הילך געטאָן מיט אַ געלעכטער. „דיין קאָמיזם וועגט נישט ווייניקער ווי דיין טראַגיזם... זאָג דעם אמת! בענקט נישט דיין האַרץ דווקא צו אַ יונג מיידעלע, בעת דיינע האָר זיינען שוין ווייס ווי דער מעל וואָס וואַקסט אויף קברים?... דיין בענקשאַפט צו ווערן געליבט און געצערטלט רופט מיך אָפּטמאָל אַרויס... אָבער מער ווי אַ חוזק־געלעכטער קאָן איך דיר נישט שענקען... איך לאַך נישט, נאָר דאָס לעבן גופא, וואָס האָט זיך זיין פרילינג און זיין האַרבסט, לאַכט פון מענטשישן קאָמישן גורל... קום מעלפּאָמענע! איך זע אַז מיין חוזק־געלעכטער פייניקט דעם פּרינץ מער ווי דיין טראַגיזם..."

„איר זייט נישט צעקריגט, געטינס מיינע? איר גייט צוזאַמען?..."

„צעקריגט?" האָט טהאַליאַ אַרויסגעלאַכט. „מיר זיינען דאָך אַ צווילינג. מיר וועלן זיך קיין מאָל נישט שיידן..." האָט טהאַליאַ אָנגענומען מעלפּאָמענען ביי דער רעכטער האַנט אוןביידע געטינס זיינען, ווי איין צונויפגעוואַקסענער גוף, פאַרשוווּנדן...

צופוסנס דעם באַלזאַק־מאָנומענט

אין מיינע ראָמאַנטישע יאָרן, ווען מיין התלהבות צו דער באַהע־מישער וועלט איז נאָך געווען געוואַלטיק שטאַרק, האָב איך דעם ניי־יאָר־אָוונט געפּלעגט פאַרברענגען אויפן מאָנפּאַרנאַס.

באַלד נאָכן זון־אונטערגאַנג, בעת אין מערב־ראַנד איז נאָר־וואָס געווען אויסגעגאַנגען דער פּילפּאַרביקער אָטעם פונעם אָפּשטאַרבנדיקן טאָג, דעם סאַמע לעצטן פון יאָר, בין איך אויסגעוואַקסן אויפן בולוואַר מאָנפּאַרנאַס.

די קאָלירנרייכע גלאָז־מאָלערייען אויף די באַלויכטענע קאַפע־שויבן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט קלאָונען, וואַמפּירן, נימפעס, די אור־שלאַנג ביים עפּל־בוים, פּעגאַסאַס, די פליענדיקע פערד פון די מוזעס, די דריי גראַציעס, באַקכוסן, דעם גאָט פון שיכרות ביי אַ פעסל ווייַן — האָבן זיך אין מיינע אויגן גענומען באַוועגן ווי צייכענונגען אויף אַן עקראַן.

דער בולוואַר וואָס איז אין וואָכנדיקע טעג ווייניק־וואָס באַלעבט געווען, איז איצט געוואָרן איבערפולט מיט מענטשן פון כלערליי שיכטן: באָהעמיער, אַריסטאָקראַטן, טוריסטן, פּאַריזער פון נאָענטע און וויטע קוואַרטאַלן. מ׳האָט דאָ איצט גערעדט און געלאַכט אויף אייגענע און פרעמדע לשונות. מולטיקאָלירישע מענער־ און דאַמען־קליידער האָבן זיך נאָכאַנאַנד געכוואַליעט. לאַנגע שורות אויטאָמאָבילן האָבן לאַנגזאַם פאַרבייגעצויגן אַרויסגעלאָזט פון די צעפּראַלטע טירלעך די צעכראַסטעטע „גאָלדענע יוגנט״, וואָס האָט הפקרדיק געפּיפן אָדער געזונגען, געשלעפּט ביי די הענט שיינע, צוגעשמינקטע באַקכאַנטקעס אין באַלאָווע קליידער מיט האַלב־נאַקעטע ביוסטן. פּאַפּירענע קאָלירטע היטעלעך, פאַרמירט ווי שיפלעך, זייַנען דאָ אַרומגעשוווּמען אויף מענער־טשופּרינעס און אויף אויפגעטורעמטע פרויען־פריזורן. ס׳האָבן אויפגעטויכט געקרויזטע קעפּ פון נעגערס וועמענס וויס־בלאַנקנדיקע ציין האָבן איבערגעבליצט זייער שוואַרצהויטיקייט. די דריבנעשקע כינעזערינס מיט פּערלמוטערנע קעמ־

לעך אין די האָר, אין זייערע באַפּליגלטע שוואַרץ־ווייסע היליעס האָבן פאַרבייגעשפּאַנט, גלייך ווי זיי וואָלטן געשוועבט אין דער לופט. אין סאַמע גרעסטן געדראַנג האָט זיך באַוויזן אַ באַברילטער גלח אין אַ הויכן שוואַרצן הוט, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ קירכע־קופּאָל. ס׳האָבן דאָ אויך נישט געפעלט קיין יונגע ציגיינערקעס אין שרייענדיקע קאָפּ־טיכלעך, גלעזערנע בייטשן קרעלן, פינקלדיקע אויעררינגלעך אָדער רייפן, גאָלדענע שיכלעך. די יונגע נאָמאַדקעס מיט טעשלעך קאָרטן אין די הענט, האָבן לרוב אונטערגעכאַפּט אַנטוישטע מענער, וואָס האָבן זייערע אויסגעבענקטע ליבעס אָפּגעפונען אין דער קאָרט „דאַם אַ קער".

— רייסט אייך אויס עטלעכע האָר פון קאָפּ, צאָלט איין פינף הונדערט פראַנק, קאָן איך מאַכן, אַז די בלאָנדינקע, אָדער די ברונעטקע, וועלכע איר ווילט זאָל באַלד גאָך ניי־יאָר צוריקקומען...

בעת כ׳בין צוגעקומען צו דער קאַפע „די דאָם", זיינען שוין ביידע טעראַסע־פליגל געווען איבערפולט ביז צו די ברעגעס. אַ פידל, אַ קלאַרנעט און אַ צימבל אין פרויען־הענט האָבן פאַרווײַלט די געסט. די דריי מוזיקאַנטקעס האָבן געשפּילט און צוגעזונגען אַלטע פּאַריזער שלאָגערס פון „לאַ בעל עפּאָק" — 1900. די טעראַסע־געסט האָבן מיטגעזונגען און צוגעקלאַטשט צום טאַקט. די רונדיקע קעלנערישע טאַצן, איבערפולט מיט כלערליי געטראַנקען, האָבן זיך געהויבן איבער מענטשן־קעפּ, גלייך ווי זיי וואָלטן געטראָגן געוואָרן פון געניטע מאַגיקערס.

איך האָב זיך קוים אַריינגעדרייט אינעווייניק. דער „קאָנטואַר" האָט גערוישט ווי אַ בינשטאָק. אין די איבעריקע זאַלן זיינען די ווענט ווי תמיד געווען באַדעקט מיט גראַפיש־קינסטלערישע אַפּישן פון אָפּגעלאָפּענע און קומענדיקע קונסט־אויסשטעלונגען. די ווייס־געדעקטע רעסטאָראַן־טישלעך זיינען איצט געוואָרן אָנגעשטעלט מיט קאָסטבאַרע פלעשער וויין, שאַמפּאַניער אין קופּער־קאָלירקע עמערלעך, פרוכטן אין רויט־פאַרשלייפטע קיישלעך, כינעזישע קאַפע־סערוויזן, און ציין־שטעכערס אין שוואַנען־העלדזדיקע מילך־גלעזער. אַ געדיכטער רויך פון ציגאַרעטן, ציגאַרן און פייקעס, האָט זיך געקנוילט אין דער לופט. פון דער רויך־פאָגע האָבן זיך ווי דורך בלוילעכן טיול אַרויסאַנטפּלעקט כלערליי געשטאַלטן פון מענער און פרויען. ס׳האָבן אַ בלענד געטאָן די פאַרבן פון באַלאָווע־ און אָוונט־קליידער, דער געשימער פון צירונג, האַלדזבאַנד און פענדזל־בערדלעך, ווייסע קעלנער, עלעגאַנטע קראַוואַטן און צעפלויגענע שוואַרצע מאַנפּאַרנאַסניקעס. די טישלעך האָבן זיך ווי אין שיכרות באַוויגן. שאַמפּאַניער־קאָרקעס האָבן נאָכאַנאַנד אויסגעשאָסן און אַרויס־

גערופן אַ הילכיק פֿאַרשײַט געלעכטער. אַ זילבער־שוים איז דאָ און דאָרט געפֿלאָסן פֿון גלעזער־ראַנדן. דער געטומל פֿון קולות האָט מיט אַ לאַנג־געצויגענעם געזשום אָפּגעשלאָגן אין די אויערן.

נישט געפֿינענדיק קײן פֿרײַען פּלאַץ אין „די דאָם", האָב איך אַרײַ־בערגעשפּאַנט צום בולוואַר ראַספּאַי. אַ יום־טובֿדיק־געקלײדעטער עולם האָט זיך דאָ געשטויסן צום אײַנגאַנג פֿונעם קלײנעם קאַבאַרעטל „לאַ ווילאַ", וואָס האָט אַרײַנגעלאָקט מיט זײַנע פֿאַרבנרײַכע קאַיוטע־פֿענצטער־לעך און בעיקר — מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס הינטער גלאָז פֿון אַריענטאַלישע נאַקעט־טענצערינס.

מיטאַמאָל האָב איך זיך אַרומגעקוקט און דערזען דעם באַלזאַק־מאָנומענט, באַטראַכט די אַרומצוימונג, גלײַך ווי די סטאַטוע וואָלט גע־שטאַנען אין אַן אײַזערנער שטײַג. דער סקולפּטאָר ראָדין האָט באַלזאַקן אײַנגעהילט אין אַ לאַנגער פּעלערינע פֿון שטײן וואָס פֿאַלדעוועט זיך, אַקוראַט ווי דער מאָנומענט וואָלט געווען אָנגעטאָן אין אַ מאַנטל פֿון ווײכן שטאָף. באַלזאַקס אויגן־לעכער האָט ראָדינס דלאָטע גאַנץ טיף אויסגעהאַקט. עס דאַכט זיך ממש, אַז באַלזאַקס אויגן האָט דער סקולפּטאָר באַזעצט אינעם געהירן, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג אויסגעוועבט „די מענטש־לעכע קאָמעדיע". דער ראָמאַנען־שרײַבער וואָס האָט בײַם לעבן געשאַפֿן אַ וועלט מיט פֿיגורן, שטײט איצט און מאַכט נאָך זײַן אײגענע מאַסקע, אויף וועלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ די זעלבע אַנטוישונג ווי אין זײַן ווערק „די פֿאַרלוירענע אילוזיע". בײַם לעבן האָט ער זיך תּמיד געיאָגט נאָך דער צײַט, ווײַל יעדע פֿאַרשפּילטע שעה האָט פֿאַר אים באַדײַט — אַ פֿאַרלוירן זײַטל קונסט. איצט איז זײַן צײַט אויסגערונען, ער איז אײביקער שטײן.

קוקנדיק אַזוי פֿאַרגאַפֿט אויף באַלזאַקס אומבאַוועגלעכקײט, האָב איך פּלוצלונג דערפֿילט, אַז אַרום מיר האָט זיך עפּעס גענומען באַוועגן. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז צופֿוסנס דעם באַלזאַק־מאָנומענט האָט זיך אויף צײַטונגס־פּאַפּיר אויסגעבעט אַ מענטש. געזען האָב איך נאָר אַ לאַנגן פּעקל שמאַטעס, אײַנדערמיט — אַ גראָבע שטריק. אַ גראַ־נאַטענער באַסקישער בערעט איז געלעגן אויף אַ קאָפּ לאַנגע זילבערנע האָר, געפֿלעקט מיט אַ טאַבאַק־קאָליר. אַ געדיכטע ווילדע באָרד האָט זיך, ווי אַ צעקנײטשטער שאַליק, געוויקלט אַרום אַ האַלדז, צוקאָפּנס — אַן אַלט קינדער־וועגעלע מיט אַ שוואַרצן קאַפּושאָן. פֿון וועגעלע האָט אַרויס־געקוקט אַ לײדיקע פֿלאַש פֿון ווײַן. דער מענטש האָט זיך האַסטיק אויפֿגע־כאַפּט. זײַנע צעשויבערטע זילבער־ברוינע האָר האָבן געשוועבט אַרום

זיין שאַרבן ווי אַ געקרייזלטער כמורנער וואָלקן. ס׳האָט פֿאַר מיר אויפֿגע־טויכט אַ טונקל־הויטיק פּנים, אַ טיף־געקאַרבטער שטערן און אַ געדיכטע נעץ פֿון שטריכן אַרום אַ פּאָר גרויע אויסגעלאָשענע אויגן. דער אַלטער האָט מיך אָנגעקוקט.

— וואָס מאַכט איר דאָ?

— כ׳ווייס... כ׳קען נישט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס איר האָט זיך אויס־געבעט מיט די פֿיס צום באַלזאַק־מאָנומענט און מיטן קאָפּ צו דער גאַס.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך דער קלאָשאַר צעלאַכט — ביי אייך קומט דאָס אויס משוגע; ביי אונדז — גאַנץ נאַטירלעך. וואָרעם ווו איך זאָל נישט אַוועקלייגן מיין קאָפּ, איז ער דאָך אין ערגעץ נישט... ווען איר וואָלט געמאַכט דעם דרויסן פֿאַר אייער דירה, וואָלט דער אויסגעשטערנ־טער הימל געווען אייער צוקאָפּנס. איר זעט דאָך, אַז מיין וווינונג איז דעקאָרירט מיט אַ הימליש לאַנדשאַפֿט — האָט זיך דער אַלטער ווידער ציניש צעלאַכט — פֿרעגט נישט קיין פֿראַגעס, ברענגט בעסער אַ פֿלעשל וויין.

— איך גיי זיך ערגעץ אַריינדרענגען אין אַ קאַפֿע.

ווען איך בין אין אַ צען מינוט אַרום צוריקגעקומען, האָט דער קלאָ־שאַר אין איין אָטעם־צוג אַראָפּגעצויגן אַ האַלבע פֿלאַש וויין, אָפּגעווישט זיך מיטן אַרבל די וואָנסעס און אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— גיט אַ ציגאַרעט.

ער האָט פֿאַררויכערט, אַ שפּיי געטאָן אין דער ווייטקייט, אַוועק־געשטעלט זיך ס׳פֿלעשל צוקאָפּנס און זיך צוריק אַנידערגעוואָרפֿן אויפֿן פּעקל גראַטעס, גלייך ווי איך וואָלט שוין געווען פֿאַרשוווּנדן.

— איר דאַנקט אַפֿילו נישט?

ער האָט זיך ווידער אויפֿגעכאַפּט.

— פֿאַרוואָס קומט אייך אַ דאַנק? איר האָט דאָך געהאַט מער הנאה ווי איך. דער מענטש האָט דאָך ליב צו זען יענעם אויף אַ שטאַפּל נידעריקער. און ווען ער דערזעט יענעם אויפֿן סאַמע דנאָ, אַזוי ווי איר זעט איצט מיך, איז ער דאָך דערמיט גליקלעך, אַפֿילו ווען ער איז פּאַק־טיש אומגליקלעך. וואָס זייט איר דאָ אייגנטלעך געקומען זען, דעם מאָ־נומענט? באַלזאַק האָט אויך געמיינט, אַז ער וועט דאָס לעבן קאָנען איבערקנעטן לויט זיין אימאַזשינאַציע. ניין מ׳סיע, דאָס לעבן לאָזט זיך פֿון קיינעם נישט דעפֿאָרמירן. דער טויט דעפֿאָרמירט דעם מענטש, אָבער

ס׳לעבן בלייבט ווי געוועז. יענע וואָך בעתן שטאַרקן שלאַקס־רעגן, האָב איך זיך געהאַט אַריינגענורקעוועט אין אַ הויז־טיר און נישט באַמערקט ביים איינגאַנג די שוואַרץ־ווייסע טויטן־דערעס נאָך אַ פאַרשטאַרבענעם. מיטאַמאָל האָט מיך די קאָנסיערזשקע געגומען אַוועקיאָגן: „גייט אַוועק, שטערט נישט דעם טויט״. כאַ־כאַ־כאַ איר לאַכט גאַרנישט? ווער קאָן דען שטערן דעם טויט?...

דער קלאָשאַר האָט זיך ווידער צוגעכאַפּט צום פלעשל וויין, באַ־לעקט זיך די וואָנסעס און געפרעגט:

— איר גייט זיך גאַרנישט ווילן לכבוד ניי־יאָר?

— דאָס נייע יאָר קאָן נאָר ענדערן דעם קאַלענדאַר, אָבער נישט דעם גורל און נישט דאָס געמיט. צו וואָס נאָך דער „דאַנס־מאַקאַבר?״ וואָרעם סוף־כל־סוף טאַנצן מיר דאָך אַמאָל אַרויס פונעם אָנגעצייכנטן לעבנס־קרייז.

— איר זייט פאַרביטערט, מ׳סיע, אָבער באַגייט נאָר נישט קיין זעלבסטמאָרד. ביי אונדז עקזיסטירט דאָס גאַרנישט. טייל פון אייך קאָ־נען נישט איבערלעבן קיין אַנטוישונג. מיר אָבער האָבן זיך פריוויליק אויסגעקליבן די וועלט פון אַנטוישונג. אידיאָטן, ס׳איז דען פאַראַן אַן אַנדער וועלט? די קנאה־שנאה, אייערע צוויי געפּערלעכסטע מיקראָבן, האָבן מיר אין זיך אויסגעברענט. מיר האָבן אַלץ גענוג. איר קאָנט אונדז פאַרגלייכן צו טויבן אין אַ פּאַרק, ווען מען איר וואַרפט צו קרישקעס. מיר האָבן נישט קיין פליגל קריכן מיר אַרום ווי ווערים אין מיסט. איר האָט דאָך אויך נישט קיין פליגל און ווילט דווקא פליען איבער יענעמס קאָפּ און ווייל איר קאָנט נישט פליען אין הימל אַריין, פאַלט איר אַראָפּ אין אַ קבר אַריין. איר שניידט זיך אויף די אָדערן, טרינקט אויס אַ פלעשל סם, נעמט די גאַז־רערן אין מויל אַריין, אַ גרויסע דאָזע שלאָף־פּאַסטילקעס. כאַ־כאַ־כאַ! וואָס איז דער זין פון דעם אומזין?

איך בין אַ היפּשע ווייל געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער.

— מ׳סיע, אפשר קאָנט איר מיר זאָגן וואָס איר זייט געווען איידער...

— גייט אַוועק! — האָט דער אַלטער אַ געשריי געטאָן — לאָזט מיך זיך אַוועקלייגן שלאָפן. איך לעש שוין אויס מיין זשיראַנדאָל, די שטערן מיין איך, דרעפּטשעט נישט מיט די פיס, איר קאָנט מיר נאָך איינשמוצן דאָס ווייסע באַטיסטענע ליילעך. כאַ־כאַ־כאַ! איך שטויס זיך אָן, אַז איר זוכט אַ מאָדעל. אָבער וואָס נוצט אייך די קאָפּיע פון אַן אָריגינאַל וואָס ליגט אין מיסט?

— אָבער אויף אונדזער זינדיק־היפּאָקריטיש וועלטל קאָן זיך דאָך טרעפֿן, אַז אויפֿן מיסט זאָלן ליגן גייסטרייכע מענטשן; און פֿלאַך־קעפּ זאָלן זיצן אויבן־אָן.

— ווילט איר דאָס ענדערן? איר זוכט עטיק, עסטעטיק, שיינקייט, קונסט? אָבער אויסער אַ מיסט־קאַסטן, וואָס וואַרפֿט אַרויס אַלץ וואָס דער מענטש האָט אָנגעקליבן, וועט איר גאָרנישט געפֿינען. איך האָב אַמאָל אויך געהאַט חלומות וועגן קונסט. מ'איז יונג געווען האָט מען געחלומט. די גרויזאַמע ווירקלעכקייט האָט מיך אויפֿגעוועקט און געזאָגט, אַז לעבן פֿון קונסט קאָן מען ערשט נאָכן טויט. כאַ־כאַ־כאַ. יאָ, מ'סיע. די מענטשהייט האָט נאָר ליב טויטע געטער. און אויב אפילו איינער ווערט ביים לעבן געקרוינט, איז עס דאָך אויפֿן חשבון פֿון טויזנטער אַנדערע. דערביי באַשטייט דאָך די קונסט פֿון קאַפּיעס. די אָריגינאַלן זיינען דאָך אין דרויסן, שוועבן צווישן הימל און ערד ווי פֿייגל; ווי פֿאַרבן וואָס באַצויבערן און שטאַרבן, קומען ווידער באַנייטע ווי פֿרישער טוי. אוודאי איז אין דער קונסט־געשיכטע פֿאַראַן גרויסע, אומשטערבלעכע קינסטלער, אָבער די אכזריות פֿון לעבן, דער מאָרד־דאָרשט, איז דאָך געבליבן ווי געווען. די איינציקע שריפֿט פֿון אמת זיינען נאָר די שטריכן אויפֿן מענטשלעכן פּנים וואָס זאָגן עדות, אַז דאָס לעבן אין מענטש דערנענטערט זיך איינציקוויין צום טויט.

דער קלאָשאַר איז שטיל געוואָרן. פֿון נאָענט און ווייט האָבן זיך דערטראָגן אָפּקלאַנגען פֿון אָרקעסטערס. ער האָט זיך אַ ווייל איינגעהערט, זיך ציניש צעלאַכט. באַלד האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויפֿן קאַלטן צעמענט אַזוי איינגעקאָרטשעט ווי אַ קינד אין דער מוטערס־טראַכט, איידער עס דערזעט דאָס ליכט פֿון דער וועלט.

מאָרפעאוס

איך בעט אייך, פרעגט מיך נישט פאַר וואָס איך בין אין אַזאַ וועלט־שטאָט ווי פּאַריז, ווו די פּרויען־גראַציע ווערט באַזונגען פון כלערליי געבענטשטע און פאַרשאָלטענע פּאָעטן, פאַרבליבן איינזאַם. וואָרעם צו ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָלט איך געמוזט דערציילן אַ היפּש ביסל גרויל־געשעענישן פון מיין לעבן, וואָס וואָלטן צו שווער געפאַלן אויף אייער געמיט. איינער פון מיינע חברים, וואָס פאַרטיפט זיך אַ לעבן־לאַנג אין פילאָזאָפישע שיטות, האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

„אפילו ווען אַ מענטש לעבט אַליין, איז ער אויך נישט קיין איינזאַמער. וואָס ברויכט איר מער, אַז אפילו גאָט, רבון־כל־העולמים וואָס איז לויט אונדזערע רעליגיעזע באַגריפן ה׳ אחד, דער איין איינציקער, אָדער ווי די פילאָזאָפן דריקן זיך אויס: „דער יסוד פון דער סובסטאַנץ״, איז אויך נישט איינזאַם, ווייל ער גיסט זיך דאָך צונויף מיט נאַטור און וועלט״.

פונדעסטוועגן האָט מיין חברס זאָג נאָר געווירקט אויף מיין שכל, אָבער לחלוטין נישט אויף מיין געמיט. וואָרעם ווי נאָר ער איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען — געווען איז עס אין דער ערשטער סדר־נאַכט, אַרום צען אַ זייגער אָוונט אין חודש מאַרץ — איז מיך באַפאַלן אַזאַ גרויזאַמע איינזאַמקייט, אַז יעדעס גליד אין מיר האָט ממש געגנומען וויינען מיטן געשלוכץ פון אַ ניי־געבוירן קינד, וואָס ווייסט נישט צו וואָס און צו ווען האָט עס מחמת דער צייט־רעכענונג פון ניין חדשים, געמוזט קומען אויף דער וועלט און ביזן טויט אַריין זיין אונטערגעוואָרפן דעם בלינדן צופאַל.

בעת מיין חבר האָט מיך פאַרלאָזט, בין איך אַן אַליינזאַמער געבליבן זיצן אויף אַ בולוואַר־באַנק. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. אַ פולע לבנה ווי אַ זילבערנע קרוין איז געזעסן אויפן קאָפּ פון אַ טונקל־בלויען וואָלקן. דער בולוואַר איז איצט געווען אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט בפירוש דערהערט דעם ביימער־געשאַרך און דערשפּירט אַ פרילינגדיקן קנאָספּישן ריח.

אין די וויטרינעס האָבן די נעאָן־ליכטער ווי קאַלירטע בליצן אַ בליאַסק געטאָן און זיך פאַרלאָשן. די טראָטואַרן זיינען געווען אָפּגעליי־דיקט. איבער צוויי מיליאָן מענטשן האָבן ערב־פּסח פאַרלאָזט פּאַריז און זיינען אַוועק זיך פאַרווילן אין די דרום־שטעט, וועלכע שטייען ווי שיפן ביי די זוניקע און צעשטראַלטע ים־ברעגעס, אָדער אין די אַלפּן־בערג, ווו די שטעטלעך ליגן אין טאַליקע חן־גריבלעך, ארומגעצוימט מיט מעכטיק־הויכע פעלדזן, וואָס באַרירן אין די אונט־שעהן דעם ווייכן סאַמעט פון די הימלישע געוועלבן.

מיט אַמאָל האָט פאַר מיר אויפגעטויכט מיין היימישער סדר־טיש. אָבער דער צערעמאָניאַלער פּסח־טיש איז אין מיין דמיון איצט אַרויס־געקומען אַ גאַנץ משונהדיקער. אונדזער גרויסער הענגלאָמפּ, למשל, וואָס האָט במשך פון מיין יוגנט געפלעגט באַלייכטן דאָס שלווהדיקע פאַמיליע־בילד, איז איצט געווען אויסגעלאָשן. אויפן מילכגלאָז האָבן זיך אָפּגעשלאָגן ברודיקע בלוט־פלעקן. די צוגעזונקטע קנויט האָט מיר אַרויסגעשטעקט אַ פייערדיק־רויטע צונג. די הגדות זיינען געווען אויפ־געבלעטערט, אָבער ביים טיש איז קיינער נישט געזעסן. אויף די רויט־לעך־גרויע ווענט זיינען פאַרבליבן די שאָטנס פון טאַטע־מאַמע, פון דריי שוועסטער און דריי ברידער. מיין אייגענעם שאָטן האָב איך אויך דאָרט דערקענט. דאָס בילד האָט מיט יעדער רגע אַלץ שאַרפער געמאַכט מיין זע־קראַפט. איך האָב ממש, ווי יענער לעגענדאַרער העלד פון דער גרי־כישער מיטאָלאָגיע, באַקומען טויזנט אויגן בכדי אַלץ טיפער צו דערזען די פוסטקייט, וואָס האָט אין מיר דערוועקט אַ שוידער. נאָך אַ ווייל האָב איך באַמערקט, אַז אַרום דעם סדר־טיש שלענגלען זיך גרוי־שוואַרצע קנוילן רויך. פונעם גאַנצן יום־טובדיקן געפעס איז אויפן טיש בלויז פאַרבליבן אַ שאַרבעלע, גלייך ווי עס וואָלט אַרויסגעפאַלן פון אַ טויטנס פאַרמאַכט אויג. פון דער אימהדיקער אָנטשוויגנקייט האָט זיך ווי אַ ווייטער ווידערקול אַרויסגעהערט מיין פאָטערס הגדה־ניגון.

אַ היץ האָט מיך באַשלאָגן. מיינע אויערן האָבן גענומען זשומען, אַקוראַט ווי צוויי בינען וואָלטן זיך דאָרט אַריינבאַקומען און מיט זייערע שטעכיקע פיסלעך זיך אַריינגעשפּיזלט אין מיין געהירן. מיין האַרץ האָט זיך ווי אַ כוואַליע אין אַ שטורעם געהויבן און געפאַלן מיט אַ צוריק־שפרונג, פונקט ווי עס וואָלט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ שאַרפן שטיין. איך האָב ממש דערפילט אַז ס'האָט ווער צוגעטראָגן צו מיינע ליפּן אַ בעכער סם. איך האָב אים אָקאָרשט אויסגעטרונקען ביז צום דנאָ. איצט ברענט ער מיינע געדערעם ווי פייערדיקע קוילן.

בכדי צו דערהאַלטן מיין גלייכגעוויכט האָט מיין זכרון מיך דער־מאָנט, אַז אייניקע שפּאַן פון מיין בולוואַר־באַנק האָט די קהילה, אין אַן עלעגאַנטן זאַל, איינגעאָרדנט אַ סדר פאַר איינזאַמע מענטשן. אַ מחשבה האָט צו מיר גענומען רעדן ווייך און צערטלעך:

„וואָס ווילסטו זיצן איינזאַם. גיי אַהין צו יענע ווייס־געדעקטע טישן. דאָס יום־טובדיקע ליכט וועט באַלייכטן דיין פינצטער געמיט. דיין עצ־בות וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין פרייד. פרעמדע מענטשן וועלן ווערן דיין משפּחה".

געדאַכט האָט זיך מיר, אַז כ'האָב זיך אַ האַסטיקן הויב געטאָן און גענומען שפּאַנען. אָבער דעם אמת געזאָגט, בין איך אויף דער באַנק גע־בליבן זיצן אומבאַוועגלעך, ווי פאַרשטיינערט. אַ צווייטע מחשבה וואָס קומט מיר תמיד צו גאַסט ווען עפּעס פּייניקט מיך, האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע:

„צי ווערט דיין יחידישע איינזאַמקייט אויפגעלייזט ווען דו מישסט זיך צונויף מיט אַנדערע איינזאַמע, אָדער פאַרקערט, זי ווערט געטאָפּלט, ווייל זי נעמט דאָך אין זיך אַריין דעם עלנט פון אַנדערע געפּלאָגטע?"

איך בין פון דער פראַגע געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטער.

פּלוצלונג האָט ווער גענומען שפּילן אויף אַ פידל מאָצאַרטס „צויבער־פליים". ביים ראַנד פון אַ שיטערלעך־באַזעצטער טעראַסע איז גע־שטאַנען אַ דאַרער, אַלטער מאַן. זיין גרויסער קאָפּ אין אַ געדיכטער שע־וועליור פון אַן אַש־קאָליר, פאַרוואָרפן צום לינקן אַקסל, האָט אין גאַנצן געהאַט פאַרשלונגען די פידל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער מוזיקער גופא שטייט אַזוי אַן אויסגעקרימטער און האָרכט זיך איין אין די צויבער־טענער, וואָס שוועבן אין דער לופט אַרום ווי קאָלירטע, טרילנדיקע פייגל. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. איך האָב נישט געוואָלט זען דאָס האַלץ פון דער פידל, נישט די אָנגעצויגענע סטרונעס און נישט דעם גאַסן־שפּילערס פינגער, וואָס ציען די פּאַסטאָראַלע קלאַנגען אַרויס פון אַ געשניצט קעסטעלע. אָבער דעם פידלערס פינגער האָב איך מקנא געווען, ווייל ס'האָט זיך מיר געטראַכט, אַז דורכן דינעם געוועב פון דער מעלאָדיע באַרירן זיי די אייביקייט.

מיט אַ מאָל האָט זיך צו מיר דערטראָגן אַ פריילעך געלעכטער. ס'האָט מיך ווער עפּעס געפרעגט אויף דייטש. איך האָב אַ ציטער געטאָן.

פאַר מיר זיינען אויסגעוואַקסן צוויי טוריסטן: אַ בלאָנדער מאַן און

אַ דיקלעכע, רויטפּנימדיקע פּרוי. אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן אין מיין אויג.

„צו דער אָפּעראַ?״, האָב איך איבערגעפּרעגט און זיך אומבאַטראַכט אויפגעכאַפּט פון דער באַנק. „גראַדע אויס...״

אָבער ווי נאָר די טוריסטן זיינען אַוועק, האָט זיך אַ געדאַנק מיט מיר געגומען קריגן: פאַר וואָס אַזוי העפלעך? האָסט דאָך געקאָנט זאָגן, אַז זיי זאָלן גיין אין דער ריכטונג פון די גאַז־קאַמערן. פאַר וועמען האָסטו דען מורא געהאַט? אפשר וואָלט זיי פון אַזאַ תשובה אַ קעלט אַדורך איבער די ביינער? און אויב אפילו נישט, וואָלסטו דאָך לפחות אויף אַ רגע געטויט זייער גליקלעך געלעכטער.

„כ׳האָב נישט געקאָנט אַנדערש, האָב איך זיך אָפּגעבעטן ביי מיין מחשבה, ס׳איז שווער צו ענטפערן פאַר וואָס מיר באַנוצן זיך נישט אפילו מיט אַ נקמה־וואָרט״.

דאָ האָב איך זיך משוגע־ווילד אויפגעכאַפּט און סתם אין דער וועלט אַריין געגומען שפּאַנען. איך בין אַריין אין אַ געסל און זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ באַלויכטן אויסשטעל־פענצטער פון ליאַלקעס. כ׳האָב נישט נאָכגעטראַכט און במילא זיך נישט געפרעגט: צו וואָס האָב איך זיך דאָ אַוועקגעשטעלט? באַלד האָט מיך אַ גרויסע ליאַלקע מיט העל־בלויע אויגן און גאָלדענע לאָקן אין עפּעס געגומען דערמאָנען. איך האָב זיך אַ ריס געטאָן פון דעם אָרט און בין אַ מבולבלדיקער אַריין אין אַ צווייטער ווילד־פרעמדער גאַס. אויסגעזען האָב איך אַ פּנים ווי כ׳וואָלט דאָ וועמען געזוכט. אָבער כ׳האָב בעת־מעשה גוט געדענקט, אַז כ׳האָב אין דער גאַס נישט קיין שום באַקאַנטע. און הגם איך האָב בפירוש נישט געוווסט וווהין איך גיי, האָב איך זיך געגומען אונטעריאָגן, פלאָנטערנדיק זיך צווישן טרובנדיקע אויטאָמאָבילן, גלייך ווי ערגעץ־ווו וואָלט ווער אויף מיר געוואַרט.

נאָך אַ ווייל האָב איך זיך געהויבן אויף פינצטערע שטיגן, געצונדן אַ שוועבעלע נאָך אַ שוועבעלע, שווער אָפּגעאָטעמט און אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר.

„ווער איז דאָס?״

„איך״.

ווען כ׳האָב געעפנט די טיר האָב איך זיך ערשט געכאַפּט, אַז איך געפין זיך ביי מיין חבר וואָס האָט מיך מיט אַ שעה צוריק איבערגעלאָזט אויף דער בולוואַר־באַנק. מיין חבר איז געלעגן אין בעט און האָט פאַרטיפט געלייענט אַ דיק בוך. איבער זיין געדיכטן קאָפּ שוואַרץ־גרויע האָר

האָבן זיך געקרייזט בלויע ציגאַרעטן־רויכלעך, וואָס האָבן ערטערווייז ווי מיט אַ דינעם טיול איבערגעצויגן די אויטאָ-פּאָרטרעטן, לאַנדשאַפטן און „נאַטור־מאָרטן" אויף די ווענט. מיין חבר האָט מיר אפילו נישט געשענקט קיין בליק. קוקנדיק אין בוך אַריין, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

— צו וואָס זייט איר דאָ אַריינגעקומען?

„כ׳ווייס נישט צו וואָס... פאַראַן מאָמענטן, ווען מ׳קאָן ממש נישט אַהיימגיין. מסתמא דאַרף איך איצט צו וועמען רעדן".

„וואָלט איר געוואָלט, אַז איך זאָל בעסער מיט אייך שמועסן ווי מיט קאַנטן? זאָל איך, הייסט עס, אָנועקלייגן זיין מאָנומענטאַל ווערק די קריטיק פון ריינעם שכל און רעדן מיט אייך וועגן מענטשן און זאַכן וואָס האָבן נישט די ווערט קיין קריטיק. איר ווייסט דאָך, אַז ביי מיר זיינען פאַראַן מאָמענטן ווען מיר ווילט זיך זיין אין גאַנצן אַליין".

דאָס וואָרט „אַליין" האָט מיר אַ שלאָג געגעבן אין האַרץ אַריין. איך האָב זיך אַ געפּלעפטער אַראָפּגעזעצט און אַרומגעקוקט. אויפן טיש האָב איך דערבליקט אַ געעפנט פּעקל מצות און אַ טעלער מיט פּרוכטן. געדאַכט האָט זיך מיר, אַז מיין חבר הייסט מיך נאָך אַלעמען זיך אונטער־לענען ס׳האַרץ, אָבער ער איז מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין קאַנטס פענאָמענאַלן שכל. איך בין בלית־ברירה געבליבן זיצן אַ שווייגנ־דיקער.

נאָך אַ ווייל האָט מיין חבר געזאָגט:

„איר קומט מיר היינט פאָר זייער מאָדנע. וואָס טוט זיך מיט אייך?"

„דער זכרון טוט מיר היינט אָן גרויסע צרות", האָב איך שטיל אַרויסגעפּליסטערט.

דאָ האָט זיך מיין חבר האַסטיק אויסגעטאָן די ברילן, אָוועקגעלייגט דאָס בוך און מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאָר כמורנע אויגן.

„איר האָט זיך דאָך פאַר מיר געהאַט באַקלאָגט, אַז אייער זכרון איז גאָר לעצטנס שוואַך געוואָרן".

„ריכטיק. אָבער דער שוואַכסטער זכרון פירט דעם מענטש נאָכ־אַנאַנד צוריק צו זיין פאַרגאַנגענהייט. בעת דער זכרון דערמאָנט אייך אין אייער פרילינג, האָט איר דערפון מער צער ווי פון אייער איצטיקן האַרבסט. אונדזער נשמה ווערט איבערפולט מיט אַ נישט געשטילטער

בענקשאַפט צום עבר. אמת, מיר טרייסטן זיך מיט דער קעגנוואַרט, אָבער יעדע איבערגעלעבטע רגע ווערט דאָך תיכף פאַרגאַנגענהייט".

„אַלטע באַקאַנטע מחשבות", האָט מיין חבר שווער אויסגעאָטעמט. „איך ווייס אָבער נישט אויף וואָס איר באַקלאָגט זיך. אַ מאָל דאַכט זיך מיר, אַז איר זייט מיט עפּעס־וואָס אַזוי ווייט פאַרנומען, אַז ס'פעלט אייך באמת אויס אַ טאָג אין דער וואָך. אַ מאָל ווידער דאַכט מיר, אַז איר האָט נישט וואָס צו טאָן מיט דער צייט, גלייך ווי איר וואָלט זיך אַרומגעדרייט אין אַ וואַקום. איך האָב ממש רחמנות אויף אייער נעבעכדיקן גייסט, וואָס קאָן נישט אויספילן די רוים־ליידיקייט און צייט־שטח. ווי לרוב פלאַכע מענטשן, האָט איר נישט וואָס אַריינצולייגן אינעם חלל פון אייער צייט. דערפון דערנעמט זיך אָפטמאָל אייער לאַנגווייל, אויף וועלכער עס ליידן מיליאָנען אין אייער עלטער. די דאָזיקע דערעסנקייט האָט פאַר זיך גופא מורא. די אימה נעמט זיך פון דעם געדאַנק, אַז די נודאַטע ענדיקט זיך נישט, נאָר זי דערפירט דעם מענטש צו ייאוש און טויט. אָבער די לאַנגווייל האָט אין זיך אַזוי פיל ניואַנסן און גאַמעס פון טרויער, אַז נישט איצטער קאָן מען זיך אין דעם אַריינלאָזן. גייט אַהיים שלאָפן. ס'איז שוין גענוג שפּעט".

„ס'איז אָבער נאָך צו פרי אָנצוהייבן אַ נייעם טאָג לעבן", האָב איך געזאָגט און בין לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען.

בעת איך האָב אין מיין דירה געעפנט די טיר, האָב איך תחילת נישט געהאַט קיין שום חשק אָנצוצינדן דאָס עלעקטרישע ליכט. איך בין גע־בליבן שטיין אין דער פינצטער און זיך אַריינגעהאָרכט אין דער איינזאַמער שטילקייט. געדאַכטן האָט זיך מיר, אַז די וווינונג איז אויסגעליידיקט. ס'איז דאָ מער גאָר נישט פאַראַן ווי נאָר דער אָפּשיין פונעם שכנותדיקן באַלויכטענעם פענצטער. דער דאָזיקער ווידערשיין פון אַ פרעמדן זשי־ראַנדאָל איז גראָד געפאַלן אויפן פאָרטרעט פון מיין פאַרברענט ייִנגעלע. דאָס קינד, דאָס ליכט־ און שאָטן־שפּיל, די טויב־שטומע אַנטשוויגנקייט, האָבן מיר אַ שלאָג געטאָן איבערן האַרבן.

איך האָב זיך שווער אַראָפּגעזעצט. ס'האָט זיך מיר געטראַכט:

„זע נאָר ווי נאַריש דער מענטש איז! צו וואָס האָב איך מיין קינדס פאָטאָגראַפיע פאַרוואַנדלט אין אַ פאָרטרעט? איך האָב, הייסט עס, מיין צער פאַרגרעסערט".

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און נערוועז גענומען שפּאַנען. מיט אַ מאָל האָט זיך עפּעס גענומען פּלאָנטערן אַרום מיינע פיס. איך האָב זיך

אַ וואָקל געטאָן און מיך אָנגעכאַפּט אינעם קאַנט פונעם טיש. ווען כ׳האָב ליכטיק געמאַכט, האָב איך איצט דערזען, אַז אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך געהאַט פאַרוואַלגערט אַ שטריקל פון אַן אויפגעפּאַקט פּעקל. איידער איך האָב מיינע פיס אויפגעפלאָנטערט, האָב איך אַ מינוט־צוויי געמוזט אַרומטאַנצן.

איך האָב געעפנט דאָס שאַכטעלע שלאָף־טאַבלעטקעס. איך בין אַ היפשע ווייל געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער.

„איינגעמען אַ טאַבלעטקעלע־צוויי באַטייט קאָשמאַרן. וואָרעם טיילמאָל קומט מיר אויס צו זען אין דער קאָשמאַרן־וועלט אַזעלכע שוידערהאַפטע בילדער, אַז דער אימת־מוות, די טויט־שרעק וועקט מיך ווי אַן אַלאַרם־גלאָק אויף פון שלאָף. אָט איז מיר ערשט לעצטנס אויסגעקומען צו זען קאָשמאַריש, ווי ביי אַ חורבה איז געלעגן אַ יונגע דערהרגעטע מוטער אין איר לעבן־געבליבן קינד האָט געזויגן ביי איר טויטער ברוסט. אָבער אויב איך נעם נישט קיין שלאָף־טאַבלעטקעס, וועל איך ווידער מוזן ליגן אַ גאַנצע נאַכט מיט אָפענע אויגן און אַריינטראַכטן אין מיין איינזאַמקייט, אין דער פאַלשער מענטשלעכער פריינדשאַפט, אין מיינע פאַרשפּילטע יאָרן, וואָס וועלן מיר זיין נישט ווייניקער פּייַנלעך ווי קאָשמאַרן אין שלאָף״.

נאָך דעם דאָזיקן אויספיר האָב איך איינגענומען צוויי שלאָף־טאַבלעטקעס און מיך אָוועקגעשטעלט ביים ראַנד פון בעט.

„דו זעסט דאָך״, האָט מיר ווער אונטערגעזאָגט, „אַז דאָס בעט איז אַן אָפּן קבר. יעדן אָוונט מאַכט דער מענטש שטאַרב־איבונגען. ווען דו שלאָפסט איין, לעשט זיך אין דיין אויג אויס, פּונקט ווי ביי אַ טויטן, דאָס ליכט־ און שאָטן־שפּיל פון דער וועלט. דיין טאָג־טעגלעך לעבן בלייבט שטיין אויף יענער זייט קבר. במשך פון דיינע שלאָף־שעהן פלאַטערט דיין נשמה אַרום אין אַן אַנדער אַטמאָספער״.

דאָס מאָל אָבער בין איך באַלד איינגעשלאָפן. ס׳האָט פאַר מיר אויפגעטויכט אַ געשטאַלט מיט אַ פּאָר ברייטע פליגל, וואָס האָבן זיך אַריבערגעהויבן איבער זיין קודלעוואַטן קאָפּ גרויע האָר. זיין רעכטע האַנט אָנגעלענט אויף אַ הויכן שטעקן, האָט דערמאָנט אין דעם אויסבויג פון אַ הירשהאָרן. אין דעם דאָזיקן עלנבויגן־פלאַך האָט זיך ווי אַריינגעשניצט דעם אַלטנס געקאַרבטע גרויע באָרד. איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויפן זקנס באָרוועסע פיס און האָב אויפגעציטערט.

„ווער איז דאָס ?!״

„שרעק זיך נישט, מענטשן־קינד. דאָס בין איך, מאָרפעאוס, דער גאָט פון חלומות, דער זון פון דער נאַכט און פון שלאָף. איך בין שוין ביי דיר לאַנג נישט געווען. איך האָב דיר שוין לאַנג נישט געבראַכט דעם זיסן שלאָפּגעטראַנק, דעם היילזאַמען נאַרקאָטיק, וואָס מאַכט פאַרגעסן אין אַלע מענטשישע יסורים. היינט האָט דיין אומעט און בעיקר דיין פאַרביטערניש מיך אַרויסגערופן. דו באַקלאָגסט דיך אויף דיין גורל. דיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט געקאָנט ווערן עפּעס אַנדערש און במילא זיין גליקלעכער. דו ווייסט נעבעך נישט, אַז דיין גורל איז דאָס קינד פון דיין שטימונג. אויב דו ווילסט דיך איבערצייגן אינעם אמת פון מיינע רייד, בין איך גרייט מיט דיר צו מאַכן אַן אָפּמאַך".

„וואָס פאַר אַן אָפּמאַך, מאָרפעאוס?"

„איך פיר דיך צוריק צו דיין יוגנט. דו וועסט אַלצדינג מוזן נאָך אַ מאָל איבערלעבן, די יסורים ווי די תענוגים. צו וועלכער עלטער זאָל איך דיך צוריקשטעלן? ווילסטו מיט אָדער אָן שכל?"

„וואָס הייסט דאָס, מאָרפעאוס?"

„פאַרשטייסטו דען נישט, אַז אָן שכל מיינט ווערן אַ קינד, וואָס קוקט מיט אומשולדיקע אויגן אויף דער מענטשלעכער שיינקייט פון דער וועלט און צעוויינט זיך. און מיט שכל הייסט: דיך צוריקפירן צו דיין רייף־געוואָרענער יוגנט, בעת דו האָסט אָנגעהויבן צו דערפילן דעם טראַגיזם פון לעבן, דעם געראַנגל פון אַ מענטשלעכן גורל מיט די אייביקע קאָסמישע כוחות. און גראָד דעמאָלט, ווען דו האָסט שוין מער־ווייניקער באַגריפן דעם אומזין פון לעבן, האָסטו דיך, להיפך צום ווייגעדיקן קינד, ציניש צעלאַכט, ווייל דו האָסט באַנומען, אַז ווי קאָמיש־טראַגיש דו זאָלסט נאָר נישט זיין, וועסטו פאַר דער צייט סיי ווי נישט קאָנען אַרויס פונעם פאַרכישופטן קרייז".

„איך ווייס נישט, מאָרפעאוס, צי דער אָפּמאַך לוינט זיך, וואָרעם אויב מיך דערוואַרט דער זעלביקער גורל, טאָ צו וואָס זאָל איך נאָך אַ מאָל ווערן אַדורכמאַכן די זיבן גיהנום-אָפּטיילונגען, דעם פורגאַטאָריום, וואָס האָט אין מיר איבערגעלאָזט אַזוי פיל אומפאַרהיילטע ווונדן. אויב דו קאָנסט מיך באמת צוריקפירן, ווייל ווייטער איז דער טויט, טאָ פיר מיך צוריק צו מיין ערשטער ליבע. פילסטו דען נישט, אַז מיין איינזאַמ־קייט בוויטיקט זיך אין דער ערשטער ריינער פרויען־צערטלעכקייט, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט דעם גרעסטן וועלט־תענוג".

„דו רעדסט וועגן תענוג", האָט מאָרפעאוס געזאָגט, „אָבער דו וועסט

דאָך אויך מוזן נאָך אַמאָל איבערלעבן דעם סאַמע טיפסטן וועלט־צער וואָס האָט נישט קיין דנאָ״.

„זאָל זיין, מאָרפעאוס, אַבי נאָך אַ מאָל צו דערפילן דעם ערשטן קוש, דעם ערשטן פייערדיקן בליק פון אַ יונגער פרויען־נשמה, וואָס לאָזט אין דיר איבער אַ בענקשאַפט ביז צום לעצטן אָטעם־הויך״.

„איך וואָרן דיך!״ האָט מאָרפעאוס אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל, „דו פאַרגעסט אַז פון גן־עדן האָט מען דיך אַרויסגעשמיסן. אָבער אין גיהנום האָט מען דיך מיט כוח אַריינגעטריבן. אוודאי קאָן איך דיר ווייזן דיין ערשטע געליבטע אין איר פרילינג־פּעריאָד. זי וועט דיך ווידער אַ מאָל דערמאָנען, אַז פון דער ווייטנס האָט זי ביי דיר אויסגעזען ווי אַ ווייסע ליליע אין אַ פאַרבנרייכן וואַזאָן, אָבער דו וועסט זי אויך מוזן זען ווי אַ מוטער אַרומגערינגלט מיט קינדער און מיט אַ יונג עופהלע אויף דער האַנט. ווייסטו ווו? אויפן סעלעקציע־פּלאַץ, עטלעכע שפּאַן פון גיהנום״.

„אין וועלכן גיהנום, מאָרפעאוס?״

„דעם וואָס אי ר, מענטשן־קינדער, האָט מיט אַזעלכע הענט ווי דיינע, אויפגעבויט״.

איך האָב אַ שווערן זיפץ געטאָן.

„איך קען דעם דאָזיקן גיהנום, מאָרפעאוס״.

„אָבער דאָס מאָל וועסטו מוזן זיין אינעווייניק. דער גאַז וועט ווערן דיין לופט צום אָטעמען. דו וועסט מיט דיין געליבטער און מיט אירע קינדער מוזן מיטשטאַרבן, וואָרעם אויב איך לאָז דיך אין דרויסן, וועסטו בלייבן בליגד, שטום און טויב, גלייך ווי אינעווייניק וואָלט גאָר נישט פאַרגעקומען. דו ווייסט דאָך זייער גוט, אַז די דרויסנדיקע צלמים־וועלט, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן־ליבע, האָט אויף אַ רגע נישט דער־הערט די געוואַלדן פון מיליאָנען נאַקעטע פרויען און וויינענדיקע קינ־דער. נו, איצט ווילסטו נאָך אַלץ, אַז איך זאָל דיך צוריקפירן?״

„איך קאָן זיך מער נישט צוריקציען, מאָרפעאוס. איך וויל מיך איבערצייגן צי די טראַגישקייט פון מיין גורל קאָן זיך איבערחזרן״.

„גוט, איך הויב דיך אָן צוריקפירן, אָבער נישט מיטן פּנים, נאָר מיטן רוקן פאָרויס״.

„טאָ ווי אַזוי וועל׳ך זען וווהין כ׳גיי?״

„און מיטן פּנים פאַרויס זעסטו דען יאָ? דערזעסטו דען אויסצומיידן אַן אומגליק?"

„ניין, מאַרפּעאוס".

„אייל זיך צו און קום! איך בין דער זון פון דער נאַכט. און ווי נאָר דער מאָרגנשטערן באַווייזט זיך, האָב איך מער נישט קיין מאַכט. אָבער איידער דו הויבסט דיך אָן רוקן אויף הינטערוויילעכץ, שטעל אַרויס די שליסלען אויף יענער זייט טיר, וואָרעם אויב איך ברענג דיך נישט צוריק, ווייל פון געוויסע זעאונגען קענסטו אַ מאָל באַקומען אַן אַפּאָפּלעקציע, זאָלן מענטשן קאָנען עפענען דיין טיר און דיך אויפרוימען".

דאָ האָב איך זיך איבערגעוועקט מיט אַ אויסטערליש געשריי. איך בין האַסטיק אַרויס פון בעט און ווילד גענומען שפּאַנען. פלוצלונג בין איך אַ געפּלעפטער שטיין געבליבן. כ'האָב געעפנט די טיר. און מערקווירדיק! מיינע שליסלען האָבן טאַקע געשטעקט אין דרויסן.

דער יאַפּאַנישער פּעכער

דער מאָלער הענריק פּלאָצקער איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער מאַן אין די פינף־און־דרייסיקער יאָרן. זיין שוואַרצע שעוועליור איז תמיד געווען ווילד צעשויבערט איבער זיין באַרדאַ־סאַמעטענער בלוזע. אַ דין שוואַרץ וואָנסעלע, וואָס האָט גיכער אויסגעזען געצייכנט ווי גע־וואַקסן, האָט באַצירט זיין ברוין־הויטיק פּנים. זיינע לאַכעוודיקע, גוט־מוטיקע אויגן האָבן אַ נערוועזן מענטשן, באַלד נאָכן ערשטן אויגנבליק — גלייך געקאָנט באַרויִקן.

איך האָב אים באַקענט אין אַ מאָנפּאַרנאַסער קאַפע, ס׳איז געווען אַן אַנגעגנעמער, פאַרבנרייכער זומער־פאַרנאַכט. די קאַפע געדיכט באַהאָנ־גען מיט קונסט־בילדער פון האַלב־נאַקעטע טענצערינס איז געווען באַ־לעבט און שטאַרק צערוישט. די טעראַסע איז געווען געדיכט באַזעצט מיט כלערליי באַהעמישע טיפּן, מיט זעלטן־שיינע מאָדעלקעס און טור־ריסטן, אָבער אינעווייניק זיינען נאָר איינציקע טישלעך געווען פריי.

הענריק פּלאָצקער איז געזעסן איינזאַם, אַליינזאַם ביי אַ טישל און געבלעטערט אַ קליין ביכעלע מיניאַטורן־רעפּראָדוקציעס. איך האָב אויפ־געכאַפּט צווייי פאַרבן־טעגער: שוואַרץ־ווייס. דער גורל האָט געוואָלט אַז מיר זאָל גראָד אויספעלן אַ שוועבעלע און אַזוי אַרום באַקענען הענריק פּלאָצקער.

דערוויסנדיק זיך אַז איך בין אַ ליבהאָבער פון קונסט, האָט ער מיר מיט אַ פריידיקן ציטער, אונטערגעטראָגן דאָס ביכעלע מיניאַטורן.

מיט אינטערעס האָב איך באַטראַכט זיינע זעכצן גראַפישע צייכענונגען, אַרויסגעגעבן אין אַ פראַנצויזישן פאַרלאַג.

בלעטערנדיק האָבן מיינע אויגן איינגעזאַפּט: ווייסע פיגעלעך מיט צעשפּרייטע פליגעלעך אויף אַ שוואַרצן פאָן, אַ פּאָרטרעט פון אַ יידישער מאַמע, ברענענדיקע ליכט אויף אַ שבתדיקן טיש, אַ מלא־חנעוודיק יונג יידיש מיידל מיט לאַנגע געפלאָכטענע צעפּ, אַ מוזיקאַלישן מאָטיוו, אַ

וואַזאָן בלומען, אַ קליין פּויליש שטעטעלע אין וועלכן דער שטאָט־זייגער אויף אַ גאָטיש טורעמל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זעקס אַזייגער, כאילו ביידע ווייזערס וואָלטן דעם ציפער־בלאַט אַדורכגעשניטן אין צווייען...

— וווּנדערבאַרע מיניאַטורן! — האָב איך אויסגערופן.

מיין אַנטציקונג האָט אויף אַ רגע אויסגעגלייזט זיינע אַנטוישונגען... מיט אַ געפיל ווי ער וואָלט אָפּגעפונען אַ רייכן קונה אויף זיינע ווערק, האָט ער מיר געשאָנקען אַ ביכעלע און אַ פריינדלעכע דעדיקאַציע. איך האָב אים האַרציק געדאַנקט און געבעטן זיין וויזיט־קאַרטע.

מיר האָבן אויסגעטרינקען אַ גלאָז לכבוד אונדזער באַקאַנטשאַפט און גענומען באַרירן קונסט־פּראָבלעמען. נאָכן אַדורכוואַרפן אַ גאַנצע גאַלעריע גרויסע נעמען פון דער מאָלער־ און סקולפּטור־וועלט, איז פלאַצקער געבליבן פאַרפלאָנטערט ביי אַ זאַץ.

— אויסגעשטעלט אין „סאַלאָן פון די אָפּהענגיקע", אָבער פאַר־קויפט האָט זיך גאָרנישט. דאָ לעבן גאונים. פּירט קיין מצרים כישוף...

— שוין לאַנג אין פּאַריז?

— דאָס צווייטע יאָר, אָבער געטאַפּט אַ וואַנט האָב איך שוין ווי כ׳וואָלט דאָ געוועזן אַ פערטל יאָרהונדערט... — האָט ער זיך צעלאַכט און זיך אָנגעצונדן זיין ליולקעלע.

איך האָב אים אויפסניי באַטראַכט, גלייך ווי כ׳וואָלט אין דער רגע דערזען די מראה פון זיין קינסטלערישער נשמה...

— פאַרפאַלן... מיר קאָנען נישט ווערן קיין אַנדערע מענטשן... — האָב איך געזאָגט — ווען דער דראַנג צו קונסט איז אַריין אין בלוט, מוז זיך פאַרגיכטן...

— איך פיל דאָס אָפּ יעדן טאָג אויף מיין אייגענער הויט — האָט ער געשמייכלט — פונדעסטוועגן, נאָך יעדער נייער שאַפונג פיל איך זיך עפּעס אַזוי דערהויבן, גלייך ווי כ׳וואָלט ממש באַקומען אַ בעסערן גורל...

— באַקאַנטע רייד. ליידנשאַפטן פון מענטשן וואָס ווילן ווערן גע־טער...

— באַזוכט מיך אַמאָל! — האָט ער זיך געבעטן — די איינזאַמקייט פייניקט אָפּטמאָל מער ווי דער הונגער...

— מיך נישט וויניקער. איך נעם גערן אָן אייער איינלאַדונג —

האָבן מיר זיך באַשטימט צו טרעפן און זיך פריינדלעך, ווי אחים לצרה, געזעגנט.

***

איינמאָל אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, האָב איך אים באַזוכט. אין זיין שמאָלינקע טיר, אויפן זעקסטן שטאָק, האָב איך אַ צוויי־דריי מאָל אָנגעקלאַפּט, אָבער געענטפערט האָט מיר מיין אייגן ווידערקול. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז פּלאַצקער זיצט אויפן דאַך און אַרבעט. בעת ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט, לאַנג גע־דריקט מיין האַנט און מיך אַריינגעבעטן אין זיין צימערל.

דאָס צימערל — קליינטשיק, ממש אַ מיניאַטורקע. אויף די שויבן, אָנשטאָט פאָרהענגלעך, האָבן געהאָנגען אָנגעצויגן אויף אַ דראָט, צוויי פילפאַרביקע, דיקע, פירשפּיציקע גלעזער. ענלעך צו אויסשניטן פון קלויסטער־וויטראַזשן. די קאָלירנרייכע גלעזער, צעצינדן אין זוניקע פלאַמען, האָבן געוואָרפן אויף די ווענט רעגנבויגיקע שטרייפן און גע־האַלטן דאָס צימערל אין אַ פאַנטאַסטיש ליכט.

ביי אַ קליינטשיק טישעלע — אַן אַלטמאָדישער שטול, איבער־געצויגן מיט אַ שאַרלאַך־רויטן פּליוש און מיט אונטערגעזעגטע פיס, וואָס האָבן זיך אַזוי אַרום אויסגעגלייכט מיטן טישעלע. מיר דאַכט זיך אַז כ׳געפין זיך אין אַ קליין מוזיי־סאָלאָנעכל, אויפן שמאָלינקן בעטל — אַן אַראַביש זיידן טוך פון אַ גאָלד־געשטרייפטן לילאַ. אויף דער וואַנט ביים בעטל — אַ טונקל־באַרדאָנער גאָבעלין מיט צוויי אויסגעהאָפטענע פיגורן פון גריכישן גאָט צעאוס. אויף אַ פּאָליצקעלע איבערן בעטל — אַ גיפּסענע פיגור פון אינדישן בודדאַ. אויפן קאַמין — אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ קלאַסישער שיינקייט אין אַ רונדיקער באַגילדעטער ראַם.

האַרט ביים פענצטער — אַ פאַרבנרייך בילד וואָס שטעלט פאָר דעם אינדישן טענצער שיוואַראַם, האַלטנדיק אין זיינע הענט אַ דין־געשניצטע פאַריזער באַלעטניצע אין אַ העל־בלויער קרינאָלינע.

פּלאַצקער בעט מיך מיט אַ צופרידענעם שמייכל זיצן. ער לייגט פאַר מיר אַוועק אַן אַלבום מיט פּיקאַסאָס רעפּראָדוקציעס. מיין בליק פאַלט אויף אַ פּאָרטרעט פון אַ יונגער שפּאַנישער מוטער, אין וועמענס שוואַרץ־צעלאָזענעם קאָפּ־האָר, שטעקט אַ ווייס בלימעלע ביי דער לינ־קער שלייף. פון איר אַנטבלויזטער ברוסט זויגט אַ באַחנט יינגעלע.

די מוטער אויפן פּאָרטרעט שמייכלט און בליקט אויפן קינד. אין איר שמייכל שפּיגלט זיך אָפּ איר הנאה פון קינדס זייגן.

— יאָ, ער איז פון די געציילטע, באַנאַנד מיט שאַגאַלן, וואָס איז ביים לעבן שוין אַזוי באַרימט ווי אַנדערע מייסטער נאָכן טויט... — האָט זיך מיר אַרויסגערעדט.

— הגם בילדער פון אַ טויטן מאָלער האָבן דאָך מער ווערט ווי פון אַ לעבעדיקן, וועל איך נאָכן טויט אפילו אויך נישט מאַכן קיין קאַריערע...
— האָט זיך פלאַצקער צעלאַכט און פאַר מיר אַוועקגעלייגט אַ נייעם אַלבום פון ענגלישן סקולפּטאָר הענרי מאָר.

ער האָט מיך, ווייזט אויס, געוואָלט באַקענען מיט זיין גאַנצן אוצר. ער האָט פאַר מיר געעפנט צוויי גרינע טאָװלען, אין וועלכע ס׳זיינען געלעגן גלייך געסדרטע בלעטלעך מיט כינעזישע מאָלערייען: מיידלעך געקליידעט אין שרייענדיקע פאַרביקע שטאָפן טראָגן געבלימלטע קרוגן אויף די קעפּ, שפּינערינס, קראַנצן־פלעכטערינס, זאָקן־צערוועריגס, פאַרט־אַרבעטער, עלטערע קוליס געשפּאַנטע אין צוויי־רעדלדיקע וועגעלעך ווי פערד — דאָס אַלצדינג האָט אַ שווער געטאָן פאַר מיינע אויגן.

— איר זעט דאָס אַלץ איז געמאָלן אויף רייז־פּאַפּיר. נו, מיר וועלן עפּעס אויסטרינקען.

און כהרף־עין האָט פלאַצקער אַרויסגעשטעלט אויפן טיש אַ קליינ־טשיק, פּיטשע־מאַנטשיק פלעשעלע ממש אַ קינדער שפּילצייג. איך האָב זיך צעלאַכט. ער האָט איינגעגאָסן צוויי גלעזלעך. מיר האָבן לאַכעוודיק אויסגעטרונקען און זיך געווונטשן דערפאָלג.

נאָך אַ קורצער פּאַוזע האָט פלאַצקער אַרויסגענומען אַ לענגלעך הילצערן שאַכטעלע, באַמאָלן מיט גאָלד־פאַרבן און דערפון אַרויסגע־שלעפּט אַ פעכער.

— אַ יאַפּאַנישער פעכער וואָס שטאַמט אָפּ פון אַכצטן יאָרהונדערט — האָט ער מיך פאַרזיכערט מיט אויפגעלויכטענע אויגן.

— וואָ־עס ?

— ס׳גלויבט זיך אייך נישט ? זעט מיט וואָס דאָס שמעקט !

און ווי אַ פאָקוסניק, האָט ער געשיקט און פלינק צעעפנט דעם פעכער. איך בין געבליבן זיצן אַ פאַרגאַפטער. אַ האַלבער פעכער איז געווען אויסגעאַרבעט פון אַ גאָלד־קאָלירקן פיש־ביין. אויפן אויבער־טייל, ווי אויף אַ גאַלעריע, זיינען געווען אויסגעשטעלט צוויי־און־דרייסיק

יאַפּאַנישע פּרויען־פיגורן, געמאָלן אויף אַ דין־זיידענעם שטאָף און אַרויפ־געקלעפּט אויפן פּעכער.

פלאַצקער האָט זיך מיטן פּעכער געגומען שפּילן ווי אַ קינד, פאַר־מאַכט און געעפנט, פאַרמאַכט און געעפנט. די יאַפּאַנישע פּרויען־פיגורן אויפן קאָלירטן שטאָף האָבן זיך גענומען באַוועגן אין מיינע אויגן, אַקוראַט ווי אין אַ פאַנטאַסטישן פילם פון „טויזנט און איין נאַכט״.

זעענדיק מיין איבעררעשונג, האָט זיך דער גראַפיקער אַראָפּגע־זעצט, זיין צעשמייכלט פּנים איז תיכף געוואָרן טיף־ערנסט.

— דער פּעכער האָט אַן אויסטערלישע געשיכטע... אויסגעפונען האָב איך אים אַ פאַרשטויבטן, אַ שמוציקן, ביי אַ וואַרשעווער אַנטיק־וואַר אויפן אַמאָליקן מקום. כ׳בין דעמאָלט געווען גאָר יונג און ראָמאַנ־טיש... דאָס לעבן האָט געקלונגען ווי אַ צויבער־מעשהלע... כ׳האָב געליבט אַ מיידל מיטן גאַנצן פלאַם פון מיין נשמה. מיין פאַרגעטערונג און מסירת־נפש האָט זיך נאָר געקאָנט פאַרגלייכן צו שעקספּירס ראָמעאָ... בעת איך בין מיט איר געגאַנגען אין דער אָפּעראַ צו „טאָיס״, האָב איך איר גע־שאָנקען דעם פּעכער. איך זע זי נאָך איצט זיצן אין דער לאָזשע... איך הער נאָך איצט די אָפּקלאַנגען פון יענער מוזיק... אָ, ווען אַ גליקלעכע מינוט וואָלט כאָטש געקאָנט שטיין אַזוי לאַנג ווי דער פינסטערער טרויער!... ער האָט פאַררויכערט זיין ליולקעלע, אַרויסגעלאָזט אַ קריי־זעלע רויך צוזאַמען מיט אַ שווערן זיפץ...

— מיר רעדן דאָ וועגן מיין געזעצלעכער פרוי. אונדזער אידיליע האָט אָנגעהאַלטן ביז צום מלחמה־אויסברוך. איר פאָטאָגראַפיע געפינט זיך דאָ אין דעם צימערל. איך וויל אייך אויף איר נישט אָנווייזן, אַז איר שיינקייט זאָל אייך נישט דערשיטערן... בעת מ׳האָט געעפנט דאַנטעס געטאָ־טויערן האָבן מיר זיך צעשיידט.

אויסבאַהאַלטן זיך אויף דער „אַרישער זייט״. זי באַזונדער, איך באַזונדער. זי איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּוילישן מאָלער, ביי אַ געוויסן סטעפאַן סקאַרזשינסקי, וואָס האָט ליב געהאַט שיינע יידישע פרויען און זיסע יידישע פיש.

דער גראַפיקער האָט זיך אַ פּעכער געטאָן זיין צעפלאַמט פּנים, און נאָך אַ שטילשווייגנדיקער פּאַוזע, ווידער גענומען דערציילן:

— אין אַ שיינעם זומער־טאָג האָט מיך דער מאָלער אַרויסגערופן. איך קען זיך איצט נישט אַריינלעבן אין יענער שרעק, וואָס האָט מיך באַהערשט גייענדיק איבער די דעמאָלטיקע וואַרשעווער צערוישטע גאַסן...

באַטרעטנדיק דעם מאָלערס אַטעליע, וואָס כ׳האָב במשך פון יאָרן אַזוי גוט געקענט, בין איך געבליבן שטיין מיט אַ געפּיל, אַקוראַט ווי ס׳וואָלט ווער פון מיר געצאַפּט בלוט... די ווענט זיינען געווען באַהאָנגען מיט בילדער פון נאַקעטע פרויען אין כלערליי פּאָזעס. אויף איין בילד זיינען די נאַקעטע ברוסטן געווען איבערגעצויגן מיט אַ ראָזעווע טיול. ווער מיינט איר איז געווען די „מאָדעלקע״? דאַכט זיך אַז ס׳איז אייך איבעריק צו זאָגן — מיין פרוי. ער פירט מיך מיט אַ פּאַרזונקענעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס אַריין אין זיין שלאָף־צימער. מיין פרוי איז געלעגן אין בעטל אַן אויסגעלאָשענע... אַ קליין פלעשעלע פון סם, איז געלעגן אַ געשפּאָלטנס אויפן דיוואַן. אין איר רעכטער טויטער האַנט — מיין פּעכער...

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן...

— דאַרף דאָך אַזאַ פּעכער זיין הייליק... — האָבן זיינע ליפּן ווידער גענומען פּליסטערן — פונדעסטוועגן האָב איך אים איינמאָל אין אַ הונ־גער־טאָג, געהאַט פּאַרקויפט אַ פּאַריזער אַנטיקוואַר. אויפגעגעסן דאָס געלט און פּאַרבליבן מיטן געוויסן און מיטן ליידיקן שאַכטעלע, וואָס האָט אויסגעהוילט דעם זין פון מיין לעבן. אין אַ צייט אַרום איז מיר, הגם כ׳האָב קיין נאָמען נאָך נישט געהאַט, געלונגען עפּעס צו פאַרקויפן. אַ פאַרפּאַלגטער האָב איך זיך מיט אַ געוואַלדיקן אומרו אַוועקגעלאָזט צום אַנטיקוואַר מיט דער כוונה צוריקצוקויפן מיין פּעכער.

ער האָט אָנגעצונדן זיין אויסגעלאָשן ליולקעלע.

אויפן וועג צום אַנטיקוואַר האָב איך מיר געבראָכן דעם קאָפּ, צי כ׳זאָל זיך פּאַר אים אויסגעבן ווי דער אייגנטימער פון פּעכער, צי כ׳זאָל גאָר אָנגיין ווי אַ פרעמדער קליענט? איך האָב באַשלאָסן זיך צו פאַרלאָזן אויפן צופאַל.

ביים באַטרעטן די שוועל פונעם אַנטיקוואַר האָט זיך אַ געדאַנק מיט מיר גענומען רייצן: דער פּעכער איז שוין פון גאַנץ לאַנג פאַר־קויפט... אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער אַנטיקוואַר האָט מיך נישט דערקענט. ער האָט מיר מעשה־קליענט, געוויזן אַ צענדליק פּעכערס: פראַנצויזישע, כינעזישע, יאַפּאַנישע, אָבער מיין פּעכער האָב איך נאָך אַלץ נישט געהאַט געזען. אין אַ ווייל אַרום גיב איך אַ שטאַרקן ציטער... מיין פּעכער טויכט אויף פאַר מיינע אויגן. איך פרעג מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ דעם פּרייז.

— מ׳סיע, דער פּעכער איז נישט פאַר אייך. ער איז גוט פאַר אַ

באַרימטער אַקטריסע וואָס פאַרדינט פאַנטאַסטישע סומעס און האָט נאָך דערביי אַן אויסהאַלטער...

איידער כ׳האָב נאָך באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, איז אין געשעפט אַריינגעקומען אַן עלעגאַנטע יונגע דאַמע, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַ שאַרפן פּאַרפום־ריח. די דאַמע האָט מיך מסתמא באַטראַכט ווי אַ משוגענעם: „זע נאָר דעם קלאָשאַר וואָס נישטערט צווישן די לוקסוסאָווע פעכערס!" בעת דער אַנטיקוואַר האָט זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער דאַמע, וואָס האָט באַטראַכט אַ בראַנדז־טענצעריך, האָב איך זיך דערטראַכט צו קויפן דעם סאַמע ביליקסטן פעכער, אַבי אויסצופילן די פּוסטקייט אין מיין נשמה און די ליידיקייט פון שאַכטעלע.

אַהיימקומענדיק בין איך געבליבן זיצן איבערראַשט און איבער־געשראָקן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער סוחר האָט מיר על פּי טעות אַריינגערוקט מיין אייגענעם פעכער. און הגם איך האָב אין מיין דמיון געזען דעם אַנטיקוואַרס בייזע אויגן און געהערט ווי ער רופט מיך: גנב!, האָב איך ביי מיר בשום אופן נישט געקאָנט פועלן צוריקצוטראָגן דעם פעכער, מיט וועלכן מיין ערשטע און שענסטע ליבע האָט אויסגע־הויכט איר צאַרטע נשמה...

מיר זיינען ביידע געבליבן זיצן אַנטשוויגענע...

דאָס כפּרה־הינדל

אין דער יאַטקע פון אַ שטיל מאָנפּאַרנאַסער געסל האָט זיך אין די פּאַרמיטאָג־שעהן אַריינגעשלייכט אַן אָרעם געקליידעטער, אומראַזירטער אַלטער מאַן אין אַ צעקנייטשטן שוואַרצן קאַפּעליוש, באַשפּריצט מיט כלערליי פאַרבן. אַ שטיק געשטרייפּטער שטאָף פון אַ פערדישער קאָלדרע איז אומגעלומפּערט געווען פאַרוואָרפן אויפן זקנס אַראָפּגעשיפּטע אַקסלען. בעת דער אַלטיטשקער האָט זיך באַוויגן, האָט ער דערמאָנט אין אַ צע־שויבערטן בוים.

דער אַלטיטשקער האָט זיך בנעימותדיק געפּיפּטשעט זיין ליולקע און זיך איינגעקוקט אין די רויע שטיקער אָקסן־פלייש און רוקן־ביינער. ער האָט באַטראַכט די קעלבערנע קעפּ מיט רויט־געפּלעקטע שטרייפן, אָפענע אויגן און די קרוליקעס, וואָס האָבן זיך דאָ געהוידערט אויף האָקעס, אָבער אַמלענגסטן האָבן זיינע בליקן אַרומגעגנישטערט צווישן די אויסגע־סדרטע עופות וואָס זענען דאָ אויפן יאַטקע־טיש געלעגן מיט אונטערגע־בראָכענע פליגל און מיט ברייטע האַלדז־בענדער פון אייגן בלוט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, פּעפּע? — האָט דער קצב געפרעגט, ווישנדיק זיך די הענט אין דער בלוט־געפּלעקטער שירץ.

— אַ הינדל, מ׳סיע.

דערזעענדיק דעם אַלטנס אָרעמע מלבושים, האָט דער קצב אַ כאַפּ געטאָן דאָס סאַמע פעטסטע הינדל און עס אַרויפגעוואָרפן אויף דער וואָג־שאָל.

— איר וועט זיך דערמיט דערקוויקן, פּעפּע.

— אָ, ניין, מסיע. איך דאַרף האָבן אַ גאַנץ דאַר הינדל. האָט דער אַלטער אַרויפגעלייגט אויף דער וואָגשאָל אַן אויסגעדאַרט הינדל מיט צוויי אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער, כאילו צוויי פויסטן.

ווי נאָר דער אַלטיטשקער איז אַרויס פון דער יאַטקע, האָט ער דערהערט דעם קצבס נאָכגעשריי:

— אידיאָט!

די פרויען האָבן זיך הילכיק צעלאַכט.

דער אַלטיטשקער איז אינדרויסן געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. ער האָט גערן געוואָלט אַריינגיין צום קצב און אים אַריינזאָגן אין טאַטנס־טאַטן אַריין, אָבער ער האָט איצט נישט געהאַט קיין מוט צו מחלוקת. ער איז אַ געקרענקטער אַוועק פון דער יאַטקע, געשפּאַנט טראָט ביי טראָט און זיך איינגעקוקט אינעם גאַסן־בילד. ביים טראָטואַר־ברעג זענען געלעגן פּריש אונטערגעהאַקטע ביימער, וואָס דער שטאָט־ראָט האָט געהייסן אָפּ־רוימען. ס׳איז דעם אַלטן עפּעס באַנג געוואָרן נאָך די אַלטע ביימער, וואָס ער האָט זיי דאָ אין זיין קוואַרטאַל יאָרן־לאַנג געזען אין כלערליי פּאָזעס: באַדעקט מיט בלעטער, אָפּגעפּליקטע, באַגאָסענע מיט טאָג־ליכט, גע־הילטע אין נאַכט־חשכות, באַגילדעטע פון שטראַלן און באַזילבערטע פון פּראָסט. דאָס פּרוכנעוואַטע האָלץ, וואָס האָט אויפן טראָטואַר איבערגעלאָזט אַ ווייסן מעך, האָט צו אים געגומען רעדן...

צוקומענדיק צו זיין הויז האָט דער אַלטיטשקער אָנגעטראָפן זיין פּראָגצויזישן שכן, רישאַר רוא, וואָס האָט ערשט מיט געציילטע יאָרן צוריק געהאַט אויפגעגעבן זיין אַנטיקוואַרן געשעפט אין אַ טונקל געסל ביים לינקן סען־ברעג.

— באָן־זשור מעטר סירקין! — האָט דער געוועזענער אַנטיקוואַר אויסגערופן, גלעטנדיק דאָס פּערלמוטערנע פּופן־קעפּל פון זיין שוואַרץ אַלטמאָדיש שטעקעלע — איך זע אַז ס׳איז ביי אייך היינט עפּעס אַ יום־טוב. איר האָט געקויפט אַן עוף.

— יאָ, ס׳איז ביי מיר טאַקע אַ יום־טוב — האָט דער מאָלער חיים סירקין איראָניש אונטערגעשמייכלט. אָבער אייער קצב, זעענדיק אַז כ׳האָב מיר אָפּגעקליבן אַזאַ דאַרינק הינדל, האָט מיר נאָכגעשריגן אידיאָט.

— לאַכט זיך פון אים אויס. קומט מעטר סירקין, לאָמיר בעסער נעמען אַן אַפּעריטיף, ס׳איז דאָך היינט מיין ריי.

— אַ דאַנק מ׳סיע רוא. כ׳בין עפּעס איצט נישט אין קיין גוטער שטימונג.

— לאָז איך אייך צו רו. מיט אַ גוטן אַפּעטיט, מסיע סירקין.

— אייך דאָס זעלבע, מ׳סיע רואַ — האָט דער מאָלער אַוועקגעשפּאַנט.

אַריינקומענדיק אין זיין אַטעליע, האָט דער מאָלער אַוועקגעלייגט דאָס הינדל אויפן צייכנטיש און עס אויפסניי גענומען באַטראַכטן. ער האָט

זיך איינגעקוקט אינעם הינדלס אָפענע אויגן, וואָס האָבן אויף אַ רגע פּאָר אים אַ פינטל געטאָן כאילו פאַרביקע קנעפּלעך, אַ רגע — ווי לע־בעדיקע אויגן וואָס בעטן רחמיםביים שעכטמעסער.

ער האָט צאַרט באַרירט דעם הינדלס שנעבעלע מיטן ווייסן איינגע־קלעמטן צינגל, ס׳האָט זיך דעם מאָלער געדאַכטן, אַז דעם עופעלעס לעצ־טער געקריי האָט אַ הילך געטאָן אין דער לופט אָפּגעשלאָגן פון איין עק סטודיאָ צו דער צווייטער, און איז אַריין אין זיין געביין...

האָבנדיק דעם געפיל אַז דעם הינדלס לעצטער צאַפּל פאַרן טויט באַוועגט זיך אין זיין געמיט, האָט סירקין אויף יענער זייט טיר אַרויסגע־האַנגען די צוגעגרייטע טאָוול, וואָס האָט די באַזוכער מודיע געווען אַז דער מאָלער איז אַוועק אין די אַלפּן־בערג. און פילנדיק זיך אָפּגעשלאָסן פון דער דרויסנדיקער וועלט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צייכענען.

***

דאָס קליינינקע הינדעלע האָט איינגעשלונגען לאַנגע, איינזאַמע חדשים פון שווערע האַרעוואַניע. טייל מאָל האָט זיך דער מאָלער איבער־געוועקט אינמיטן דער נאַכט בכדי איבערצומאָלן אַ גאַנץ דינעם, קוים באַ־מערקבאַרן פּענדזל־שטריך. אָבער ווען דאָס בילד איז פולשטענדיק פאַר־טיק געוואָרן, האָט חיים סירקין איינגעלאַדן זיין באַליבטן שכן רישאַר רוא.

דער אַנטיקוואַר מיטן ווייסן רײן־אויסגעקעמטן בערדעלע האָט איצט ווי תמיד געטראָגן זיין אַלטפּרענקיש געבלימלט וועסטל. אַ גאָלד קייטעלע מיט אַ נאָכהענגערל אויף וועלכן מ׳האָט שוין קוים באַמערקט רישעליעס פּראָפיל, האָט זיך אויפן אַנטיקוואַרס וועסטל געשלענגלט פון איין טע־שעלע צום צווייטן. דער אַנטיקוואַר איז אַ נייגעריקער געזעסן ביים צייכנ־טיש און מיט אַ שטיקל זאַמש זיך איבערגעווישט די ברילן־גלעזלעך.

אויפן מאָלבערט איז דאָס בילד איצט געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. איבערן געזימס — אַ קליין לעמפּל, וואָס האָט דאָ געוואָרפן אַ גאָלד־שטראַל אויף אַ לאַנדשאַפט אין שאָטן, דאָרט אָנגעצונדן אויף אַן איילבילד אַ ליכט אין אַ שבת־קודשדיקן לייכטער. אויף אַ שויב פון די סטודיאָ־פענסטער, האָט זיך ווי אויף גלאָז־מאָלעריי אָפּגעשלאָגן אַ ליכט און שאָטן שפּיל פון אַ פאַרבנרייכן בין־השמשות הימל.

— אָט, איז מיין נייע לייוונט! — האָט סירקין געזאָגט מיט אַ פּאָר־כאַפּטן אָטעם און באותו־רגע אויסגעדרייט דאָס בילד מיטן פּנים צום אַנטיקוואַר.

רישאַר רוֹאַ האָט זיך אויסגעהוסט, האַסטיק אָנגעטאָן די ברילן און געבליבן זיצן מיט אַ פּאָר צעפּינטלטע אויגן. אַ וועלט מיט פאַרבן, העלע, טונקעלע, האָט אים פאַרבלענדט.

ס׳האָט פאַר אים אויפגעטויכט אַ שוואַרצע חורבה מיט קאַנטיקע און רונדיקע פענצטער־לעכער. פון דער חורבה האָבן זיך אַרויסגעקנוילט שוואַרץ־רויטע רויך־קלומבעס וואָס זענען אין דער לופט געבליבן הענגען ווי שלאַנגען אָן קעפּ. אויף אַן איינגעוואַליעטן פּלויט — אַ דאַר און קוואַר אָפּגעפּליקט הינדל... פון עופעלעס העלדזל ציט זיך ביז צום באָדן — אַ ריטשקעלע בלוט. איבערן פּלויט שוועבן געדיכט הייסע פעדערן. פון די פעדערן שיילן זיך אויס דריי סקעלעטן: אַ יונגע פרוי, אַ זקן מיט אַ האַלב אָפּגעשווירענע באָרד, אַ מיידעלע מיט אַ ליאַלקע אין אָרעם.

דער אַלטער פראַנצויז איז געבליבן זיצן אַן אַנטשוויגענער. ער האָט אָנגעקוקט דעם מאָלער, וואָס איז אין זיין געפלעקטן כאַלאַט געשטאַנען אַ טרויעריקער, אַ צווייפלהאַפטער. ער איז נאָך אַלץ נישט געווען זיכער צי ער האָט געפונען די עכטע פאַרבן צום סיוזשעט.

— אַ שעדעוור! — האָט דער אַנטיקוואַר געזאָגט בנשימה־אחת.

דער מאָלער האָט אַ ציטער געטאָן.

— איר טרייבט נישט איבער, מ׳סיע רואַ?

— איר ווייסט דאָך, מעטר סירקין, אַז איך ווער נישט אַזוי לייכט נתפּעל. במשך פון די פופציק יאָר, וואָס איך האָב געהאַט צו טאָן מיט בילדער און אַנטיקן, זענען די סאַמע גרעסטע איטאַליענישע, פראַנצויזישע, שפּאַנישע און פלעמישע מייסטער אַדורך מיינע הענט. וויפל סיסלעיס, קאָראָס, וואַן־גאָגס, סעזאַנס, מאָדיגליאַניס, אוטריאָס, ווער קען אַלץ גע־דענקען, זענען אין מיין גאַלעריע פאַרקויפט געוואָרן צו שפּאָט־ביליקע פרייזן. די נאָכגעמאַכטע האָב איך גלייך דערשנאַפּט. גלויבט מיר, אַז איך ווייס פון פּראַקטיק נישט ווייניקער ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער עקספּערט. אויב איך זאָג אייך אַ שעדעוור פון אַ סימבאָליש־אימפּרעסיאָניסטישן עקאָל, מעגט איר אויף מיין וואָרט שטעלן שאַמפּאַן. ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן צו וואָס איר האָט ווינטער־צייט איינגעקויפט דאָס דאַרע הינדל. אידיאָט האָט אייך דער קצב גערופן. כאַ־כאַ־כאַ! אים האָט נישט געקענט איינפאַלן אַז דאָס הינדל איז אַ מאָדעל. יאָ, איר מעגט אים ווייזן דאָס בילד!

דער אַנטיקוואַר איז שטיל געוואָרן. דער מאָלער האָט אים אָנגע־קוקט ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

— וואָס זייט איר עפּעס פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן, מ׳סיע רואַ?

— ס׳איז אפשר נאַריש? אָבער איך וואָלט געוואָלט וויסן פאַרוואָס איר רופט אייער בילד „דאָס כפּרה־הינדל״?

דער מאָלער האָט זיך פאַרטראַכט.

— כ׳וואָלט גערן די פראַגע געוואָלט אויסמיידן.

— איר זייט נאָך נישט קיין אַבסטראַקטער מאָלער, ביי וועמען די הויפּט ראָלע שפּילט די געאָמעטריע. די פיגוראַטיווע קונסט אַנטפּלעקט דאָך סודות.

— אייך, מ׳סיע רואַ, דאַרף מען דאָך נישט זאָגן, אַז ביים אויסטייטשן אַ בילד, ווערט די גאַנצע קאָמפּאָזיציע קליינגעלט. דער האַרמאָנישער צו־זאַמענשפּיל פון פאַרבן אַטמאָספער, און אָביעקט, דאַרפן מער מאַכן פילן דעם מאָלערס וויזיע, דאָס מאָל גראָד אויף דער באַזע פון געשעענע פאַקטן, ווי דערציילן דעם סיוזשעט. איר זעט דאָך אַז דאָס בילד געהערט דורכאויס, ווי איר האָט עס אַליין אָפּגעשאַצט, צום סימבאָליזם ווייל דער מאָלער האָט געזוכט און אפשר געפונען אַן אויסדרוק פאַר זיינע נשמה־מאַטערנישן. מיר יידן זענען צום באַדויערן, זינט די קריסטוס־לעגענדע דאָס „כפּרה־הינדל״ אויפן פּלויט פון דער וועלט. דעריבער האָב איך די אויסגעפּליקטע פעדערן געמאָלן ווייס ווי שניי...

דער אַנטיקוואַר האָט זיך אַ צוויי־דריי מאָל אויסגעהוסט און געזאָגט:

— דאָס איז, הייסט עס, אַ באַשולדיקונגס־אַקט.

— וואָס קען מ׳שטיינס געזאָגט אַזאַ בילד אויפטאָן ווי אַ באַשולדי־קונגס־אַקט? ווער וועט זיך פון דעם איבערנעמען? די יעזוס־טעמע, זעט איר, געמאָלן פון אַ גאַנצע ריי וועלט־מייסטער, מיט רובענסן בראש, האָט יאָ אויפגערייצט די פאַנאַטיקער. אָבער לאָמיר דעם וויכוח איבערלאָזן, מ׳סיע רואַ, איר זייט דאָך אַ פריידענקער.

— וועגן מיר רעדט זיך דאָ נישט, מעטר סירקין. אייער בילד האָט אַזאַ געוואַלטיקע קראַפט, אַז די טעמע האָב איך מורא, קען אַמאָל גלויביקע קריסטן יאָ שאַקירן. אָבער ביי אַלע מיינע רעזערוואַציעס זוך איך במחשבה פאַר אייך אַ נאָמען פון אַ באַרימטן קונסט־קריטיקער. איר דאַרפט דאָך נאָך ביים לעבן ווערן קאַטירט, אַריינקומען אין די נאַציאָנאַלע מוזייען. איר ווילט דאָך אוודאי נישט, אַז אייער מייסטער־ווערק זאָל ערשט ליציטירט ווערן און דערגיין צו אַ פאַנטאַסטישע סומע — נאָך אייער טויט. וואַרט נאָר אַ ווייל, איך האָב אין מיין נאָטיץ־ביכל אייניקע יידיש־אַמעריקאַנער קאָ־

לעקציאָנערן, וואָס זוכן אַזעלכע טעמעס — האָט דער אַנטיקוואַר גענומען בלעטערן זיין נאָטיץ־ביכל.

דער מאָלער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ טאַבורעטקע. אַ היפּשער ווייל האָט ער זיך גענומען רייבן די קניען, גלייך ווי די פיס זיינע וואָלטן געווען איינגעשלאָפן.

— אַ דאַנק אייך, ליבער פריינד, איר זוכט פאַר מיר אַ קליענט. איך זאָרג זיך וועגן דעם זייער ווייניק. איך וועל די לייוונט סיי־ווי אַזוי גיך נישט קענען פאַרקויפן. איך וועל זיך דערמיט אַזוי גיך נישט קענען שיידן.

— באַקאַנטע רייד. אָבער מיט דער לייוונט קען זיך דאָך אָנהייבן אייער אויפשווונג, צו וועלכער גאַלעריע דאָס ווערק זאָל נאָר נישט דערגיין, וועט זי דאָך צוליב איר אייגענע אינטערעסן אויפשרויפן די פרייזן פון אייערע אַנדערע בילדער. ווילט איר גראָד איצט ווערן אַן אַסקעט ?

— מיין גאַנץ לעבן כמעט בין איך געווען אַן אַסקעט געצוווּנגענערהייט — האָט סירקין געזאָגט און מיט פאַרביטערונג צוזאַמענגעצויגן די ליפּן — אָבער איצט בעת מ׳איז שוין נאָענט צו די זיבעציק, קען איך מיר שוין פאַרגינען צו זיין אַ פרייוויליקער אַסקעט. יאָ יאָ, מסיע רואָ, דער קינסטלער איז פון דער נאַטור פאַרמשפט אָפּצוטאָן זיין אַרבעט און אַוועקגיין. קיינער פון די וועלט־מייסטער האָט זיך נישט געזאָרגט ווו זיינע ווערק וועלן אַהינקומען נאָכן טויט. ווען איך זאָל זוכן מיינע זיבן גוטע יאָר, וואָלט איך זיך צוגעפּאַסט צו די היינטיקע מאָדעס און צו די סנאָבן וואָס קויפן נאָר אַבסטראַקטע מאָלעריי. איך האָב זיך אָבער אַ לעבן לאַנג געראַנגלט צו קענען געפינען אַ פאַרבן־שפּראַך פאַר מיין סענסיטיוו פילן דאָס קאָסמישע וועלט־בילד, וואָס איז אייביק און איז נישט אונטערגעוואָרפן קיין שום מאָלערישע שולע. איך האָב אפילו בדעה צו פאַרניכטן געוויסע לייוונטן, וואָס זענען לויט מיין איינזען, נישט מער געווען ווי שטאָפּלען אַרויפצוגיין.

— ווען איר וועט זיך אָפּקילן, מעטר סירקין, וועט מען נאָך אַ רעד טאָן מכוח אַן אָפּזאָץ־מאַרק. דערווייל לאָז איך אייך צו רו.

דער מאָלער האָט זיך אויסגעטאָן זיין כאַלאַט, נערוועז אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַן אַלטע מאַרינאַרקע, אויפגעשטעלט זיך דעם קאָלנער אין האַלדז אַריין, אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ אַ צעקנייטשטן באַסקישן בערעט, אויסגעשטרעקט די האַנט צום לעמפּל איבערן מאָל־ברעט.

— כ׳גיי אַביסל אַריין אין דער קאַפע „סעלעקט״ זיך זען מיט קאָלעגן.

כ׳ווייס אַז זיי זענען פאַלש, אָבער אין מיין איינזאַמקייט געפין איך נישט קיין אַנדערע מענטשן.

מ׳סיע רואַ האָט זיך אויפגעשטעלט.

— איר זעט מ׳סיע רואַ, אַזוי לאַנג ווי דאָס ביסל ליכט פאַלט איבערן בילד האָט איר דאָ אַזוי פיל פאַרבן ווי אין אַ קליינעם רעגנבויגן, אָבער ווי נאָר איך פאַרלעש דאָס ליכט ווערט די לייוונט שוואַרץ, דאָס גאַנצע שפּיל איז אויס.

— דאָס גאַנצע לעבן איז דאָך אַזוי, מעטר סירקין. כל זמן אונדזערע אויגן זענען אָפן, זעען זיי כלערליי פאַרבן, אָבער ווען אונדערע אויגן פאַר־מאַכן זיך? מיר האָבן נאָך צייט... נישט אמת, מעטר סירקין?

— כ׳ווייס... איך בין גלייכגילטיק — האָט דער מאָלער פאַרלאָשן דאָס לעמפּל. די זקנים האָבן זיך ווי צוויי שאָטנס אַרויסגעשלייכט פון דער אַטעליע.

די מאָדעלקע

אַ טונקעלער פרימאָרגן. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט פינצטערע פלעקן. אַ דריבנע רעגנדל, שיטער ווי אַ גרויער מושלין, האָט גענומען טריפן איבער די פיטאָרעסקע, סטילרייכע אַנטוועראפענער געביידעס.

מחמת די נעאָן־ליכטער וואָס האָבן איצט אַרויסגעשלאָגן פון די עלעגאַנטע פלעמישע קאַפעען, מאַגאַזינען, אַטעליעס האָט זיך געדאַכט אַז די פאָרט־שטאָט לעבט נאָך אירע נאַכט־שעהן. די פאַרשידנפאַרביקע באַפעלקערונג האָט לרוב געשפּאַנט אין גאַס אַ באַדעכלטע מיט רעגן־שירעמס. די טראַמווייען זענען געווען איבערגעפּאַקט. די טראַמוויי־גלאָקן האָבן נאָכאַנאַנד געקלונגען. אַ שאַרף־שניידיקער ווינט האָט זיך אָנגעטראָגן פון דער „עסקאָ” און מיט אַ ווינטער־הויך אַ ווייע געטאָן אויף די שטאָטישעביימער, וואָס האָבן אַראָפּגעבויגן די קרוינענקעפּ און נאָכגעקוקט זייערע לעצטע פאַרלוירענע בלעטער.

אין די דריי בירזע־הייזער אויף דער פּאַליקאַן־סטראַאַט, האָבן זיך די באַגלאָזטע דריי־טירן באַוויגן ווי ווינט־מילן. דיאַמאַנטערן און מעקלערס זענען אַריין און אַרויס. אַנדערע בעלי־בתים, באַבערדלטע און געגאָלטע, האָבן דאָ פאַרנומען דעם טראָטואַר פון דער לאַנגער יידן־גאַס, ווו דאָס יידישע אות און כלי־קודש האָבן היימישלעך אַרויסגעקוקט פון די באַלויכטענע אויסשטעל־פענצטער.

ביים רובענס־מאָנומענט איז אַ גאָלד בלאַט אַרויפגעפאַלן אויפן מייסטערס ברייטראַנדיקן בראָנדז־הוט, גלייך ווי דער ווינט וואָלט אַהערגעיאָגט אַ בלום פונעם זשעניס אומשטערבלעכן לאָרבער־קראַנץ. די טויבן אויפן רובענס־פּלאַץ, וואָס האָבן אין זוניקע טעג דאָ געפונען זייערע קרישקעס צוגעוואָרפן פון פרויען־הענט, האָבן איצט מיט פייכטע פליגל געהאָפּסלט אַרום די פּוסט־געוואָרענע בענק, געוואָרקעט פאַר הונגער, קעלט און אומעט.

אין די רויטבאַלויכטענע באַרלעך, וואָס שלענגלען זיך פונעם צענטראַלן וואָקזאַל ביז אַראָפּ צו די בלינדע פּאָרט־געסלעך, זענען די קורטי־

זאַנקעס איצט געזעסן אַליינזאַמע. זייערע יונגע טאָרסן אין בגדי יצר־הרע האָבן זיך ווי אויף גלאָז־מאָלערייען געצייכנט אויף די דין־פּאַררעגנטע שויבן, פאַרצויגן מיט דורכזיכטיקע פאָרהענגלעך. דאָ און דאָרט האָט אַ פרעך אויג און אַ האַלב־אַנטבלויזטע ברוסט אַרויסגעוווּנקען צו די פאַר־בייגייער. אָבער די היימישע און פרעמדע קליענטן, לרוב טוריסטן און מאַטראָזן, וואָס פלעגן אין די דאָזיקע נאַכטקלובן אָפּטמאָל צאָלן די אַמו־זאַנטקעס איין פאָרטאָ נאָכן צווייטן, האָבן איצט, אין די פרימאָרגן־שעהן נאָר געכאַפּט אַ בליק און פאַרבייגעגאַנגען.

ס'האָט זיך דאָ אין שטאָט אַרומגעבלאָנקעט דער פאַריזער יונגער מאָלער בערנאַרד באַרדאַש. געקומען קיין אַנטווערפּן איז ער מאַכן אַ פּאָרט־רעט פאַר אַ ברילאַנטן־סוחרס אַ טאָכטער. אָבער דער ערשטער סעאַנס האָט ערשט געדאַרפט פאָרקומען אַרום אַכט אָוונט, ווען די מאָדעלקע ווערט פריי פון אירע לעקציעס. דערווייל האָט באַרדאַש אַרומגעשפּאַנט זוכענדיק נייע איינדרוקן — און אָנרעגונג צו עפּעס אַ גרויסער לייוונט.

אין באַרדאַש'ס צייכן־בלאָק האָבן זיך שוין געפונען די אַנטווערפּע־נער קוריאָזיטעטן, וואָס ער האָט במשך פון צוויי־דריי טעג געהאַט גע־צייכנט. בעת ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קאַפע־טישל האָט ער דער־ווייל, וואַרטנדיק אויף דער באַשטעלונג גענומען בלעטערן זיינע עטיודן. ס'זענען ווי אויף אַ קליינעם עקראַן אַרויסגעשוווּמען: מוזייען, פּאַרקן, קאַטעדראַלן, דער וואָלקן־קראַצער, אָרנאַמענטאַלע טורעמס, פּאַסאַדעס, באַלקאָנדלעך, טונעלן, דער „האָטעל־דע־וויל" — דאָס ווערק אין רענע־סאַנס־סטיל פון קאָרנעי דע וורינדט — דער גאָטישער גראַנד פּאַלאַץ פון 16־טן יאָרהונדערט, די באַרימטע ברונעם — דאָס קונסט־ווערק פון קענטין מאַרטסיס, וואָס האָט באַוויזן פון מעטאַל אויסצוהאַמערן בלומען־בלעטער און אַוועקצושטעלן איבערן ווונדערלעכן אייזערנעם קראַנץ די סטאַטוע פון לעגענדאַרן סאַלוויוס בראַבאַ אין דער פּאָזע ווי ער פאַרמעסט זיך צו שליידערן אין אָפּגרונט אַריין די האַנט פונעם ריז אַנטיגאָן, וועלכער האָט לויט דער לעגענדע טעראָריזירט דעם צפון־ים.

בעת דער מאָלער איז זיך געמיטלעך געזעסן ביים קאַפע־טישל און רעטושירט די שטאָט־מערקווירדיקייטן, האָט ער אינעם קעגנאיבערדיקן שפּיגל דערזען, אַז נייגעריקע פלעמער און פלעמערינס רינגלען אים אַרום. זיי באַטראַכטן מיט איבערראַשונג זיינע שטודיעס און קוקן זיך איבער. אַ צופרידנקייט האָט אָנגעפולט דעם קינסטלערס האַרץ. ער האָט בעת־מעשה געטראַכט, אַז דער פּאָרטרעט וואָס ער דאַרפט דאָ אין דער שטאָט שאַפן און פאַרדינען אַ היפשער אפּותיקו, ליגט אים אין דער לינקער

פיאַטע. ער איז גאָר געקומען קיין אַנטווערפּן בכדי איינצוזאַפּן נייע פאָרמען פון דער אַרכיטעקטור־קונסט און די מאַלערישע וויזיעס פון וועלט־באַ־רימטע מייסטער, וואָס האָבן אים באַגייסטערט בעתן באַזוכן די שטאָטישע מוזייען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווי אַ שילער פון דער פּאַריזער אַקאַ־דעמיע „באָ־ז׳אַר" איז ער אַמאָל דאָ אַהערגעקומען, אָבער די צייכענונגען וואָס ער האָט בשעתו געהאַט אָנגעוואָרפן, האָט ער אַן אויפגערעגטער צע־ריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. איצט אָבער באַוועגט זיך זיין צייכנבלייער אַזוי לייכט און צאַרט ווי אַ פידל־בויגן אין דער האַנט פון אַ ווירטואָז. יאָ, ער איז פון זיינע שילערישע פּרוּוון גאַנץ ווייט אַוועק. אָבער ביים דערזען מוזיי־בילדער, בלייבט ער שטיין אַ געפּלעפטער, אַן אומבאַהאָלפענער, אַ באַזיגטער פון מאַלערישע גאונים. די וועלט־מייסטער, מיט רובענסען בראש, וואַרפן אויף אים תמיד אַן אַ מורא... ער בלייבט אין די רגע׳ס שטיין ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד מיט אַ פיינלעכן צווייפל אין האַרצן, צי ער וועט אַמאָל דערגרייכן צו גרויסקייט, צו יענעם קאָסמישן געוועב, וואָס טראָגט אין זיך דעם אָטעם פון דער אייביקייט.

ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט נאָך באַרדאַש באַוויזן אויסצומעסטן אַ היפּשע צאָל אייגנאַרטיקע פלעמישע גאַסן און הינטער־געסלעך. אָבער אַמלענגסטן האָט ער זיך פאַרהאַלטן אין דעם קאַפע־רעסטאָראַן ביים סאַמע פּאָרט. די דאָזיקע שטימונגספול־באַלויכטענע געביידע, די ווענט באַצירט מיט ווערטפולע פּייזאַזשן, שטיל־לעבנס און אַקוואַרעלן, איז ווי אַ גרויסער עס־זאַל פון אַ שיף, ממש געשטאַנען אויפן אויבערפלאַך פון גאָלף־אויסגוס. דורך די ברייטע ווענעציאַנישע פענצטער, האָט זיך דער „עסקאָ"־גאָלף אויסגעשפּרייט ווי אַן אומענדלעך פעלד, צעאַקערט און צעטיילט אין שמאָ־לע, טונקל־גרינע וואַסער־גרודעס, געשפּרינקלט מיט ווייסע מעווע־פליגל, באַזוימט מיט פרעמדלענדישע שיפן, פון וועלכע ס׳האָבן זיך געצויגן פּאַסמעס רויך, ווי שטרייפן פון אַ געפּל־בויגן איבער כלערליי צעפּלאָטערטע נאַציאָנאַלע פענער.

בעת די געסט האָבן איינציקווייז אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן דעם רעס־טאָראַן־זאַל, האָט זיך באַרדאַש אויסגעזוכט אַ טישל האַרט ביים פענצטער. דאָס רעגנדל האָט נאָך אַלץ געטריפט און געפּראָשעט. דער ים־אויבערפלאַך האָט אין זיך אַריינגענומען די רעגן־טראָפּנס, פּונקט ווי ער וואָלט אויף דינע שנירלעך אויפגעצויגן הימלישע פּערל. דאָס דרויסנדיקע נאַטור־בילד, וואָס האָט ברייט און ווייט אַריבערגעשוימט די פענצטער־ראַם, האָט באַרדאַשן אָנגעפּילט מיט אַ רעליגיעזער שטימונג. און הגם זיינע ליפּן זענען געווען געשלאָסן, האָט זיך אים געדאַכט אַז ער פּליסטערט אַ תפילה

צום געטלעכן ווערק וואָס וואַקסט אַריבער אַלע באַגריפן פון פאַרבן־פלעקן, ליכט־אויסשטראַלונג און שאָטן־שפּיל. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס צו צייכענען, אָבער ביים אויפהויבן זיינע אויגן צום דרויסן, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם צייכנבלייער.

אין עס־זאַל איז וואָס אַמאָל אַלץ שטילער געוואָרן. באַרדאַש האָט זיך געמיטלעך געגעסן די פאַרשפּייזע, צוגעטרונקען דעם פראַנצויזישן ווײַן „באָזשאָלע". וואַרטנדיק אויף די באַשטעלטע שפּייזן האָט ער דערווייל פון דער אַקטן־טאַש אַרויסגענומען אַ נומער פונעם פּאַריזער קונסט־זשורנאַל: „אַר ע ספּעקטאַקל". ער האָט איצט נישט געהאַט גענוג געדולד צו לייענען די לאַנגע אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלטע און נייע שטרעמונגען אין דער מאָלעריי. ער האָט נאָר באַטראַכט די רעפּראָדוקציעס פון די ניי־אויפגעקומענע אַבסטראַקטע מאָלער. טייל קאָמפּאָזיציעס האָבן אים ממש אויפגערעגט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם זשורנאַל און גענומען אַ צווייטן: „פנימער און מאַסקעס". ער האָט בנשימה אחת געוואָרפן אַ בליק אויפן אַרטיקל וועגן מאָנע, 1840. ער האָט תמיד געלעכצט נאָך אַ ניי וואָרט וועגן דעם גרויסן מייסטער פון די אימפּרעסיאָניסטן. ער האָט זיך אויפגעסניי איינגעקוקט אין מאָנעס רעפּראָדוצירטן שעדעוור: „נימפעאַס". ער איז געבליבן זיצן מיט אַ מינע, אַקוראַט ווי ער וואָלט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו דערכאַפּן דעם געפלי פון אַן אָדלער.

נאָכן מיטאָג האָט באַרדאַש ווידער גענומען שפּאַנען גאַס איין, גאַס אויס. בעת דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט אים אַ קירכע־זייגער גענומען אונטעריאָגן. ער האָט גענומען שטעלן פוסטריט אין דער ריכטונג פון בעלגעליי.

נאָך פופצן מינוט גאַנג האָט ער זיך געפונען אין אַן אויפנאַם־צימער. ער האָט זיך אַ נייגעריקער אַרומגעקוקט. דער רחבותדיקער סאַלאָן איז געווען העל־בליציק באַלויכטן פון אַ פּיראַמידאַל־פאַרמירטן קרישטאָלענעם הענגל־לייכטער. די בלויע פּריזמעס האָבן געוואָרפן אַן אָפּשיין אויף די געבלימלט־באַטיסטענע ווענט, אויף די פלאַמאַנדישע דיוואַנען, אויף צוויי שורות לעדערנע פאָטעלן, אויף גאָלד־קאָלירִיקע טאָפּלט־פאַרהאַנגען און רונדיקן טיש, באַדעקט מיט קונסט־שפּיצערייען. אָבער אַמלענגסטן האָט זיך דעם מאָלערס בליק פאַרהאַלטן אויף דער באַגלאָזטער ספרים שאַנק. אויפן אָרט פון געזימס האָט ער דערזען: אַ מנורה, אַ טורעמדיק בשמים־ביקסל, אַ פלאַטינענע אתרוג־פושקע, און צוויי פּאָר זילבערנע לייכטער. זיין בליק האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דער ווייס־פּאָלירטער טיר מיט די באַגילדעטע קליאַמקעס. ער איז אַ קורצינקע ווייל געווען באַהערשט פון אַן אומרו.

אָבער באַלד האָט זיך די טיר געעפנט. אַ שלאַנקע בלאָנדינקע מיט צוויי טונקל־גאָלדענע צעפּ אויףביידע ברוסטן איז מיט געמאָסטענע טריט אַריינגעקומען.

— אַ גוטן אָוונט, מייסטער. מיין נאָמען איז נעמי — האָט זי אויס־געשטרעקט אַ צאַרט הענטל און זיך צעשמייכלט מיט אַזאַ צופרידנקייט אַז צוויי חן־גריבלעך זענען אויף אַן אויגנבליק געבליבן שטיין אין אירע גלאַטיקע בעקעלעך.

נעמיס ערשטער בליק איז אויף באַרדאַשן געפאַלן ווי אַ שטיק פייער וואָס האָט אים ממש אַ ברי געטאָן.

— שאַרמאַנט, אַ וווּנדערבאַרע מאָדעלקע! — האָט זיך באַרדאַש אַן אַנטציקטער אַראָפּגעזעצט און מיט פאַרזשמורעטע אויגן גענומען באַטראַכטן זיין מאָדעל.

— מאַדמואַזעל, זעצט אייך אַוועק קעגנאיבער מיר. איר וועט דאַרפן האָבן געדולד צו אַ זיבן־אַכט סעאַנסן. דעם בעסטן וואַריאַנט וועל איך גופא אָפּקליבן צום מאָלן. אייער איצטיקע ווייסע בלוזקע קען ביי מיר אפשר פאַרוואַנדלט ווערן אין וויאָלעט בכדי דאָס טונקעלע גאָלד פון אייערע צעפּ זאָלן בעסער אָפּשלאָגן. אָבער דאָס אַלץ איז דאָך נישט אַזוי וויכטיק ווי דאָס פּנים, ווי דער כאַראַקטער פון מאָדעל.

נעמי איז געזעסן אַ פאַרגאַפטע. דאָס בלויזע פאַזירן פאַר אַזאַ אָריגי־נעלן שיינעם מאַן האָט איר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן. זיין געדיכטע שוואַרצע טשופּרינע; פּעך־שוואַרצע באָרד; גרויסע בליציקע אויגן און בכלל זיין מענעריש געשטעל אין אַ באָרדאָ סאַמעטענע מאַרינאַרקע אַן קלאַפּעס, האָט זי האַלבלעך איבערגעשראָקן — גענצלעך פאַרכאַפּט.

דער מאָלער האָט פאַררויכערט זיין ליולקע, אַרויסגעלאָזט קרייזעלעך רויך, געעפנט זיין בלאָק און מיטן הענטל פון זיין צייכנבלייער זיך גענומען קלאַפּן אין די ציין אַריין:

— מאַדמואַזעל, איך קען נאָך נישט אָנהייבן צייכענען. כ׳קען נישט באַנעמען דעם טיפן טרויער אין אייערע אויגן...

נעמי האָט אַ ציטער געטאָן.

— איר זעט דעם טרויער, מייסטער?

— יאָ, ער קוקט צו מיר אַריבער...

— קען מען, הייסט עס, גאָרנישט פאַרבאָרגן פאַר אַ קינסטלערס אויג.

— ניין, מאַדמואַזעל, מיר ווייסן תמיד וואָס מיר מאָלן אָבער ווען?...

— כ'מוז עפּעס דערציילן פון מיין לעבן?

— אויב איר ווילט האָבן אַ קונסט־פּאָרטרעט.

— ס'איז מיר שווער...

— כ'פאַרשטיי.

נעמי האָט מיט אַ געענדערטן טאָן אַ זאָג געטאָן.

— איך בין נישט שמואל אייכענבוימס טאָכטער. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין בעלגיע און די יידן האָבן אָנגעהויבן צו לויפן אין דער וועלט אַריין, האָבן מיך מיינע עלטערן, אויך דיאַמאַנטערן, איבערגעלאָזט אין דער בעלגישער פּאָרט־שטאָט גאַנד, מזרח־פלאַנדרע, אין דער קאַטע־דראַלע סט.־ באַוואָן, מעטערלינגס פאַטערלאַנד. נאָך דער באַפרייאונג האָבן די אייכענבוימס אָפּגעקויפט דאָס קינד ביי די נאָנעס און מיך אַדאָפּטירט ווי אַ טאָכטער. פאַר צוויי יאָר בין איך געווען אין ישראל אויף אַ לוסט־רייזע. כ'האָב באַקענט אַן אינזשינער, געבוירן אין פראַנקרייך. איך פאָר בקרוב אַוועק חתונה־האָבן און זיך באַזעצן אין ישראל. דעם פּאָרטרעט וויל מען דאָ האָבן בכדי צו לינדערן די בענקשאַפט צו מיין... האָט אָבער מיין דראַמע אַ טאָפּלט־מאַסקע. אייכענבוימס יינגסטער זון אפרים איז אין מיר שטאַרק פאַרליבט. איך דאַקעגן האָב צו אים אַ געפיל ווי צו אַ ברו־דער. מיר זענען דאָך צוזאַמען דערצויגן געוואָרן. ער ליידט שרעקלעך... איך פיל מיך אָבער אומשולדיק.

— דאָס איז מיר גענוג — האָט דער מאָלער געזאָגט — ערשט איצט האָב איך באַנומען אייער געמיט־צושטאַנד... כ'האָב זיך גראָד איצט דער־מאָנט, אַז פאָרטונע, די אַלעגאָרישע ראָמאַניש־גריכישע געטין פון צופאַל, ווערט פאָרגעשטעלט ווי זי באַוועגט זיך מיט פאַרבונדענע אויגן אויף אַ פאָרנדיק ראָד. יאָ, מאַדמואַזעל, קעגנאיבער דעם צופאַל האָבן מיר דאָך אַלע פאַרבונדענע אויגן... מיר וועלן נאָך וועגן דעם רעדן ביי די איבעריקע סעאַנסן. איצט אָבער הייב איך אָן די צייכענונג. קוקט נאַטירלעך צום פענצטער, גלייך ווי איר וואָלט נישט פאַזירט. מערסי.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך דער מאָלער אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום גרויסן קאַמין־שפּיגל און גענומען באַטראַכטן די צייכע־נונג אינעם באַזילבערטן גלאָז. ער האָט צופרידן געשמייכלט. נעמי האָט אויפגעצאַפּלט פאַר פרייד.

— אָ, כ'וואָלט געוואָלט אַז די ענלעכקייט זאָל אַזוי בלייבן. גאָט מיינער, ווען דאָס וועט זיין אין פאַרבן...

— איך האָב זיך באַמיט — האָט דער מאָלער געזאָגט — אַז די ליניעס זאָל מען קענען פאַרגלייכן צום ריטם פון אַ שיינער מעלאָדיע. נו, איצט מאַדמואַזעל, לאָז איך אייך אָפּרוען. מיר זעען זיך מאָרגן אָוונט. אָ רעוווּאַר!

דער מאָלער איז אַ צעשמייכלטער אַוועקגעגאַנגען. נעמי האָט אים באַגלייט צו דער טיר.

**
*

אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג האָט דער מאָלער בערנאַרד באַרדאַש אָפּגעטראָגן דעם פּאָרטרעט. ער האָט געשפּאַנט איבער די שטיל־געוואָרענע גאַסן אַ מוטיקער, נישט פריי פון גאווה, מ׳וואָלט אויף אים געקענט זאָגן: ער איז פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך... פון רגע צו רגע האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ס׳האָט זיך אים עקשנותדיק אויסגעוויזן אַז פאַרבייגייער קוקן אים נאָך. דער נאָכמיטאָג איז געווען אַ זוניקער. די שטאָטישע געביידעס האָבן אין באַרדאַש׳ס אויגן אויסגעזען באַגילדעטע. אַ צופרידנקייט פון אַ מייסטער וואָס טראָגט אין דער האַנט אַ שעדעוור, האָט אים באַהערשט. דערביי האָט זיך אים גאַנץ־גוט געטראַכט וועגן האָנאָראַר. ער האָט געהערט צו די לייכטע אויסגעבערס, וואָס יאָגן זיך תמיד נאָך אַ פאַרדינסטל. די פּאָריקע אויסשטעלונג אין בריסל האָט אים געמאַכט אַ נאָמען אין בעלגיע. אָבער דער פאַרקויף איז, ביי דער בעסטער קריטיק, געווען אַ מאָגערער. איצט האָט ער זיך געקוויקט מיטן געפיל אַז ער וועט באַלד פאַרמאָגן אַ לייטישע סומע.

ביי די אייכענבוים׳ס איז, ווי יעדן זונטיק נאָכמיטאָג, געווען פאַרבעטן אַ היפּש ביסל געסט. דער טיש איז געווען באַשטעלט מיט גלעזער טיי. ביי יעדן גאַסט איז אויף אַ טעלערל געלעגן אַ פּליטש פון אַ גאַרנירטן טאָרט. אַ קליאָש פּרוכטן האָט פאַרנומען דעם מיטלפּונקט פון טיש.

בעת דער מאָלער האָט זיך באַוויזן, זענען די בעלי־בתים און געסט געוואָרן אויפגעהייטערט. דער פּאָרטרעט מיט אַ קאָסטבאַרע ראָם איז דאָ געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. יעדער האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש; אָבער קיין שום אויסדרוק האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן שייכות צו קונסט. דער יונגער אייכענבוים „דער ברוגזער חתן" האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַריין אין צווייטן צימער. נעמי האָט אים נאָכגעקוקט, אָבער איר האַרץ איז איצט געווען איבערפולט מיט אַזאַ גליק, אַז זי האָט נישט געקענט איינשטילן איר איבערראַשונג. די געסט האָבן אויף באַרדאַשן געקוקט ווי

אויף אַ מאַגיקער, וואָס שטייט מיט אַ צילינדער אין האַנט און שלעפּט פון אים אַרויס לעבעדיקע קאָלירטע טויבן.

באַרדאַש האָט מיט אַ געמאַכטער צופרידנקייט אָנגענומען דעם כיבוד, געוווּנטשן נעמין פיל גליק ביים באַטרעטן די ישראל־ערד, אַרומגענומען מיט אַ צעשמייכלטן בליק אַלע טיש־זיצערס אויסגעטרונקען אַ גלעזל פּאָרטאָ.

דער בעל־בית שמואל אייכענבוים, אַ באַזילבערט יידל אין אַ פּאָר באַגילדעטע ברילן־ראַמען, האָט באַרדאַשן אַריינגערופן אין דער ביוראָ. אַ שופלאָדל האָט אַ קלינג געטאָן. אייכענבוים האָט גענומען אויסציילן באַנקנאָטן. דעם מאָלער האָט באַשלאָגן אַ היץ.

נאָכן געזעגענען, איינמאָל און נאָכאַמאָל, איז באַרדאַש מיט האַסטיקע טריט אַוועק צום צענטראַלן באַן־הויף.

אין אַ שעה אַרום איז באַרדאַש געזעסן אין אַ קופּע פון דער ערשטער קלאַס. אויפן טישעלע האַרט ביים פענצטער האָט ער אַוועקגעלייגט זיין פּעקל טאַבאַק, פאַררויכערט זיין ליולקע, און בעת איבער זיין קאָפּ האָבן זיך גענומען קרויזן רויך־וואָלקנדלעך האָט זיך פאַר זיינע אויגן אַוועקגעשטעלט אַ בילד:

נאָכן ערשטן סעאַנס, בעת ער שפּאַנט אַזוי אַרום אין די אַנטווערפּענער הינטער־געסלעך זוכנדיק אַן אַנטשפּאַנונג, טויכט פאַר אים אויף אַ נאַכט־קלוב. דער אָפּשיין פון אַ צענדליק חלב־ליכט וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן אויף די שויבן, האָט משונהדיק געווירקט אויף זיין געמיט. און כהרף־עין איז ער שוין אינעווייניק. אַ גרויסע אַמעריקאַנער שפּיל־שאַנק שפּילט אַ טאַנגאָ. אַ קורטיזנקע מיט אַ האַלב־אַנטבלויזטן ביוסט זעצט זיך לעבן אים אַוועק. זי צעשויבערט גוטמוטיק זיין טשופּרינע, קעמט מיט די פינגער זיין באָרד, פּאָדערט דרייסט און פרעך אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל. די געסט אַרום די טישלעך זענען מער איינגעהילט אין שאָטן ווי אין ליכט. מען זעט צונויפגעטוליעטע פּאָרלעך. דאָ און דאָרט הערט זיך אַ הולטייסקע געלעכטער. די שאַרלאַטאַנקע ביי באַרדאַש'ס טישל רייצט אים. ער שלעפּט זי מיט כוח צו זיך, אָבער זי בייגט זיך פון אים אַוועק. זי זאָגט אים: „נאָך צוועלף קען איך קומען צו דיר". באַשטעל דערווייל אַן אַנדערן קאָניאַק. אין דער רגע צעשפּילט זיך ביי באַרדאַשן זיין קינסטלערישע אַמביציע. ער וויל דווקא אַז דאָס באַר־מיידל זאָל וויסן ווער ער איז. ער עפנט האַסטיק זיין בלאָק. נעמיס געצייכנטער קאָפּ גיט אַ בליץ אויף אין דער אַרומיקער טונקלקייט. מענער פון שכנותדיקע טישלעך רינגלען אַרום דעם פּאָרטרעט. יעדער

דריקט אויס זיין אַנטציקונג אויף אַן אַנדערן אופן. און נאָך אַ ווייל, זייענ־דיק אַ קאַפּיטשקע בגילופין, פֿאַרקויפֿט ער דעם פּאָרטרעט פֿאַר אַ נישטיק אַנגעבאָטענער סומע. איצט טראַכט זיך אים:

„ווייזט אויס אַז אין יענע צעהוליעטע מינוטן האָב איך געוואָלט נאָכשפּילן אַ וועלט־באַרימטן מאָלער, וואָס האָט אין אַזעלכע קנייפּעס פֿאַרקויפֿט זיינע צייכענונגען פֿאַר אַ גלעזל וויין. צום באַדויערן איז יענער ערשטער וואַריאַנט, דער פֿאַרקויפֿטער געווען דער סאַמע בעסטער. כ׳האָב אים געצייכנט נאָכדעם ווי נעמי האָט מיר געהאַט דערציילט איר לעבנס־דראַמע, וואָס האָט טיף אָפּגעשלאָגן אין מיין געמיט און באַוויגן מיין שאַפֿערישע נשמה. אָבער בעת כ׳האָב געצייכנט די איבעריקע פּאָרטרעטן איז דער איינדרוק פֿון נעמיס איבערלעבענישן שוין געווען אויסגעוועפּט. דער רוח־הקודש איז אַוועק. געבליבן איז בלויז „דאָס געשיקטע הענטל״. כ׳דערמאָן זיך נישט וועלכער גרויסער מייסטער האָט געזאָגט, אַז אויב אַ האַנט מאָלט געשיקט דאַרף מען זי אָפּהאַקן. ס׳איז מיר דעריבער קלאָר אַז דעם פּאָרטרעט וואָס כ׳האָב אַקאָרשט געליוועוועט איז אין תוך־גענומען אַ פֿאַלשער״...

אַ פֿייף האָט אַדורכגעשניטן די לופֿט. דער וואַגאָן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. אַ געקרענקטער האָט דער מאָלער צו זיך געזאָגט:

— דער מענטש איז אַ קרבן פֿון זיין אייגענעם כאַראַקטער...

ביי אַ פֿאַרמאַכטער טיר

יוסף לערנער איז אין אַ תמוזדיקן בין־השמשות אָנגעקומען אין אַ טאַליק שטעטל, איינגעאָרעמט אין פֿאַרשידנפֿאַרמיקע אַלפּן־בערג, אויף וועלכע ס'אַז געפֿאַלן אַ פּורפּורענער אָפּשיין פֿון שקיעה.

דאָס שטעטל סען־זשערווע־לע־בען האָט געטומלט אויף כלערליי לשונות. די גאַסן אַרום דעם הויפּט־שאָסיי, און אפֿילו די זייטיק־צעשלענגלטע פּיטאָרעסקע געסלעך מיט זייער אייגנאַרטיקער אַרכיטעקטור, זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט פּריוואַטע אויטאָמאָבילן און מיט עקסקורסיע־אויטאָקאַרן, וואָס האָבן געפֿירט טוריסטן פֿון עקס־לע־בען קיין שאַמאַניקס.

די האָטעלן זענען געווען איבערפֿולט פֿון פֿראַנצויזישע און אויסלענדישע געסט, וואָס טייל זענען דאָ אַהערגעקומען באַרואיקן זייערע צעשרויפֿטע נערוון; אַנדערע — געניסן פֿון די קאַלציקישע מינעראַל־וואַסערן.

ס'האָט דאָ אַרומגעהולעוועט אַ געזונטע אָפּגעבראַנזטע יוגנט. די מיידלעך אין לאַנגע הויזן, אין ספּאָרט־בלוזקעס; די בחורים — אין קורצע הייזלעך, אין פֿוטבאָליסטישע געקראַטעוועטע העמדלעך. דאָ און דאָרט איז אַ האַנטבאַל געפֿלויגן איבער קעפּ. די יוגנט האָט זיך דאָ געפֿילט היימיש, ווייל זי האָט לרוב אויך געהערט צו די ווינטער־געסט, וואָס טראָגן אויף די פֿיס גליטשאייזנס און האָבן שוין מער ווי איין מאָל אויסגעמאָסטן די אייז־פֿעלדער.

באַנאַנד מיט דער געזונטער פֿריילעכער יוגנט, האָט דאָ געשווייבלט און געגריבלט מיט קראַנקע, אומעטיקע מענטשן, ביי וועלכע דער אַרטרעטיזם האָט אויסגעלענקט הענט און פֿיס. זיי שפּאַנען דאָ פֿאַרביי אויף שטעקנס, אויף קוליעס. אַנדערע ווערן געפֿירט אויף צוויי־רעדלדיקע וועגעלעך.

יוסף לערנערן האָט אָבער פֿאַרכאַפּט דאָס נאַטור־בילד, וואָס האָט אים אָנגעפֿילט מיט אַ גרויס התלהבות.

די זיגזאַגישע בערג־ליניעס, באַהאַפטן ווי איין שטיק מיט די קאַר־מעזינפּאַרביקע האָריזאָנטן, האָבן אים ממש צוגעשמידט צום אָרט. די זון האָט זיך שוין געהאַט צעגאָסן איבער גרויס־שטחדיקע הימל־פעלדער, וואָס דאָ זענען זיי געווען געקאַרבט ווי אויפגעאַקערטע גרודעס ערד; אַנדערשוואו — בלויע אָזערעס אָנגעגאָסן מיט פייערדיקע זונענפלעקן.

דער רייך־קולטיווירטער פּאַרק, וועמענס נעקטאַר האָט אָנגעפילט די אַרומיקע לופט מיט שאַרפע פּאַרפום־ריחות, האָט לערנערן אַריינגעלאָקט.

קוקנדיק אויף די בלומען־בייטן האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די סאַמע שענסטע אָריענטאַלישע גאָבעלינען זענען אַראָפּגעפאַלן פון מוזייאישע ווענט און זענען דאָ געבליבן ליגן אויסגעשפּרייטע אויף די הויכע, פיין־אויסגעקעמטע גרעזער.

דער פּאַרק איז געווען באַלעבט פון אַ גרויסער געדיכטער באַפעלקע־רונג, וואָס האָט פאַרכאַפּט די ביימער־שאָטנס, די גוט־געפלאַסטערטע אַלייען, די טעראַסקעס פון די ראָמאַנטישע קאַפּעען און די באַרימטע הידראָמינעראַלע געביידע „באַן־נאַנט”.

דער דאָזיקער הייל־אַנשטאַלט, אויסגעבויט ממש ווי אַ שטייענדיקע שיף אויף די שפּרודלדיקע קוואַלן, איז געווען אַרומגערינגלט פון האַלבע און גאַנצע קאַליקעס, וואָס זענען דאָ געלעגן אויף אויסלייגשטולן, אויף פעלדבעטלעך און געוואָרעמט זייערע געליימטע גלידער ביי די לעצטע פלעקן פון דער אונטערגייענדיקער זון.

יוסף לערנער האָט זיך צוגעזעצט צום וואַסערפאַל, וואָס האָט מיט אַ מעכטיקער קראַפט געשאָרעוועט, געפלאַסן אין ברייטע זילבערשוימיקע פאַסמעס, איבערשרייענדיק די מענטשן־קולות און דעם גלעטנדיקן גערויש פון די פּאַרק־ביימער.

דער געבריל און געהודזשע פון דער קאַסקאַדע, האָט לערנערן אויף אַזוי ווייט אַריינגעוועבט אינעם קאָסמישן וועלט־בילד, אַז ער האָט לחלו־טין נישט געטראַכט מכוח אַ האָטעל־צימער.

די נאַכט האָט בהדרגה׳דיק אַראָפּגענידערט אויף די בערג, וואָס זענען אַט־אַט נאָך געווען אַלפּיש רויט, און באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַטן גרוי, געמישט מיט אַ קאַלטן טונקל־גרין. אַ קיל ווינטל האָט געגומען ווייען. דער הימל איז באַדעקט געוואָרן מיט האַלב־שאָטנדיקע ציגאַבער־רויטע כמאַרעס. די פּאַרק־ביימער האָבן מיטאַמאָל אַ ווילדן געשריי געטאָן. אַ טשאַטע פייגל האָט ווי אַ פליגל־שנור ערגעץ־ווו אַוועק־געצויגן. ס׳איז געוואָרן קילער. די לופט — פייכטלעך.

ערשט איצט האָט זיך יוסף לערנער דערמאָנט, אַז ער איז דאָ ביי

דער נאַטור־שיינקייט אַ פֿרעמדער אָן נאַכטלעגער. ער האָט זיך האַסטיק אויפֿגעכאַפּט און גענומען צוריקשפּאַנען צום שטאָט־צענטער.

ער איז אַריין אין ערשטן־בעסטן האָטעל.

— אויף אַ צוויי־דריי חדשים, מ׳סיע?

— אָ ניין, מאַדאַם, אויף אַ נאַכט.

— אויף איין נאַכט? — האָט איר די פּאַטראָנקע אָנגעקוקט מיט אַן איראָניש שמייכעלע — בחינם אייער זוכן. ביי אונדז דינגט מען איצט שוין צימערן צום ווינטער־ספּאָרט. מיר נעמען נאָר גרויסע פֿאַמיליעס. איר זייט, זע איך אַליין.

הגם די פּאַטראָנקעס רייד האָבן לערנערן אויפֿגערעגט, האָט ער איר געדאַנקט און איז אַוועק.

ער האָט זיך גענומען אַרומבלאָנקען סתם אין דער וועלט אַריין.

מיטאַמאָל איז ער אַליינזאַם געבליבן שטיין אויף דער רוימישער בריק. אויף מערב־זייט האָבן זיך פּאַר אים קוים־קוים אויסגעטיילט די קאָנטורן פֿון „מאָן־בלאַן". ביים קאָלנער פֿון דער געגנט — דער „מאָן־זשאָלי". די אַרומיקע בערגיקע ווילעזשיאַטור איינגעהילט אין נאַכט־שאָטנס, געשפּרינקלט מיט ליכט־פּינטעלעך, האָט אים אַ רגע באַצויבערט; אַ רגע — איבערגעשראָקן...

ער האָט געהערט ווי עס פּייפֿט ווער אויס אַ באַקאַנט פֿראַנצויזיש פֿאָלקס־לידל. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ בריוו־טרעגער, לערנער האָט אים אָפּגעשטעלט.

— איך גלויב — האָט דער בריוו־טרעגער געזאָגט — אַז איר וועט נישט האָבן קיין אַנדער מיטל ווי אַריינצוגיין אין דער קאַפּליצע. דאָס איז אַ געבעט־הויז און אַ גאַסט־הויז פֿאַר פֿאַרבייפֿאָרער און הימלאָזע.

— ווו געפֿינט זיך דאָס, מ׳סיע?

— איר זעט דעם צלם צווישן דיביימער־שפּיצן? איר וועט לייכט טרעפֿן. וועלכער מענטש ווייסט נישט ווו גאָט וווינט... — האָט דער בריוו־טרעגער זיך גוטמוטיק צעלאַכט.

— אַ דאַנק מ׳סיע.

— אַ גוטע נאַכט.

יוסף לערנער האָט געבליקט צום הימל. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַ ליאַדע מינוט לאָזט זיך אַראָפּ אַ שלאַקסרעגן. און הגם ער האָט זיך

טיילמאַל גוט געפילט בעת אַ שטורמרעגן באַגלייט פון אַ בלאַנקענדיקן בליץ און קראַכענדיקן דונער, האָט געטומען פליוכען איבער דער איינגעקוואַרטער ערד, אויסגעטריקנטע פעלדער און אויסגעשישעטע אינדזלבערג, האָט אים גראָד איצט אַרומגענומען אַן אומפאַרשטענדלעכער פחד.

ער האָט זיך אַ פאַרפלאָנטערטער צוגעשלייכט צו דער קאַפּליצע. אינמיטן גאַנג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

„וווהין גיי איך איצנטלעך? בעסער איבערזיצן די נאַכט אויף אַ פּאַרק־באַנק, אָדער אַרומשפּאַנען צווישן ביימער, וואָס פאַרשאָפן תמיד ווייניקער צער ווי מענטשן... כ׳וועל זיין צווישן גאָטס אייביקן און מיין אייגענעם פאַרבייגענדיקן שאָטן“...

אָבער די איינזאַמקייט האָט אים איצט מער ווי תמיד גענומען ווי טאָן... אַ בענקשאַפט צו אומבאַקאַנטע מענטשן האָט אים ווייטער געטריבן. נאָך אַ ווייל האָט ער אין דער האַלב־טונקלקייט דערבליקט די קאַפּליצע. ער איז געבליבן שטיין פאַר אַ שמאָל טירל אין אַ ברייט טויער, רעכטס אַ הענטל פון אַ גלאָק.

בעת ער האָט אַ צי געטאָן ביים הענטל האָט ער דערהערט אַ געזשום, פּונקט ווי עפּעס אַן אַלטע מטבע וואָלט מיט אַ מאָדנעם אָפּקלאַנג זיך אַ קייקל געטאָן איבערן הויף און אָפּגעשלאָגן אין דער ווייטקייט.

אויפן הויף איז געווען טויטשטיל. מען האָט נישט מער געהערט ווי אַ געשושקע פון קאַשטאַנען־ביימער. אין פאָדערגרונט איז געווען שטאָקפינצטער; אין הינטערגרונט — אַ בלישטשיקל. אַ גריל האָט ערגעץ־ווו מאָנאָטאָנע געגרילצט.

נאָך אַ היפּשער ווייל אומגעדולד וואַרטן, האָט ער לסוף דערהערט שאַרכנדיקע טריט. אַ שלאָס־צינגל האָט זיך אַ קרעק געטאָן. אינעם אָפענעם טירל איז געשטאַנען אַן אַלטע איינגעשרומפּענע נאָנע אין אַ פּאָר קינדערישע ברילעכלעך אויף אַ ביינערדיק שפּיציק נעזל. איבער איר שטערן — אַ ווייסע געקאַרבטע קאַפּטורקע, וואָס האָט פינצטערער געמאַכט איר לאַנג שוואַרץ קלייד און די געשלענגלטע בייטש שוואַרצע קרעלן, צוגעטשעפּעט צו אַ בינטל שליסלען. די נאָנע האָט אויסגעזען לייכטגעוויכטיק און דין. ס׳האָט זיך לערנערן געטראַכט, אַז דער שווערער צלם אויף איר האַרץ־ברעט, וועגט מער ווי איר גוף.

— גוטן אָוונט, מיין זון!

— גוטן אָוונט, שוועסטער! אַ פאַרבייפאָרער, וואָס פּראָוועט וואַנדערנדיקע וואַקאַציעס. אַ טאָג דאָ, אַ נאַכט דאָרט. ס׳איז אין שטאָט נישט

מעגלעך צו באַקומען אַ צימער אויף איין נאַכט — האָט לערנער אַראָפּ־געאַקסלט זיין פּלעצאַק.

— ס'איז מיר, ווייזט אויס, באַשערט אַ מצווה — האָט די נאַנע שטיל געזאָגט — ווי גאָט איז אייך ליב, אַז איר האָט באמת נישט ווו איבער־צונעכטיקן?

— ווי גאָט איז מיר ליב.

— טאָ קומט אַריין! איר זייט אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

די אַלטיטשקע האָט לערנערן צוגעפירט צו דער פינצטערער אָפיצינע.

— איר האָט שוין געגעסן אָוונט־ברויט?

— יאָ, שוועסטער, אַ דאַנק.

— דאַנקט בעסער גאָט.

— איך דאַנק יעדע מינוט מיין גאָט...

זיי האָבן אַדורכגעשפּאַנט אַ שמאָלן קאָרידאָר. די אַלטע נאַנע האָט אויפגעשלאָסן אַ טיר, אַריינגעשפּרייזט און געמאַכט ליכטיק.

— אָט האָט איר אַ ריין נאַכטלעגער — האָט זי זיך אויפסנייַ איינגעקוקט אין לערנערן — אַ גוטע נאַכט. שלאָפט געשמאַק.

ווי־באַר לערנער האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין צימער, האָט ער געהערט ווי די אַלטינקע האָט פאַרשלאָסן די טיר. דאָס האַק־שלאָס האָט עפּעס מאָדנע אָפּגעשלאָגן אין זיין האַרץ.

ער האָט דערזען אַ טונקל־ברוין בעט מיט אַן אַלטמאָדיש שווער געזימס. צוקאָפּנס — אַ גרויסער הילצערנער יעזוס. אויפן נאַכט־טישל — „דער נייער טעסטאַמענט”, געבונדן מיט אַ מעטאַלן שלאָס.

בעת לערנער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, האָט ער לשם נייגע־ריקייט אַראָפּגענומען פון נאַכט־טישל דעם „ברית־חדשה” און אים אָנ־געהויבן בלעטערן. ער האָט מיט פאַרביטערונג זיך איינגעקוקט ווי די קריסטלעכע וועלט האָט גענומען אונדזערע נביאים, פסוקים פון תהילים און אויסגענוצט צו אירע פינצטערע צוועקן. ס'האָט זיך אים צופעליק אויפ־געבלעטערט דאָס קאַפּיטל „מתיא”. ער האָט געלייענט:

„ווי צו אייך, סופרים און פרושים, איר חונפים! וואָרעם איר ריי־ניקט דעם כוס און די שיסל פון אויסנווייניק, אָבער אינעווייניק זענען זיי פול מיט גזילה און עוולה. דו בלינדער פרוש, רייניק קודם דעם כוס און די שיסל פון אינעווייניק, כדי זיי זאָלן אויך ווערן ריין פון אויסנווייניק”.

אַ געקרענקטער האָט זיך יוסף לערנער צעלאַכט מיט אַ גאַליק געלעכטער. „גרויסאַרטיק!" — האָט ער במחשבה צו זיך גערעדט — „נאָך אַלע קרייץ־צוגן, אינקוויזיציעס און גאַז־קאַמערן, דאַרפן מיר קרבנות פון קריסטנטום גאָר רייניקן דעם כוס און די שיסל פון אינעווייניק".

ער האָט פאַרמאַכט דעם „ברית חדשה" און אַרויסגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטער. אויף די קעגנאיבערדיקע פינצטערע בערג, האָט ער דערזען אַ שנור גרויסע פערל, וואָס האָבן פונדערווייטנס אַהערגעפינקלט.

„דער אָפשיין ווירקט פאַרן אויג ווי אַ ממשותדיקע זאַך. אפשר איז אַלץ וואָס מיר זעען, און אפילו דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן, נישט עפּעס מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער געטלעכקייט, וואָס לעשט זיך אויס ווען אונדזערע אויגן פאַרמאַכן זיך?"... — האָט זיך לערנער געטראַכט.

פּלוצלונג האָט אַ בליץ ווי אַ קרומע זילבערנע שווערד אַ בליאַסקע געטאָן איבער קעפּ פון פינצטערע בערג און זיך כהרף־עינדיק פאַרלאָשן. באַלד האָט אַ דונער־קראַך אַרויסגעבוכניעט און דאָס ווידערקול איז זיך צעפאַלן מיט אַזאַ צעשמעטערדיק טאַ־ראַ־ראַ־כע־ריי, גלייך ווי דער סאַמע גיגאַנטישסטער פעלדז וואָלט זיך מיט אַ געטרעשטשעריי צעקרישלט און צעשטויבט.

יוסף לערנער האָט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן. ער האָט זיך איינגעהערט אינעם שלאַקסרעגן, וואָס האָט גלייך גענומען כליאַסקען מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט.

פּלוצלונג אַ קלאַפּ אין טיר.

— מ'סיע, כ'בין אייך געקומען פרעגן, צי איר פילט זיך נישט שלעכט? — האָט אַ יונג קלינגענדיק קול זיך געהערט אויף יענער זייט טיר — אויב איר לאָזט ברענען דאָס ליכט ביי אַזעלכע דונערן... זייט איר דאָך מסתמא קראַנק.

— ווער רעדט? — האָט לערנער אויפגעצאַפּלט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר.

— איך, די שוועסטער פון נאַכט־דינסט... איך וואָך איבער אייער געזונט.

— גאָט מיינער! צוליב מיר? וואַכן אַ גאַנצע נאַכט? ווען איך וואָלט דאָס געוווּסט...

— מ'סיע, האָט נישט קיין פאַרדרוס פון מיין וואַכזאַמקייט. ס'טרעפט אַמאָל, אַז אַ פאַרבייפאָרער זאָל דאָ קראַנק ווערן, ס'האָט שוין דאָ אפילו געטראָפן אַ טויט־פאַל.

— אין דעם צימער?

— יאָ.

— אין דעם זעלבן בעט?

— אין דעם זעלבן בעט.

יוסף לערנער האָט אויפֿגעשווידערט. ער איז אַרויס פֿון בעט, פֿאַר־לאָשן דאָס ליכט און זיך צוגעשאַרט צו דער טיר. ער האָט זיך איינגעקוקט ווי אין דער פֿינצטער געוואָרענער טיר איז איין שפּאַרונקע באַלויכטן, גלייך ווי עס וואָלט דאָרט אַרומגעקראָכן אַ גלי־ווערעמל. דאָס פּרויען־קול פֿון יענער זייט האָט אים געגומען שטאַרק רייצן.

— איר ווייסט, מאַדמואַזעל, איך זע אייך...

— כאַ־כאַ־כאַ! ס'איז דאָך נישט מעגלעך. די טיר איז דאָך פֿאַרמאַכט.

— פֿונדעסטוועגן זע איך אייך...

— טאָ ווי אַזוי זעט איר מיך?

— איר זייט יונג און זעלטן שיין...

— אָ, לאָזט מיך בעסער אָוועקגיין! מ'טאָר דאָ נישט רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן...

— איך בעט אייך, מאַדמואַזעל, בלייבט נאָך אַ ווײַלינקע! איר זייט דאָך סיי־ווי נאָר וואָכעדיק פֿאַר מיר. אייערע אָפֿענע אויגן זענען איצט מיינע. אייער וואַרעמע שטימע וועקט אין מיר מיין אָפּגעשטאָרבענע יוגנט־פֿרייד. איך בין איבערראַשט וואָס איר זייט מיין נאַכט־גאַסט. אָ, ווען איר וואָלט נישט געווען קיין שוועסטער...

— ווען איך וואָלט נישט געווען קיין שוועסטער?

— וואָלט איך אייך פֿאַרגעלייגט מיטצוגיין מיט מיר. איר וואָלט ממש געווען אַ היילונג פֿאַר מיין נשמה.

— אויף וואָס ליידט איר, מ'סיע?

— אויף איינזאַמקייט.

— ווער עס האָט גאָט אין האַרצן קען נישט זיין איינזאַם. האָט נישט וועגן מיר קיין זינדיקע מחשבות. איך בין נישט צום געפֿעלן ווערן.

— ס'איז נישט אמת. איר זייט הויך און שלאַנק. אַ בלאָנדין מיט לאַנגע, גאָלדענע האָר. אין אייערע גרויסע סאַפּירענע אויגן שפּיגלט זיך דער שענסטער לאַנדשאַפֿט פֿון וועלט־באַשאַף. די שפּיצן פֿון אייער קאָפּ־

טורקע זענען, אַרום אייערע שלייפן, צעפּלאָטערט ווי צוויי ווייסע טויבן וואָלטן געשטאַנען אויף אייערע אַקסלען.

— אָ, מיין גאָט, מיין גאָט! איר האָט מיך איבערשראָקן צום טויט. איר האָט דאָך מיך נאָך קיינמאָל נישט געזען, טאָ פונוואַנען ווייסט איר אַלץ אַזוי גענוי? איך גיי אַוועק. איר ווילט מיר נאָך עפּעס זאָגן?

— קיינער הערט נישט?

— ניין, אייער צימער איז אָפּגעזונדערט, די אויפזעערינס שלאָפן.

— און איר וועט נישט זאָגן, אַז איך מיסברויך מיט אייער גאַסט־פריינדלעכקייט?

— ניין, מ'האָט מיך געלערנט, אַז קיין טובות טאָר מען נישט אויס־רעדן.

— אויב אַזוי, וואָלט איך אייך געוואָלט פרעגן, צי אַזאַ מיידל ווי איר, באַפּאַלט נישט אַמאָל אַ בענקעניש אַרויסצוגיין צום לעבן מיט געזאַנג? איצט רופט אייער יונגקייט אַרויס באַוואונדערונג. אָבער ווען איר וועט דאָ בלייבן פאַרשלאָסן?...

— איך האָב ליב באַקומען די פאַרשלאָסנקייט...

— אַ קבר ביים לעבן?...

— מען איז אָבער נענטער צו גאָט.

— נאָענט צו גאָט איז די נשמה נאָר ווען זי ווערט אָפּגעטיילט פון גוף. אָבער כל־זמן דער קערפּער האָט זיך זיינע ערדישע פאַרלאַנגען און בענקענישן?...

— כ'האָב שוין געהאַט מיינע זיסע פאַרלאַנגען און ביטערע אַנ־טוישונגען... דער שטן האָט מיך שוין געהאַט אַריינגעפּאַנגען אין זיין נעץ... דעריבער בין איך איצט אין די הענט פון גאָט.

ביי די ווערטער האָט זיך אַ זילבערן קייטעלע ווידער צעשלענגלט איבערן הימל. אַ דונער האָט אַ קראַך געטאָן. עס האָט זיך פון הויף דער־טראָגן אַ קלונג, וואָס האָט אַ ווײלינקע וויברירט אין דער לופט.

— מ'קלינגט שוועסטער?

— אַ ניין, דאָס איז דער גלאָק פון אונדזער קאַפּליצע, דער אָפּהילך פון דונער האָט אים אַ טרייסל געטאָן.

— אָבער געווירקט האָט עס, ווי גאָט אַליין וואָלט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגןווידערקול.

— איירע רייד קלינגען אין מיינע אויערן ווי אַ גאָט־לעסטערונג. איך גיי אַוועק. איך ווייס דאָך סיי־ווי נישט מיט וועמען איך רעד... כ׳בעט אייך, לייגט אייך שלאָפן!

— איר גייט אַוועק, מאַדמואַזעל? אויב אַזוי, האָב איך דאָך נישט פאַר וועמען דאָ צו פאַרבלייבן... איך בין איצט צו וואַכענדיק צו קענען איינשלאָפן. אפשר וואָלט איר צוגענומען מיין גרויסן דאַנק און מיך אַרויס־געלאָזט אויף דער פריי? איך וועל בעסער שפּאַנען צווישן נאַטור־קינדער, צווישןביימער.

— איך האָב אָבער נישט קיין רעכט אייך אַוועקצולאָזן בייננאַכט. איר האָט פאַרגעסן, אַז איר זייט דער גאַסט פון ישוע המשיח?

— ישוע המשיח? אַך, אַנטשולדיקט שוועסטער, אַנטשולדיקט!... ס׳איז פאַר מיר באמת אַ גרויסע זכיה... אָבער... איר הערט מיך?

יוסף לערנער האָט מער נישט געפילט דעם אָטעם פון יענער זייט. דאָס ליכט אין דער טיר־שפּאַרונקע האָט זיך מער נישט געוויזן. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן ווי אַ געפאַנגענער אין אַ פינצטערער תפיסה־קאַמער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט אַ פאַרטראַכטער:

„וואָס האָב איך זיך אייגנטלעך מורא צו לייגן שלאָפן?... ס׳איז דאָ אין בעט וועך אָפּגעשטאָרבן?... דער מענטש ווערט דאָך סיי־ווי יעדן טאָג אָפּגעבונדן פון לעבן און צוגעבונדן צום טויט“...

דער גורל פון אַ בוים

אין יענעם ווינטערדיקן טאָג האָט מיך עפּעס באַהערשט אַזאַ אומרו, אַז כ'האָב מיר ממש קיין אָרט נישט געקענט געפינען. בכדי אויסצומיידן אַלטע באַקאַנטע, וואָס צוליב היימישקייט קריכן זיי צו ווייט אַריין אין יענעמס אינטימער וועלט, בין איך אַוועק אין אַ פרעמדער געגנט — אַרום די עליזיי־פעלדער.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברייטער טעראַסע מיט גלעזערנע ווענט, פאַרמירט ווי אַ האַלבע לבנה. איך האָב באַטראַכט די קאָפּע מיט אַ נייגעריקייט פון אַ פרעמדן. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט באַטרעטן די טונקל־גרינע דיוואַנען, וואָס האָבן איבערגעצויגן דעם פּאַרקעט פון אינעווייניק ביז אַרויס צו די טעראַסע־ראַנדן. די סטאַטועטקעס אין פּאַנטאַסטיש־באַלויכטענע נישעס, די גירלאַנדעס הינטער די טיולענע פאָרהאַנגען, די אַבסטראַקטע מאַלערייען אויף די ווענט, די בלומען־בוקעטלעך אין קרישטאָלענע וואַזאַנטשיקעס, די גראַציעזע קעלנערקעס אין וויאָלעטענע שירצלעך, וואָס האָבן פון טישל צו טישל אַרומגעשוועבט מיט דער לייכטקייט פון גאַזעלן — אַלץ האָט מיך דערמאָנט אין אַן אָפענער דעקאָרירטער בינע.

די עלעגאַנטע געסט פון „באַמאָנד", בפרט די לוקסוס־דאַמען, וואָס האָבן דאָ אַריינגעבראַכט די שענסטע קליידער און פריזורן פון די סאַמע רייכסטע מאָדע־הייזער און פריזור־אַנשטאַלטן, האָבן איינציקווייז איינגעשטילט מיינע אויפגערייצטע נערוון. די באַוועגונג, אַריין און אַרויס, פון פאַרשידנאַרטיקע געשטאַלטן, האָט מיך דערמאָנט אינעם געראַנגל פון זאַטן מענטש — מיט דער לאַנגווייליקייט. איך האָב זיך פאַרקוקט אויף אַ מאַן אין אַ שוואַרצן בעכער אויף זילבערנע האָר, אַ ציגאַר אין מויל, די הענט אָנגעלענט אויפן הענטל פון אַ שירעם. ער האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויפן האַנט־זייגערל. ער האָט מסתמא דערוואַרט זיין „געליבטע", וואָס האָט מיט איר יוגנט אויף אַ וויל געזאָלט אָפּמעקן די טויטן־חתימה פון זיין פּנים.

איך האָב זיך מיטאַמאָל געמומען איינקוקן אין אַ בוים, וואָס איז גע־שטאַנען ביים ראַנד פונעם קעגנאיבערדיקן טראָטואַר. דער בוים איז איצט געשטאַנען אַ נאַקעטער. זיינע דיקע צווייגן און דינינקע צווייגעלעך האָבן זיך אין דער גאָלד־בלויער אַרומיקייט אויסגעטיילט מיט זייערע זיגזאַגישע ליניעס, וואָס האָבן זיך אַריינגעצייכנט אין דער לופט. בעת אַ צווייגל האָט אַ ציטער געטאָן, האָב איך דערפילט די בענקשאַפט פון בוים, וואָס האָט ביי מיר געשאַפן דעם איינדרוק, אַז ער שטייט אין שיינעם העלן טאָג און חלומט:

„אָט באַלד וועלן זיך עפענען מיינע קנאָספּן. די דאָזיקע שפּראָצ־אייגעלעך זיינען מיינע אויגן וואָס זעען דאָס ליכט פון דער וועלט. איך וועל זיך ווידער אָנטאָן דאָס באַלאָוועו קלייד פון גרינע בלעטער. דער בלעטער־געוועב דינט מיר תמיד ווי אַ פּעכער, ווען די היצן באַפאַלן מיך. די פייגל וועלן צוריקקומען פון די וואַרעמע לענדער. זיי וועלן זיך ווידער שטעלן אויף דער קרוין פון מיין קאָפּ און שפּילן. איך וועל ווידער טאַנצן מיט אַלע מיינע גלידער. כאַ־כאַ־כאַ! מיר ביימער זענען געגליכן צו שעפּסן. מען שערט זיי די וואָל ווינטער־צייט און זומער וואַקסט זי צוריק. אוודאי טריפט מיר דאָס האַרץ אין האַרבסט, בעת מיינע בלעטער ליגן טויטע ביי מיינע פיס, יעדער נישטיקער פאַרבייגייער וואָס האָט זיי פריער נישט גע־קענט דערגרייכן, טרעט זיי איצט מיט די פיס, אַ בעזעם קערט זיי אַריין אין אַ פּליסיקן רינשטאָק. אָבער דערפאַר איז מיין פרייד אין פרילינג גרעסער און שטאַרקער ווי ביי די באַשעפענישן וואָס שטאַרבן נאָר איין מאָל".

איינלעבנדיק זיך אינעם חלום פון בוים, פיל איך עפּעס אַן אויפ־גערודער אין מיין נשמה. דאָס דרויסנדיקע נאַטור־בילד, דאָס קאָסמישע ליכט־ און שאָטן־שפּיל, און די קאַפּע־לאַנדשאַפט מיט אירע ליכט־עפעקטן, מאָלן זיך אַריין אין מיין געמיט.

מיטאַמאָל פאָרט אָן אַ לאַנגער, אָפענער לאַסט־וואָגן מיט אַ גרינע מעטאַלענע לייטער אויפן רוקן, און שטעלט זיך אָפּ ביים בוים. פון שאָ־פערסקע געזעס שפּרינגען אַראָפּ צוויי אַרבעטער. זיי טוען זיך גלייך אויס די קורצע לעדערנע בלוזאָנס און לייגן זיי אַוועק אויפן טראָטואַר. איינער נעמט פון וואָגן אַראָפּ אַ ברייטע זעג, און איידער איך כאַפּ זיך וואָס דאָ קומט פאָר, נעמען זיי אונטערזעגן דעם בוים.

די צוויי אַרבעטער ווערן איינגערעמט אין אַ מענטשן־געזעמל, וואָס שטייט פאַרגאַפט און קוקט זיך איין ווי מען זעגט דעם בוים. אַ ייִנגעלע

מיט אַ פינגער אין מויל שטייט אַ צעשמייכלטער. איך הער פונדערווייטנס דאָס סיקען פון דער זעג וואָס גרילצט מיר אין מוח. ערשט איצט דערזע איך, אַז אויפן בוים איז געווען אויסגעקריצט אַ קרייץ.

אין מיינע אויערן רוישן די רייד פון מיינע שכנים:

— אַ קראַנקער בוים?

— ניין, אַ געזונטער, ער האָט נאָך געקענט לאַנג לעבן, אָבער מ׳עפנט דאָ אַ גאַראַזש, דער בוים וואָלט געשטערט דעם אַריינפאָר.

גראָד אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַן אָפּהילכנדיקער געקראַך. אַן איבערגעשראָקענע טויב איז אַוועקגעפלויגן. דער בוים איז אַנידער־געפאַלן, איבערלאָזנדיק אויפן טראָטואַר שמאָלע שטרייפלעך פון האָלץ־מעל. דער בוים איז איצט געלעגן מיט אָפענע אָדערן, וואָס האָבן אפילו איבערגעשניטענערהייט געצויגן צום שטאַם, ווי קינדער אַוועקגעריסענע פון דער מוטערס ברוסט־וואָרצלען. די צווייגלעך האָבן נאָך אַ לענגערע ווייל געציטערט.

באַלד האָט זיך דאָס קאָסמישע ליכט אַראָפּגעזעצט. ס׳איז געוואָרן טונקעלער, סומנער. דער הימל האָט זיך פאַרכמאַרעט.

טראַכטנדיק אַזוי וועגן גורל פון בוים, האָב איך פּלוצלונג באַמערקט ווי זיינע צווייגן אויפן טראָטואַר זיינען כהרף־עין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומגעהויערער גרויסער שוואַרצער שפּין, וואָס האָט אין דער לענג און אין דער ברייט אויסגעשפּרייט אַ נעץ.

די נעץ האָט נאָכאַנאַנד אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר פיס. אָט איז אַ יונג מיידל אויף איין פוס אַרויסגעשפּרונגען פון דער פּאַסטקע, איבערלאָזנדיק אַ שיכל אין דער צווייגן־וועבטקע; אָט האָט אַ יונגע דאַמע זיך צעלאַכט, בעת איר שטיוועלע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער צווייגן־כאַפּקע. ס׳איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן, אָבער מיטאַמאָל האָט זיך צו מיינע אויערן דערטראָגן אַ מוראדיקער אויסגעשריי.

ס׳איז געוואָרן אַ מהומהדיקער אָנגעלויף. פאַרסאַפּעטע קולות פון מענער און פרויען האָבן אָפּגעהילכט אין דער לופט. ס׳האָט דאָ ווער אויס־געהאַקט דאָס סיגנאַל־שייבל און אַרויסגערופן די גיכע־הילף. צווישן דעם צווייגן־געפלעכט איז געלעגן אַן אַלטער מאַן מיט אַ געשפּאַלטענעם שאַרבן.

דאָס ווייס־שוואַרצע קעטשל פון דער גיכער־הילף איז רעשיק אָנ־געפאָרן. די הינטער־טירן האָבן זיך אויפגעפּראַלט. אַ גרין פעלד־בעטל האָט זיך אַ הויב געטאָן איבער מענטשן־קעפּ. צוויי סאַניטאַרן האָבן צו־

גענומען דעם אַלטן מאַן. דאָס קעטשל האָט איבערגעלאָזט אַ קוויטשעדיקן געטרובע און איז פֿאַרשוווּנדן. אַ מיטפּילנדיקע פרוי האָט מיט אַ זיפֿץ אַ זאָג געטאָן: „ער איז געבעך טויט".

איינציקוויז איז זיך דער עולם צעגאַנגען. צווישן די צווייגן איז געבליבן ליגן אַ ברוינער שטעקן, אַ שוואַרצער הוט און אַ פּאָר צעבראָכענע ברילן.

אינהאַלט:

אַ וואָרט פריער 9

פאָלקלאָריסטיק

דעם בעל־שם־טובס תלמיד און דער בישאָף 15
דעם קעניגס ווייס פערד 46
מיין זיידנס ברכות 66
בלוט 78
אין אַ ליידיקער שטאָט 87
דאָס קעלבל 98
ווער האָט באַזיגט? 104
דעם מלמדס טאָכטער 110
די האַק 129
דאָס ווייסע ציגעלע 134
דער גאָלדענער צאָן 139

פאַריזער דערציילונגען

קאָשמאַרן אין אַ מאַי־נאַכט 151
שבת־ליכט 164
די צוויי געטינס 182
צופוסנס דעם באַלזאַק־מאָנומענט 186
מאָרפעוס 192
דער יאַפּאַנישער פעכער 202
דאָס כפּרה־הינדל 209
די מאָדעלקע 216
ביי אַ פאַרמאַכטער טיר 225
דער גורל פון אַ בוים 234

פון זעלבן מחבר:

אותיות אין בלוט — 1948,
אַ נייער טאָג גייט אויף — 1952,
דער באַהאַלטענער ייד — 1954,
די לעצטע געטאָ — 1961,
דער קאַרשנבוים — 1961,
בעל־שם־טוב מאַטיוון — 1977.

אַ יישר־כוח דעם דרוקער פּערסאָנאַל: יוסף שעכטער, נפתלי מילנער, יהושע זיידמאַן, פאַרן אויפמערק, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסקומען ריין און עסטעטיש.

ABRAHAM WAJC

BAL-SCHEM-TOV ET SON DISCIPLE

NOUVELLES

Paris

1977

3994-1-4